הויפּטפאַרקויף:
יידישע אַרבעטער בוכהאַנדלונג
Jüdische Arbeiter-Buchhandlung
Berlin N 24, Auguststraße 17

Buchdruckerei Lutze & Vogt, G. m. b. H., Berlin SW 48.

א. ראָזין (בן־אדיר)

# אין כאַאָס

## פון לעבן און דיינקען

פאַרלאַג „דאָס פרייע וואָרט"
בערלין, תרפ״ה 1925

# אינהאַלט:


וואוהין גייען מיר . . . . . . . . . . 9

ראַטן־רוסלאַנד און זיין עקאָנאָמישע פּאָליטיק
(באָלשעוויזם און סאָציאַליזם) . . . . . . . . 30

דער ראַטן־רעזשים און די יידן אין רוסלאַנד . . . . . 52

די טראַגעדיע פון קאַסרילאָווקער דיקטאַטור . . . . . . 73

פון בריוו צו חברים:

I דער שוים פון דער כוואַליע . . . . . . . . . 93

II דער וידוי הגדול . . . . . . . . . 97

באָלשעוויזם, פאַשיזם און סתם רעאַקציע . . . . . . 105

צום קריזיס אין סאָציאַליזם:

I אנשטאט אַ הקדמה . . . . . . . . . . . 111

II וועגן עקספּערימענט . . . . . . . . . . . 114

III וועגן מהות פון סאָציאַליסטישן אידעאַל . . . . . . . . 119

IV וועגן דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און דעם נייעם מענטשן . 131

V וועגן דעם וועג צום סאָציאַליזם און דער גרונד־סתירה אין דער סאָ־
ציאַליסטישער באַוועגונג . . . . . . . . . . 144

VI וועגן סאָציאַליזם און עטיק . . . . . . . . . . 157

VII וועגן דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע . . . . . . . . 169

VIII וועגן דער פּאַרטיי, וועמען ס'געהערט די צוקונפט . . . . . 180

* *
*

די פאָלגנדיגע אַרטיקלען זיינען געשריבן געוואָרן אין משך פון די לעצטע זעקס יאָר, אין צייט פון גרויסן כאַאָס אין לעבן און דיינקען, וואָס האָט זיך נאָך ווייט ניט פאַרענדיגט.

דאָס איז, נאַטירליך, ניט קיין סך־הכּל, נאָר בּלויז אַ פּרוב צו געבן אַ טיילווייזע אָפּשפּיגלונג פון דער אידעאָלאָגיע פון יענע איינזאַמע יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך געלאָזט שווימען קעגן דעם אַלגעמיינעם שטראָם, וואָס אין יענע יאָרן האָט ער פאַרפלייצט די גאַנצע יידישע סאָציאַליסטישע נאַס. ווי אָפּגעשטויסענע, ווי סאָציאַליסטישע „אחר׳ס“ האָט מען אונז דעמאָלט בּאַטראַכט און בּאַהאַנדלט. נאָך מיט דריי יאָר צוריק זיינען אַזוינע אַרטיקלען, ווי די, וואָס ווערן דאָ געבּראַכט, אוממעגליך געווען צו פאַרעפנטליכן אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע, ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין פּוילן אָדער אַמעריקע: אַזוי אָפּגעפרעגט זיינען זיי דעמאָלט געוועזן, אין אַזאַ טיפער סתּירה צו דער אַלגעמיינער שטימונג האָבן זיי זיך געפונען. דער בּאָלשעוויסטישער ראַטן־היפּנאָז האָט דורכאויס בּאַהערשט ניט בּלויז די קאָמוניסטישע, נאָר אויך די סאָציאַליסטישע רייען.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך די לאַגע שאַרף געענדערט, אַ סך פון דעם, וואָס מ׳האָט געווען אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן, פון וואָס מ׳האָט זיך מיט די הענט און מיט די פיס געווען אָפּגעטרייסלט, הויבּט ווידער אָן אַריינדרינגען אין די מוחות און הערצער, פיל פון די „אָפּגעפרעגטע“ געדאַנקען, וואָס ווערן דאָ אַרויסגעזאָגט, הויבּן זיך ווידער אָן צו פאַרוואַנדלען אין סאָציאַליסטישע אלף־בּית, און ערטערווייז קאָן עס אפילו אויסזעהן אַזוי, ווי איך וואָלט זיך געשטויסן אין אָפענע טירן.

און דאָך האָב איך קיין שום ענדערונגען אין די אַרטיקלען ניט אריינגעבראַכט און זיי איבערגעלאָזט אַזוי, ווי זיי זיינען בשעתם געווען געשריבן, אונטערן איינפֿלוס פֿון דער באַשטימטער צייט, אין צוזאַמענהאַנג מיט די באַשטימטע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, וואָס האָבן זיי אַרויסגערופֿן. ווייל איך האַלט, אַז די אָפּשפּיגלונג פֿון דעם געדאַנקען־גאַנג, די אַנטוויקלונגס־געשיכטע אין דער אידייען־וועלט, אַזוי צו זאָגן, אידייען־מעמואַרן האָבן זיך זייער ווערט און זיינען אפשר ניט ווייניגער באַרעכטיגט און ניט ווייניגער וויכטיג, ווי די כּלערליי מעמואַרן וועגן געשעהענישן און פּאַסירונגען.

נאָר דער עיקר איז אָט וואָס: די גרונד־פּראָבלעמעס, וואָס דער שווערסטער אידייאישער קריזיס אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט אַרויסגערוקט און אַוועקגעשטעלט אויפֿן סדר־היום, האָבן ביי אונז, אין דער יידישער סאָציאַליסטישער וועלט, לחלוטין קיין שום ערנסטן אָפּקלאַנג ניט געפֿונען: אומזיסט וואָלט איר ביי אונז געזוכט אַ פּיל ווייניג ערנסטע באַטראַכטונג און באַלויכטונג פֿון די פּראָבלעמעס. מיר באַגענוגענען זיך בלויז מיט לייכטע, אויבערפֿלעכליכע, דאָס רוב, פּאָלעמיש־דעמאַגאָגישע צייטונגס־אַרטיקלען — אַזאַ גייסטיגע אָרימקייט האָבן מיר אַרויסגעוויזן... און אויב דער דאָזיגער זאַמלבוך וועט כאָטש אין אַ וואָסער ס'ניט איז מאָס אויפֿוועקן דעם ערנסטן און אויפֿריכטיגן אינטערעס צו אָט די פּראָבלעמעס און שטויסן צו פֿאַרטיפֿן זיך אין זיי, וועט עס הייסן, אַז ער האָט זיין אויפֿגאַבע ערפֿילט.

אווגוסט, 1924

# וואוהין גייען מיר

(אַן אָפענער בריוו צו די חברים פון דער „פאַראייניגטער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פאַרטיי")

I

פאַר די לעצטע פאָר חדשים האָט דער אוקראַינער טייל פון אונזער פאַרטיי דורכגעמאַכט אַ אומגעהויערן אידייאוישן און פאָליטישן סאַלטאָ־מאָרטאַלאַ: פונם היסטאָרישן שליאַך פונם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם האָט זיך די פאַרטיי אַראָפּגעשלאָגן אויפן וועג, וואָס פירט צום קאָמוניזם... שאַרף און בולט האָט זיך עס אויסגעדריקט אין די אָנגענומענע רעזאָלו־צ׳עס פון דער צווייטער אוקראַינער קאָנפערענץ, וואו עס איז אויסגע־אַרבעט געוואָרן די נייע פּראָגראַם און טאַקטיק פון דער פאַרטיי. צווישן עבר און הוה פון דער פאַרטיי איז אוועקגעלייגט געוואָרן אַ טיפער, אַ גרעניצלאָזער תּהום, און מיר, די חברים, וואָס זיינען די גאַנצע צייט געווען אָפּגעריסן פון קיעוו און קיין מעגליכקייט ניט געהאַט צו קומען אויף דער קאָנפערענץ, זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ פאַקט: גערעכנט זיך שטענדיג פאַר מיטגלידער פון אַ סאָציאַליסטיש־דעמאָ־קראַטישער פאַרטיי, זיינען מיר אין איין שיינעם פריהמאָרגן אויפ־געשטאַנען און זיך דערוואוסט, אַז מיר זיינען מיט מזל געוואָרן קאָ־מוניסטן.

אַלס איינער פון די חברים, וואָס האָט פון ערשטן מאָמענט אָן, זינט עס איז אויפגעקומען אונזער פאַרטיי, ביז איצט (פריהער אין י"ס און דערנאָך — אין דער „פאַראייניגטער") כסדר געפונען זיך אין די

אָנפירנדיגע אָרגאַנען פון דער פּאַרטיי, האַלט איך פאַר מיין געזעלשאַפטליכן חוב ווענדן זיך צו די פּאַרטיי־חברים אין דעם אויסשליסליך קריטישן מאָמענט פון פּאַרטיי־לעבן מיטן פאָלגנדיגן בריוו. ווי אַן אַנטשיידענער קעגנער פון דער שפּאָגל־נייער ריכטונג, וויל איך דאָ שאַרף און קאַטעגאָריש אָפּגרעניצן זיך פון איר, כדי ניט טראָגן פאַר איר קיין שום אחריות. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז צוליב די איינגע ראַמען פון מיין בריוו וועט מיר אויסקומען מער דעקלאַרירן, איידער באַגרינדן. דאָס לעצטע וועל איך זיך באַמיהען טון אין ספּעציעלע אַרטיקלען.

דער הויפּט־יסוד, דער אבן־הפּנה, אויף וואָס ס׳ווערט געבויט די נייע פּראָגראַם און טאַקטיק פון דער פּאַרטיי, איז די הנחה, אַז עס קומט איצט פאַר אַן אַלוועלטליכע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, אַז די גאַנצע מענטשליכע געזעלשאַפט ווערט אַצינד איבערגעבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. און דאָס ווערט באַטראַכט ניט בלויז אַלס אַ *השערה*, נאָר אַלס אַ *פּשוטער עלעמענטאַרער אמת*, אַלס אַ *קלאָרע אַקסיאָמע, וואָס דערלאָזט לחלוטין קיין שום ספקות ניט.* פאַר דער גרעסטער מערהייט פון דער קאָנפערענץ איז געוויס קלאָר געווען, אַז די נייע פּראָגראַם און טאַקטיק פון דער פּאַרטיי שטעלט אַלץ אַוועק אין קאָן: ניט נאָר די צוקונפט פון דער פּאַרטיי, נאָר אויך די צוקונפט פון סאָציאַליזם, די צוקונפט פון דער געזעלשאַפט בכלל. ווארום ווען די מעשה זאָל ניט זיין אַזוי, ווען מיר זאָלן זיך ניט געפונען אין פּראָצעס פון אוממיטלבאַרן איבערבויען די געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות, וואָלט דאָך גאָר קיין שום רייד ניט געקאָנט זיין, אַז די אָנגענומענע נייע פּראָגראַם און טאַקטיק גראָבט אויס אַ טיפע גרוב פאַרן סאָציאַליזם און פירט אומפאַרמיידליך צום חורבן פון דער געזעלשאַפט. ובמילא איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די גרעסטע מערהייט פון דער קאָנפערענץ וואָלט בשום אופן ניט איינגעגאַנגען אויף אַזאַ פאַרברעכערישן אַוואַנטיוריזם, ווען זי זאָל ניט באַטראַכטן דעם גרונד־יסוד פון איר נייער פּראָגראַם און טאַקטיק אַלס אַ אַקסיאָמע.

און שוין אָטאָ דאָ, בנוגע אָט דער גרונד־הנחה, מוז איך, חברים, אָפן זאָגן, אַז איך בין אַ גרויסער אַפּיקורס. איך האַלט, אַז די דאָזיגע הנחה איז ניט מער ווי אַ *השערה* און דערצו ניט גענוג באַגרינדעטע, ניט טעאָרעטיש און ניט פּאַקטיש. ס׳איז לחלוטין ניט דערוויזן געוואָרן,

אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט שוין אויסגעשעפּט אַלע אירע שאַפנדיגע מעגליכקייטן, און איר ווייטערדיגע אַנטוויקלונג איז אויסגעשלאָסן. די אַלע השערות, וואָס ווערן אין דעם זין אַרויסגעזאָגט, טראָגן מער אַ כאַראַקטער פון סוביעקטיוון וואונש, איידער אָביעקטיווע באַווייזן... קענן די דאָזיגע השערות ווערן אַרויסגעשטעלט אַנדערע, וואָס זיינען אפשר ניט ווייניגער באַגרינדעט, אַז מיר שטייען בלויז פאַר אַ נייער תקופה אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. געוויס וועט די נייע תקופה זיין אַ גרויסער טריט פאראויס אויפן וועג צום סאָציאַליזם, דאָס איז אָבער כלל וכלל ניט דער סאָציאַליזם זעלבסט.

נאָך פיל ווייניגער איז דערוויזן געוואָרן, אַז אין דער געזעלשאַפט זיינען שוין צייטיג געוואָרן די אומבאַדינגט נויטווענדיגע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע מאָמענטן, אָהן וואָס די פאַרווירקליכונג פון סאָציאַליזם איז אַבסאָלוט אוממעגליך. אמת, אַזוינע זאַכן איז שווער צו דערווייזן, ווי זאָגט מען עס, שוואַרץ אויף ווייס. נאָר אויב ס'איז נאָך ניט אויפגעזוכט געוואָרן יענע דירעקטע וואָג און מאָס, וואָס זאָל אוממיטלבאַר אָפּוועגן און אָפּמעסטן די מדרגה פון סאָציאַליסטישער רייפקייט און צייטינגקייט פון דער געזעלשאַפט, זיינען דאָך דאָ גענוג אומדירעקטע ראיות, גענוג זייטיגע סימנים און אָנווייזונגען, וואָס גיבן אונז די מעגליכקייט פיל ווייניג ריכטיג אָריענטירן זיך אין דער פראַגע.

די וועלט-מלחמה, וואָס האָט אונטערגעפירט אַן אַנטשיידענעם סך-הכל אַ געוויסער שטופע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און באַשיימפערליך באַוויזן, אַז די דאָזיגע שטופע האָט שוין איר צייט אָפּגעלעבט, האָט אָבער אויך קלאָר און דייטליך באַוויזן, ווי אומגעהויער ווייט איז אפילו דער אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט, דער פראָלעטאַריאַט, פון סאָציאַליסטישן ארט דיינקען און פילן. ביים ערשטן ערנסטן נסיון איז דער אינטערנאַציאָנאַל, אָט דער הייליגער טעמפל, די קדשי-קדשים אונזערע חרוב ומוחרב, פאַרשוועכט און צעפאַלן געוואָרן. ביים ערשטן גרויסן און שווערן צוזאַמענשטויס האָט זיך שאַרף און בולט אַרויסגעוויזן, ווי שרעקליך קליין און נישטיג איז נאָך דאָס אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע מהות פון פראָלעטאַריאַט, און פאַרקערט, ווי אומגעהויער גרויס און מעכטיג זיינען די אַלטע, די טיף איינגעוואָרצלטע אין זיין נשמה פרימיטיווע, נאַציאָנאַליסטיש-שאָוויניסטישע אינסטינקטן,

אין װעמעס געפענגעניש ער געפינט זיך נאָך עד היום כמעט אינגאַנצן, װי ער איז גרױס. די צענדליגער מיליאָנען פּראָלעטאַריער, װאָס האָבן בײם ערשטן ערנסטן נסיון אינאײנעם מיטן גרעסטן טײל פון אונזערע לערער און פירער געװאָרפן זיך אײנע אױף די אַנדערע, װי בלוטדורשטיגע חיות — אָט זײ זאָלן דאָס זײן די טרעגער פון סאָציאַליזם, די בױער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט?.. זאָגט אײך, װאָס איר װילט, נאָר עס לאָזט זיך ניט גלױבן, אַז דער דאָזיגער דור־המדבר איז צוגעגרײט, איז פײהיג אײנצופירן דעם סאָציאַליזם, אַז ער האָט אײנגעזאַפּט אין זײן נשמה לכל הפּחות די עלעמענטאַרע יסודות פון סאָציאַליסטישן װעזן, אָהן װאָס די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט קאָן להלוטין קײן קיום ניט האָבן.

נאָר איר װעט אפשר אַפּעלירן צו פאַקטן? אָט האָבן מיר דאָך פאַקטיש אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין גרױס־רוסלאַנד, װאָס עקסיסטירט שױן דאָס צװײטע יאָר, און װערט אַלץ שטאַרקער און מעכטיגער, האַלט אָפּ אײן נצחון נאָכן צװײטן, און פאַרשפּרײט איר ממשלה ביסלאַכװײז איבער די איבעריגע טײלן פון געװעזענעם רוסלאַנד. אָט קומט פאַקטיש פאָר פאַר אונזערע אױגן אַ סאָציאַליסטישע רעװאָלוציע אין דײטשלאַנד, און גאָר אינגיכן װעט זי זיך מסתמא אַריבערװאַרפן אױך אין דער מחנה פון די זיגער. װאָס קאָן זײן איבערצײגנדיגער פאַר פאַקטן? זײ שטעכן דאָך ממש די אױגן.

איך קאָן בשום אופן ניט לײקענען, אַז די פאַקטן זײנען װירקליך טיף איבערצײגנדיג, זײ שטעכן פשוט די אױגן, נאָר צום גרעסטן אומגליק באַװײזן זײ פונקט דעם היפך פון דעם, װאָס מען װיל מיט זײ באַװײזן... פאַר אַלע רעאַליסטיש דײנקנדיגע מענטשן (פון מאַרקסיסטן שױן אָפּגערעדט) איז פאַראױס געװען קלאָר װי טאָג, אַז דאָס דורכאױס אָפּגעשטאַנענע, אַנאַלפאַבעטישע, פױערישע רוסלאַנד איז אַבסאָלוט ניט צוגעגרײט צום סאָציאַליזם. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַזאַ פשוטן, אַזאַ עלעמענטאַרן אמת, װאָס דערלאָזט להלוטין קײן שום ספקות ניט. און דאָס ערשטע יאָר פון דער סאָציאַליסטישער רעװאָלוציע אין רוסלאַנד האָט אױפן שאַרפסטן און בולטסטן אופן פאַקטיש באַשטעטיגט די דאָזיגע טעאָרעטיש קלאָרע און אומצװײפלבאַרע הנחה. דער פולער און האָפענונגסלאָזער באַנקראָט פון דעם סאָציאַליסטישן

עקספּערימענט אין רוסלאַנד איז ביי אונז אַלעמען פאַר די אויגן. וויפיל איר זאָלט ניט דרייען מיטן גראָבן פינגער, וואָס פאַר אַ דעמאַגאָגיע איר זאָלט ניט באַנוצן, וועט איר דעם דאָזיגן שרייענדיגן פאַקט ניט באַהאַלטן: ער שפּאַרט פון אַלע זייטן מיט געוואַלד און אימפּעט פון אַ שרעקליכער סטיכיע...

איך וועל דאָ, אַלס אילוסטראַציע, אָנווייזן אויף איין קליינטשקן ביישפּיל, איינעם פון הונדערט און טויזנט.

מען זאָגט, אַז אין ראַטן־רוסלאַנד האָבן די פאַבריקן און זאַוואָדן דערפאַר פאַרמאַכט זיך איינער נאָך אַנדערן, ווייל דער „סאָציאַליסטישער אָאַזיס" איז געווען אָפּגעשניטן פון די מקורים פון קוילן און רויען מאַ־טעריאַל בכלל. לאָמיר אָננעמען, אַז די מעשה איז טאַקע אַזוי, לאָמיר אָננעמען, אַז אָט דער כלומרשט „צופעליגער" מאָמענט איז די איינ־ציגע סבה, פאַרוואָס דאָס אינדוסטריעלע לעבן אין ראַטן־רוסלאַנד ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ נהרסער, אַלץ מער חרוב ומוחרב. ס'איז אָבער דאָ איין מין רויער מאַטעריאַל, וואָס דער מקור זיינער איז דוקא ראַטן־רוסלאַנד. ס'איז באַוואוסט, אַז ראַטן־רוסלאַנד איז באַדעקט מיט אַ געדיכטע נעץ פון אומגעהויערע וואַלד־רייכטימער, וואָס אמאל, אפילו בימי ניקאָלאַי, פלעגן סטייען ניט נאָר אויף צו באַפרידיגן די איינענע באַדערפעניש, נאָר מיט זיי פלעגן זיין פול די מערק פון דרום און מערב. אַצינד, באַרשטייט זיך, איז ווענן די דאָזיגע מערק ניט אויס־געקימען צו זאָגן, מען האָט געדאַרפט באַזאָרגן נאָר זיך זעלבסט. אין דאָ איז געשען עטוואָס מערקווירדיגס, אַזוינס, וואָס לאָזט זיך ממש ניט גלויבן: ביז יאַנען ס'זיינען געווען פון פריהער אָנגעגרייטע רעזערוון פון געהילץ, דאַכט מען זיך ווי עס איז דורכגעלעבט, אָבער ווי נאָך די רע־זערוון האָבן זיך אויסגעשעפּט, איז אַנטשטאַנען אַ האָלץ־הונגער. און מען דאַרף נאָך נעמען אין אַכט, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן קאָמפּליצירטע געהילץ־מאַטעריאַלן, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אויף די זעג־מילן, דאָ שמועסט מען פּשוט פון ב ר ע ן־ה אָ ל ץ: דאָס איינגעטונקטע אין וועלדער ראַטן־רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן שרעקליך פרירן... די אַלע כחות, וואָס זיינען אַוועקגעלייגט געוואָרן, די אַלע מיטלען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן מצד די אַלערליי ראַטן און קאָמיסאַריאַטן, האָבן כמעט צו גאָרנישט געבראַכט. פאַר דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט פון ראַטן־

הױלאַנד האָט זיך אַרױסגעװיזן דורכאױס אוממעגליך צו לײזן אַזאַ װירט-שאַפטליכע פּראָבלעם, װי באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט האָלץ אין אַ װאַלד-ראַיאָן... און ס'איז דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז די „פּראַװדא" האָט ערנסט אָנגעהױבן באַטראַכטן דעם פּלאַן, װי אַזױ אױסנוצן אַלס ברען-מאַטעריאַל די הילצערנע געבײדעס פון מאָסקװע, און דער מאָטיװ דערבײ איז געװען אַזאַ: סײ װי סײ װעט די באַפעלקערונג זײן געצװאונגען צו טון דאָס סטיכיש, זאָלן מיר דאָס בעסער טון אָרגאַניזירטערהײט...

אָט האָט איר פּאַר זיך אַ קלײנעם בײשפּיל, אײנעם פון הונדערט און טױזנט, אָבער אין תוך אַרײן אַ שױדערהאַפטן בײשפּיל, װאָס טראָגט אין זיך אַ טױט-אורטײל אונזערע סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן. אפילו פּאַר שטאָק-בלינדע דאַרף שױן אַצינד קלאָר װערן װי טאָג, אַז מיט די סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן זײנען מיר געקומען פּאַר אַ טױבער װאַנט, און װיפיל מיר זאָלן ניט קלאַפּן מיטן שטערן אין װאַנט, װעלן מיר דעם מױער ניט דורכברעכן, מיר װעלן זיך נאָר צעקאַלעטשען דעם מוח און ניט מער... װײל ס'איז נאָך ניט באַשאַפן געװאָרן דער כּח, װאָס זאָל זײן בּיכולת משנה מאַכן די סדרי-בראשית, דורך קײן כשוף-מאַכערײ װעט זיך אײך ניט אײנגעבן צו פאַרװאַנדלען אַ דורכ-אױס אָפּגעשטאַנענע װירטשאַפט אין אַזאַ העכסט אַנטװיקלטן װירט-שאַפטליכן אָרגאַניזם, װי אַ סאָציאַליסטישן, װאָס פאָדערט אַן אומגע-הױערן װאוקס פון די פּראָדוקטיװע קרעפטן. דורך קײן נסים װעט איר ניט באַװײזן צו פאַרװאַנדלען די צענדליגער מיליאָנען אַנאַלפאַבעטישע דאָרפישע פױערים און שטאָטישע קלײן-בירגער, װאָס זײנען דורך און דורך, ביזן מאַרך פון די בײנער, דורכגעדרונגען מיט קלײן-בירגערליכע אינסטינקטן, קלײן-אײגנטימערישע אינטערעסן און נײגונגען, אין טרעגער פון סאָציאַליזם און שעפער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. און אָטאָ די צענדליגער מיליאָנען בילדן דאָך דעם הױפּט-יסוד פון אונזער װירטשאַפטליכן לעבן! דער פּראָלעטאַריאַט איז, ערשטנס, לפי-ערך זעהר קלײן און אומבאַדײטנד אין צאָל, צװײטנס, געפינט ער זיך אױך אױף אַ גאַנץ נידעריגער מדרגה פון אַנטװיקלונג, און דערצו, אַדאַנק דער מלחמה און חורבן פון דער אינדוסטריע, איז ער מערסטנטײלס פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ דעקלאַסירטער און שטאַרק דעמאָראַליזיר-טער מאַסע.

היוצא מזה — דאָס, װאָס ס'האָט **געמוזט** געשען, איז

געשען. ס'איז באַשאַפן געוואָרן אַ קאָלאָסאַלער, אַ משונה־ווילדער ביוראָקראַטישער מעכאַניזם, וואָס קיין אומה ולשון, קיין געזעלשאַפטליכע אָרדענונג ווייס פון אים ניט, און וואָס איז אין ווירטשאַפטליכן זין דורך און דורך פרוכטלאָז און מאַכטלאָז, וואָס איז אַבסאָלוט אומפעיהיג צו וואָסער ס'ניט איז שאַפנדיגער ווירטשאַפטליכער אַרבעט. אויפגאַבן שטעלט מען זיך די סאַמע גרעסטע, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן, און אויספירן קאָן מען אַפילו דאָס סאַמע קלענסטע ניט. איר האָט דאָ פאַר זיך אַ גראַנדיעזע מאַשין, וואו די קאָלאָסאַלע מאכאווע רעדער דרייען זיך אין דער וועלט אַריין און קאָנען ניט ברייגנען אין באַוועגונג קיין איין אבר אפילו פון ווירטשאַפטליכן אָרגאַניזם. דערפאַר אָבער האָט דער דאָזיגער משונה־ווילדער ביוראָקראַטישער מעכאַניזם באַוויזן צו אַנטפּלעקן די ערגסטע און שעדליכסטע זייטן זיינע. פון אַ מיטל איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ציל פאַר זיך, עס האָט זיך פון אים אויסגעבילדעט גאָר אַ באַזונדער וועלטל, אַן עולם בפני עצמו, וואָס האָט זיך זיינע אייגענע, זעלבסטשטענדיגע אויפגאַבן און צילן און וואָס איז שוין געקומען אין אַ פולער און גרינדליכער סתירה מיט דער געזעלשאַפטליכער פונקציע, צוליב וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן, און ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ סך פון די באָלשעוויסטישע פירערס האָבן סוף כל סוף אויפגעעפנט ד' אויגן צו זעהן דעם תהום, וואו מיר זינקען אומפאַרמיידליך, און האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד־געשריי...

אָט האָט איר איינעם פון די פאַקטישע באַווייזן, וואָס שטעכן ממש די אויגן. אָט דער דאָזיגער פאַקט וואַרפט אַ באַזונדער שיין אויך אויף דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. קיינער, אפילו דער בלינד־פאַנאַטישער באָלשעוויק, וועט ניט האָבן קיין מוט צו זאָגן, אַז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן אַלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס פון איין זייט האָט דער קאַפיטאַליזם דערגרייכט ביי אונז די העכסטע מדרגה פון זיין אַנטוויקלונג און האָט שוין אויסגעשעפּט אַלע זיינע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטליכע מעגליכקייטן און, פון דער אַנדער זייט, זיינען די פּאָזיטיווע סאָציאַליסטישע כחות און טענדענצן אויף אַזוי פיל אויסגעוואַקסן און צייטיג געוואָרן ביי אונז, אַז די פאַרווירקליכונג פון סאָציאַליזם איז געוואָרן די נאַטירליכסטע אויפגאַבע פאַר דער רוסלענדער געזעלשאַפט. פאַר אַלעמען איז גענוג קלאָר, אַז דער איינציגער מקור פון דעם דאָזיגן סאָציאַליזם איז דער פולער חורבן פון לאַנד, צו וואָס די

מלחמה האָט אונז געבראַכט. און ווען אין ליכט פון דעם דאָזיגן שיין באַטראַכט איר די צווייטע אייראָפּייאישע רעוואָלוציע — די דייטשע, מוז זי באַקומען פאַר אייך גאָר אַ באַזונדער פּנים. געוויס איז צווישן רוס־לאַנד און דייטשלאַנד אַ מיילן ווייטער מהלך, געוויס איז דייטשלאַנד זעהר ווייט פאַראויס אַוועק פון רוסלאַנד אין איר געזעלשאַפטליכער אַנטוויק־לונג. און דאָך איז קלאָר, אַז צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד האָבן געבראַכט ניט די אַנטוויקלונג פון די פּאָזיטיווע כחות און טענדענצן, נאָר בלויז אַזוינע נעגאַטיווע מאָמענטן, ווי דער חורבן פון לאַנד און די מפּלה אויפן שלאַכט־פעלד. נאָך מיט איין יאָר צוריק, ווען די מיליטערישע לאַגע פון דייטשלאַנד איז נאָך געווען גאַנץ זיכער, האָט איר דאָרט ניט באַמערקט קיין סימנים פון דער שפּעטערדיגער רעוואָלוציע, וואָס איז כמעט ווי פּלוצלינג אויסגעבראָכן אינאיינעם מיט דעם, ווי די לעצטע אָנשטריינגונגען האָבן געפּלאַצט און די מלחמה איז פאַרלאָרן געגאַנגען. און דאָס מוז דערוועקן ביי אונז גרויסע ספקות וועגן דעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער און וועגן דעם גורל פון דער דייטשער רעוואָלוציע. דער מקור, פון וואַנען זי שטאַמט, איז צופיל ענליך צום מקור פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע, און דאָס פירט אַרויף אויף טרויעריגע געדאַנקען... דער וויסנשאַפטליכער סאָציאַליזם לערנט אונז, אַז צו דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג וועט אונז ברענגען די אַנטוויקלונג פון די פּאָזיטיווע כחות און טענדענצן פון דער געזעלשאַפט, און ניט דער חורבן פון דער ווירטשאַפט און די צעשטערונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן. און ווירקליך, די פאַקטישע געשעהענישן פאַר די לעצטע פאָר חדשים אין דייטשלאַנד זיינען בכוח נאָך צו פאַר־שטאַרקן אונזערע ספקות און אונזער פּעסימיסטישן סקעפּטיציזם...

נאָך אַ קלענערער יסוד האָט אונטער זיך די נביאות, אַז די רעוואָלוציע וועט זיך איבערוואַרפן פון די באַזיגטע לענדער אין דער מחנה פון די זיגער, אַז אויך אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע וועט געוויס באַלד אויסברעכן אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. אין בעסטן פאַל קאָן מען זאָגן, אַז אַזאַ מעגליכקייט איז ניט אויסגעשלאָסן, אָבער בויען אויס־שליסליך דערויף די גאַנצע פּראָגראַם און טאַקטיק פון דער פּאַרטיי, און פאַרלאָזנדיג זיך אויף דער דאָזיגער נביאות, אַוועקשטעלן לחלוטין אַלץ אין קאָן — דאָס איז אַזאַ לייכטזיניגקייט, וואָס איך וויל זי דאָ ניט קוואַליפיצירן...

## II

נאָר איך גיי נאָך ווייטער. לאָמיר טאַקע אָננעמען, אַז עס קומט איצט פֿאר, אָדער עס וועט פֿאָרקומען אין גיכסטן אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין מערבֿ־אייראָפּע און אַמעריקע. דאָס באַרעכֿטיגט אָבער כּלל וכלל ניט די באָלשעוויסטישע פּראָגראַם און טאַקטיק פֿון אונזער פּאַרטיי. די פּראָבלעם וועגן די אָפּגעשטאַנענע לענדער איז פֿאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע זעהר אַ שווערע, זעהר אַ האַרבע פּראָבלעם, זי האָט נאָך ניט געפֿונען איר קלאָרע לעזונג אין דער סאָציאַליסטישער טעאָריע, זי איז אפילו גענוי און אויספֿירליך ניט באַטראַכט געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. ס׳זיינען אָבער דאָ איינִיגע קלאָרע, אומצווייפֿלבאַרע הנחות. קודם כּל איז קלאָר, אַז אויב אפילו בנוגע די אַנטוויקלטע לענדער דיינקען מיר, אַז די עצם פֿאַרווירקליכונג פֿון סאָציאַליזם, נאָך דעם ווי דער פּראָלעטאַריאַט פֿאַרכאַפּט די מאַכט אין זיינע הענט, וועט פֿאָרקומען ניט ראַפּטום, דורך איין קלאַפּ, אַז זי וועט מוזן דורכגיין דורך געוויסע עטאַפּן און פֿאָרשטעלן מיט זיך אַ מער אָדער ווייניגער דויערנדיגן געזעלשאַפּטליכן פּראָצעס, — איז בנוגע די אָפּגעשטאַנענע לענדער קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין, אַז דער דאָזיגער פּראָצעס וועט מוזן פֿאָרקומען ביי זיי ניט אין אַן ערך לאַנגזאַמער, ווייל פֿאַרן איבערגאַנגס־פּעריאָד שטייען דאָ גאָר באַזונדערע ניט אין אַן ערך גרעסערע און שווערערע אויפֿגאַבן. דאָ וועט מען נאָך מוזן דורכגיין אַ געוויסן פֿאָרבאַרייטונגס־עטאַפּ, וואָס די אַנטוויקלטע לענדער האָבן שוין פֿריהער דורכגעמאַכט. די גינסטיגע אויסערליכע סיטואַציע קאָן פֿירן דערצו, אַז די אָרגאַנישע פּראָצעסן פֿון דער סאָציאַלער עוואָלוציע, וואָס אין די אַנטוויקלטע לענדער זיינען פֿאָרגעקומען סטיכיש אויפֿן נאַטירליכן אופֿן, זאָלן דאָ דורכגעמאַכט ווערן באַוואוסטזיניג אויף אַ אָרגאַניזירטן אופֿן פֿיל גיכער און ראַציאָנעלער, אַדאַנק אַ געוויסער פּלאַנמעסיגער און צוועקמעסיגער פּאָליטיק, אָבער דורכגעמאַכט ווערן מוזן זיי, אויסמיידן זיי איז אוממעגליך, ווייל דאָס סאָציאַלע לעבן ווייס ניט פֿון קיין שום „קפֿיצת־הדרך“, און אַלץ מוז אויסגעלעבט און אויסגעשעפּט ווערן. אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד וועט דאָ מוזן פֿאָרקומען אַ אינטענסיווער וואוקס פֿון די פּראָדוקטיווע קרעפֿטן,

כדי זיי זאָלן דערגרייכן אַ געוויסע מדרגה, וואָס מאַכט אָביעקטיוו מעגליך די סאָציאַליזירונג פון דער ווירטשאַפט. עס וועט זיך אויך מוזן אויסבילדן דאָס סאָציאַליסטישע וועזן ביי דעם אין ווירטשאַפט-ליכן און קולטורעלן זין באַדייטנסטן טייל פון דער געזעלשאַפט, וואָס זאָל שאַפן דעם סוביעקטיוון באָדן פאַר דער סאָציאַליס-טישער אָרדענונג. וועלן אָבער די דאָזיגע פאָרבאַרייטונגס-פּראָצעסן דאָרט ניט דורכגעמאַכט ווערן, דעמאָלט וועלן די אָפּגעשטאַנענע לענ-דער אומבאַדינגט פאַרבלייבן אויסער דער סאָציאַליסטישער משפחה, פאַרבלייבן אפשר אַלס גאַנץ אייגנאַרטיגע סאָציאַליסטישע „קאָלאָניעס“, וואָס וועט בלויז אַריינטראָגן אַ געוויסע דעמאָראַליזאַציע אין דעם נייעם געזעלשאַפטליכן סדר.

דער סך-הכל דערפון איז דאָס, אַז סוף כל סוף, אין דער לעצטער שורה גענומען, בילדן די אינעווייניגסטע עוואָלוציע-פּראָ-צעסן דעם באַזיס, דעם עצם יסוד פון סאָציאַלן זין און וועזן פון יעדן לאַנד. פון אויסווייניג קאָנט איר נאָר ווירקן דערויף, אַז די פּראָצעסן זאָלן פאָרקומען שנעלער אָדער לאַנגזאַמער, ראַציאָנעל און אָרגאַניזירט, אָדער סטיכיש און כאַאָטיש, אָבער אַריבערשפּרינגען אַריבער געוויסע געזעלשאַפטליכע עטאַפּן, אויסמיידן זיי אינגאַנצן, ווי ס'האָבן געחלומט די אַמאָליגע „נאַראָדניקעס“, — דאָס איז לגמרי אויסגעשלאָסן.

און דערפון קומען מיר צו זעהר וויכטיגע מסקנות. ערשטנס, אַז די אַלוועלטליכע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע קאָן זיך אין קיין פאַל ניט אָנהויבן פון די אָפּגעשטאַנענע לענדער, זי קאָן זיך דאָרט נאָר פאַרענדיגן, ווייל מ'קאָן ניט אָנהויבן בויען פון דאַך דאָרט, וואו ס'פעלט נאָך דער פונדאַמענט. די סאָציאַליסטישע אָרדענונג קאָן מען ניט איינפירן דורך דעקרעטן פון אויבן, זי מוז מען בויען נאָר אָרגאַניש פון אונטן. דער סאָציאַליסטישער דאַך, וואָס וועט היינגען אין דער לופטן, אָהן אַ פונדאַמענט, וועט מוזן סוף כל סוף אַראָפּפאַלן און דערשטיקן אונטער זיך זיינע שעפער און בויער. צווייטנס — ווען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע הויבט זיך אָן אויפן נאַטירליכן אופן פון די אַנטוויקלטע לענדער און דערגרייכט שוין דאָרט געוויסע נצחונות, פאַרפעסטיגט זיך דאָרט, דעמאָלט דאַרפן זייערע אויפגאַבן בנוגע די אָפּגעשטאַנענע לענ-דער בשום אופן ניט באַשטיין אין דעם, וואָס זיי וועלן אופן קינסטליכן אופן אַריינפירן דאָרט פון אויסווייניג די סאָציאַליסטישע אָר-

דענונג, נאָר אין דעם, וואָס זיי וועלן מיטהעלפֿן דער אינטענסיווער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג פֿון די אינעווייניגסטע כּחות אין די דאָזיגע לענדער, כּדי זיי זאָלן פֿון זיך זעלבסט צייטיג ווערן פֿאַרן סאָציאַליזם.

אַצינד קוקט זיך אָקאָרשט צו צו דער קאָנקרעטער סיטואַציע, וואָס איז איצט געשאַפֿן געוואָרן. די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן דווקא אין איינעם פֿון די אָפּגעשטאַנענסטע לענדער נאָך אַ שרעקלעכער מלחמה, וואָס האָט רואינירט דאָס לאַנד. ניט האָבנדיג קיין שום באָדן אונטער זיך, האָט די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע חרוב געמאַכט דאָס רעשטל פֿון די ווירטשאַפֿטליכע רעסורסן, צעשטערט דאָס רעשטל פֿון די פּראָדוקטיווע קרעפֿטן, וואָס זיינען נאָך פֿאַרבליבן אין לאַנד. די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, וואָס הויבט זיך איצט אָן, אָדער וועט זיך אָקאָרשט אָנהויבן אין די אַנטוויקלטע לענדער, וועט מוזן פֿאָרקומען בײַ זעהר שלעכטע, אומגינסטיגע אָביעקטיווע באַדינגונגען. די זעלבע מלחמה האָט אויך צעשטערט די פּראָדוקטיווע קרעפֿטן פֿון די דאָזיגע אַנטוויקלטע לענדער און אויסגעשעפּט זייערע ווירטשאַפֿטליכע רעסורסן. דאָס, פֿאַרשטייט זיך, שאַפֿט אומגעהויערע שוועריגקייטן אויפֿן וועג פֿון זייערע סאָציאַליסטישע דערגרייכונגען, און וועט דעריבער פֿאָדערן די קאָלאָסאַלסטע אָנשטריינגונג פֿון אַלע זייערע פֿאָלקס־כּחות אין משך פֿון יאָרן. אין אָט דער צייט, ווען די גאַנצע כּחות פֿון די דאָזיגע לענדער וועלן זיך מוזן קאָנצענטרירן אויף דער אייגענער אינעווייניגסטער בוי־אַרבעט, אויף צוריק אויפֿשטעלן די חורבנות און צוצוגרייטן דעם געזונטן, נאָרמאַלן באָדן פֿאַר דער נייער אָרדענונג און אַרייַנפֿירן זי אין לעבן, קאָנען מיר אייגנטליך ניט האָפֿן אויף אַ וויכטיגער, ממשותדיגער אוממיטלבאַרער הילף פֿון זייער זייט. דאָס איינציגע, וואָס מיר קאָנען דערוואַרטן פֿון זיי, איז מאָראַלע און פּאָליטישע שטיצע. דאָס, וואָס עס וועט באַזייטיגט ווערן די געפֿאַר פֿון אימפּעריאַליסטישן אָנגריף, וועט געוויס דערלייכטערן אונז דעם קאַמף מיט דער אמתער אינעווייניגסטער קאָנטער־רעוואָלוציע. אָבער אין הויפּט־געביט פֿון לעבן, אין ווירטשאַפֿטליכן זין, וועלן מיר סוף כּל סוף זיין געצוואונגען פֿאַרלאָזן זיך אויף די אייגענע כּוחות, אַליין דורכשלאָגן זיך אַ וועג. און דערבײַ טאָרן מיר אויף איין מאָמענט ניט פֿאַרגעסן, אַז בכלל געפֿינען מיר זיך אין אַזאַ לאַגע, אַז וואַרטן קאָנען מיר ניט. אונזער ווירטשאַפֿטליכער חורבן

גייט אַזוי געשווינד, אַזוי ראַשיג, נעמט אָן אַזעלכע שווידערהאַפטע פאַר־מעסטן, אַז יעדער מינוט, אויף יעדן טריט לויערט אויף אונז די שרעקליכע קאַטאַסטראָפע.

היוצא מזה — אַז די אָריענטאַציע אויף דער אַלוועלטליכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע קאָן אונז אין איצטיגן מאָמענט כמעט גאָר־נישט ניט געבן, און בכל אופן אין קיין פאַל קאָן זי ניט באַרעכטיגן אונזער קאָמוניסטישע פּראָגראַם און טאַקטיק. אין וואָס, אייגנטליך, באַשטייט דער תמצית פון דער דאָזיגער פּראָגראַם און טאַקטיק? אין מעכאַנישן דראַנג פון אויבן, אָנשטאָט אָרגאַנישן בויען פון אונטן, און אָט אַזעלכע פּרינציפּן האָלטן געוועז פאַר אונז די שעדליכסטע און געפערליכסטע אַפילו ביי די סאַמע גינסטיגע אויסערליכע באַדינגונגען, אַפילו ביי די גלענצענדסטע נצחונות פון דער אַלוועלטליכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

נאָר דאָ גיי איך שוין צו צום צווייטן פּונקט פון מיין טעמע — צו דער דיקטאַטור און ראַטן־מאַכט.

## III

מען האָט זיך ביי אונז גענומען איבערשאַצן אַלע גרונד־ווערטן, ובתוכם — אויך דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ. און נאַטירליך, די פאָרמול: „דער מעכאַנישער דראַנג פון אויבן, אָנשטאָט אָרגאַנישן בויען פון אונטן“ פירט לאָגיש צום גענצליכן אָפּשאַפן פון דעמאָקראַטישן פּרינציפּ. אויב דאָס לעבן דאַרף מעכאַניש דיקטירט ווערן פון אויבן, דעמאָלט איז ווירקליך ניטאָ קיין שום אָרט פאַרן דעמאָקראַטיזם, דעמאָלט מוז דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ באַטראַכט ווערן בלויז אַלס עפּעס אַ בורזשואַזע אויסטראַכטעניש, אַלס אַ קליין־בירגערליכע איבערלעבעניש... ווען אָבער איר קערט איבער די פאָרמול מיטן קאָפּ אַרויף און די פיס אַראָפּ, ווען אָנשטאָט דעם מעכאַנישן דראַנג פון אויבן, שטעלט איר דורכאויס אַוועק אַלס הויפּט־יסוד, אַלס גרונד־פּרינציפּ פון געזעלשאַפטליכן לעבן דאָס אָרגאַנישע בויען פון אונטן, דעמאָלט מוזט איר קומען צום אַלטן־אַלטן אמת, וואָס נאָך פאַר דער מתן־תורה פון לענינען און זיינע נאָכפאָלגער, אַז דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ בילדעט אַן אָרגאַניש צוזאַמענגעשמאָלצענעם טייל פון סאָציאַליס־

טישן פרינציפ, אַז דער לעצטער אָהן דעם ערשטן איז אַבסאָלוט אומדיינקבאַר, סיי אין אידעאַל, סיי אין גאַנצן מהלך פון פראָצעס, וואָס פירט צום אידעאַל. ווען מיר האָבן כסדר געטענהט, אַז מיר, סאָציאַליסטן, זיינען די סאַמע קאָנסעקווענטע דעמאָקראַטן, אַז פאַר דער בורזשואַזיע אָדער קליין-בירגערטום איז שוין געקומען אָדער וועט קומען אַ מאָמענט, ווען זיי וועלן פעלשן אין דעם דעמאָקראַטישן אני-מאמין זייערן, זיינען מיר, לויטן עצם מהות פון אונזער אידעאַל, לויטן נאַטור און כאַראַקטער פון די פראָצעסן, וואָס פירן צום אידעאַל, שטענדיג געצוואונגען פאַרבלייבן געטריי דעם דעמאָקראַטישן פרינציפ, — ווען מיר פלעגן דאָס כסדר טענהן, האָבן מיר עס געטאָן, ניט כדי צו פאַרבלענדן עמיצן די אויגן, אַריינגאַרן עמיצן אין זאַק אַריין און ביים ערשטן נסיון אויסלאַכן זיך פון די נאַיווע תמימים, וואָס האָבן אונז געגלויבט, און צעטרעטן מיט די פיס דעם פרינציפ, וואָס מיר האָבן געשוואוירן געטריי אָפּהיטן. ניין! אונזער קלאָרסטע און טיפסטע איבערצייגונג איז, אַז צום סאָציאַליזם קאָנען מיר קומען נאָר דאַן, ווען מיר וועלן פריהער, אין די ראַמען פון בורזשואַזער אָרדענונג, און דערנאָך אין דעם איבערגאַנגס-פעריאָד, ביזן דעק אויסקאָכן זיך אין דעמאָקראַטישן קעסל. דער סאָציאַליזם באַטייט די העכסטע פאַרקערפערונג פון דעמאָקראַטישן פרינציפ, די אמתע און פולסטע פאָלקס-הערשאַפט, אָבער צו אַזאַ מדרגה קאָנען מיר קומען ניט מיט אַמאָל, ניט פלוצלינג, דורך איין קלאַפּ. אַהער פירט אַ מער אָדער ווייניגער לאַנגער וועג, וואו דאָס פאָלק ווערט צוגעגרייט סוביעקטיוו און אָביעקטיוו, סיי אין באַוואוסטזיין, סיי אין לעבנס-פראַקטיק צו דער גרויסער און פאַראַנטוואָרטליכער מיסיע פון זיין אייגענער זעלבסטהערשאַפט. און אויף דעם וועג טאָרן מיר ניט וויסן פון קיין אויסנאַמען, טאָרן ניט דערלאָזן קיין יוצא מן הכלל, ווייל יעדער יוצא מן הכלל האַקט אומבאַדינגט אונטער דעם צווייג, וואו מיר זיצן, און ברייננגט דערמיט ניט אין אַן ערך מער שאַדן דעם ענד-ציל, איידער די מאָמענטאַלע אומגימלבאַרע נוצן, אויף וואָס ס'זיינען שטענדיג להוט די קורצזיכטיגע פאָליטיקער פון אַלע צייטן.

און זאָלט איר מיר ניט אָנווייזן אויף אַזוינע ביישפילן, ווי פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע, וואו דער דעמאָקראַטישער פאַרלאַמענטאַריזם האָט דאָך ניט באַפרייט די אַרבעטער-מאַסן פון עקספּלאָאַטאַציע און קנעכטשאַפט. דער פאָליטישער דעמאָקראַטיזם איז ניט דער איינציגער

פ אַ ק ט אָ ר פון סאָציאַלער באַפרייאונג. ס׳זיינען דאָ נאָך גרויסע און מעכ־ט׳גע פאַקטאָרן, וואָס העלפן מיט אָדער טאָרמאַזירן, און די סאָציאַלע באַפרייאונג וועט קומען בלויז אַלס רעזולטאַט פון אַנטשיידענעם קאַמף, אַלס סך־הכל פון די אַלערליי צוזאַמענשטויסן צווישן אַט די פאַרשיידענע פאַקטאָרן. אָבער אויב דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיזם איז ניט דער א י י נ צ י ג ע ר פ אַ ק ט אָ ר פון דער סאָציאַלער באַ־פרייאונג, איז ער דאָך איינער פון די א ו מ ב אַ ד י נ ג ט נ ו י ט־ו ו ע נ ד י ג ע פ אַ ק ט אָ ר ן, איינער פון די conditio sine qua non, אָהן וואָס איר קאָנט בשום אופן ניט קומען צו דער סאָציאַלער באַ־פרייאונג. אַט לייגט איר דאָך זעלבסט אַרויף אַלע אייערע האָפענונגען אויף דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע, וואָס דאַרף אָט שוין אויסברעכן. און דאָס מענט איר זיין זיכער, אַז ווען זי וועט דאָרט פאַקטיש אויסברעכן, וועט זי דאָרט גע־פינען די אַרבעטער־מאַסן און דאָס גאַנצע פאָלק ניט אין אַן ערך מער צוגעגרייט צו דער סאָציאַליסטישער פאָלקס־הערשאַפט, איידער מיר דאָ אין רוסלאַנד, און דאָס האָט איר צו פאַרדאַנקען אין אַ גרויסער מאָס טאַקע נאָר דעם דעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענטאַריזם, וואָס איר מאַכט איצט מיט בלאָטע, איבערחזרנדיג דערביי די אויס־געדראָשענע דרשות פון כלערליי אַנאַרכיסטן...

נאָר דאָס איז אין אַלגעמיין גענומען. ווען איר וועט באַטראַכטן די געשאַפענע קאָנקרעטע סיטואַציע ביי אונז דאָ, דעמאָלט וועט דער קאַמף קעגן דעמאָקראַטיזם באַקומען גאָר אַ באַזונדער באַלייכטונג. וואָס אייגנטליך באַטייט די אידייע, דער פּרינציפּ פון ראַטן־מאַכט, פון אַר־בעטער־און פויערים־מאַכט ביי אונז אין רוסלאַנד? דאָס באַטייט די מאַכט פון דער געוואַלדיגער מערהייט פון דער באַפעלקערונג איבער דער קליינטשקער, אומבאַדייטנדיגער מינדערהייט. דאָס איז גאַנץ נאַטירליך פאַר אַ פויערים־לאַנד, וואו די בורזשואַזיע איז נאָך אייגנטליך ניט אַרויס פון די ווינדעלאַך. און ווירקליך, מיר האָבן טאַקע געזעהן, אַז אין אונזער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זיינען די פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע בוכ־שטעבליך בטול בשישים געווען. אין דער צייט ווען אין דער דייטשער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג בילדן די סאָציאַליסטישע פאָרשטייער אַ מינ־דערהייט, איז ביי אונז האָבן זיי געבילדעט העכער 90%! דער נאַיווער מענטש וועט דאָ געוויס אויסגלאַנצן אַ פּאָר אויגן און שטעלן אַ קלאָץ־

קשיא: ובכן, מה כל החרדה? צוליב וואָס איז עס געווען דער גאַנצער טאַ־ ראַראַם, דער גאַנצער „קופּ־ד׳עטאַ“, דאָס צעטרייבן די גרינדונגס־פאַרזאַמ־ לונג, די מלחמה קעגן דעמאָקראַטיזם און ד. גל.? מיינט מען ווירקליך די אַרבעטער־ און פּויערים־מאַכט, איז וואָס האָט מען געדאַרפט בעסער, ווי די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג? דאָ האָט איר דאָך אייגנטליך געהאַט פאַר זיך די אידעאַלסטע פאַרקערפּערונג פון דער אַרבעטער־ און פּויערים־ מאַכט, וואָס וואָלט געקאָנט זיך אָנשפּאַרן אויף דער געוואַלדיגער סאָציאַ־ ליסטישער מערהייט פון די אַרבעטער־ און פּויערים־פאָרשטייער. און, כ׳לעבן, די עטליכע בורזשואַזע פאָרשטייער, וואָס וואָלטן זיך באַמבלען אויף דער פאַרזאַמלונג, וואָלטן מיט זיך קיין שום געפאַר פאַר דער מאַכט ניט פאָרגעשטעלט...

נאָר דאָס איז דאָך שוין די טבע פון נאַיווע מענטשן, וואָס זיי זיינען נאַיוו, וואָס זיי זעהען נאָר די אויסערליכע פאָרם, קוקן נאָר פון אויבן אויף און דרינגען ניט אין תוך אַריין, באַנעמען ניט דאָס שפּיצל פון דער זאַך. און דאָס "שפּיצל" באַשטייט אין דעם, וואָס שרייבנדיק זיך טאַקע ראַטן־מאַכט, אַרבעטער־ און פּויערים־מאַכט, און לייענען לייענט זיך: די דיקטאַטור פון איין פאַרטיי, די דיקטאַטור פון דער קליינער מינדערהייט איבער דער גרעסטער מערהייט. און אַזאַ שפּיצל איז מעגליך דורכצופירן נאָר דאַן, ווען איר שטעלט אַרויס דעם לאָזונג פון ראַטן־מאַכט און מלחמה קעגן דעם דעמאָקראַטיזם. ביי דער הערשונג פון דעמאָקראַטישן פּרינציפּ, ביי אַלגעמיינער, גלייכער און א. וו. וואָלט עס לגמרי געווען אויסגעשלאָסן.

און מען דאַרף זאָגן דעם אמת, די באָלשעוויקעס האָבן זיך אַרויס־ געוויזן פאַר זעהר פּראַקטישע פּאָליטיקער: די פּאָליטישע אויפגאַבן, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט, האָבן זיי פאַקטיש דורכגעפירט אין לעבן...

ס׳איז נאָר צו באַוואונדערן, וואָס עס געפינען זיך אַצינד אַזעלכע נאַיווע פּאָליטישע טוערס, וואָס האָבן נאָך דער מער ווי אַ יאָריגער ערפאַרונג ניט באַוויזן עד היום צו באַגרייפן דעם עצם זין פון אונזער ראַטן־מאַכט און טראָגן זיך דעריבער אַרום מיט אַ שפּאָגל־נייעם אויפטו: טאַקע נאָר ראַטן־מאַכט, ביי דער בורזשואַזיע זאָל מען טאַקע אָפּנעמען די פּאָליטישע רעכט, נאָר דערצו ווילן זיי אַריינטראָגן איין קליינעם קאָרעקטיוו: אין די ראַמען פון דער דאָזיגער אַרבעטער־ און פּויערים־מאַכט זאָל פאָרט דורכגעפירט ווערן דער שטריינגער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ. און זיי

הויבן ניט אָן צו פאַרשטיין, אַז דאָס הייסט, אייגנטליך, צעברעכן די פּאַס און דער ווייַן זאָל זיך ניט אויסגיסן... זיי הויבן ניט אָן צו פאַרשטיין, אַז קיין מיטן-וועג איז דאָ ניטאָ. אָדער ראַטן-מאַכט, לויטן נוסח פון לענין-טראָצקי, אָדער די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג! ביידע פּרינ-ציפּן אַנטהאַלטן אין זיך אַ געוויסן און קלאָרן פּאָליטישן זין, אָבער דער שפּאָגל-נייער אויפטו פון לענין-טראָצקיס נייסטע תלמידים האָט לחלוטין קיין שום זין ניט...

און נאָך איין קליינעם „קאָרעקטיוו" טראָגן זיי אַריין: טאַקע דוקא ראַטן-מאַכט, אָבער אָהן טעראָר, אָהן די „קליינע פעלערס פון מעכאַ-ניזם". און מען הויבט ווידער ניט אָן צו באַגעמען, אַז דער דאָזיגער טעראָר, די דאָזיגע „קליינע פעלערס פון מעכאַניזם" זיינען דאָך דער לאָגישער און פּראַקטישער פּועל-יוצא פון דער דיקטאַטור פון דער קליינער מינדערהייט איבער דער גרעסטער מערהייט. די טבע פון דער עצם זאַך איז דאָס מחייב, און ס'איז דעריבער דורכאויס לעכערליך שולדיג מאַכן דערין כלומרשט די „אכזריות" אָדער די „אומגעלומפּערט-קייט" פון די באָלשעוויסטישע אָנפירערס. ס'איז קלאָר, אַז ווען אויף זייער אָרט וואָלטן געווען די קלוגע און וויכהערציגע נייסטע תלמידים זייערע, וואָלטן זיי אויך אַנדערש ניט געקאָנט באַגיין זיך, סיידן זיי וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון דער עצם סיסטעם גופא.

IV

מיר בלייבט נאָך צו באַטראַכטן די באַציהונג פון דער קאָנפערעניץ צו אונזער אינעווייניגסטער נאַציאָנאַלער פראַגע.

דער פּרינציפּ פון ראַטן-מאַכט, ווען איר טראָגט אים אַריבער פון אַלגעמיין רוסלענדישן אין יידישן לעבן, באַקומט ער גאָר אַ באַזונ-דערן זין און אויסזעהן. קודם כל פעלט ביי אונז איין קליינינקייט — דאָס פּויערטום, וואָס דאָרט בילדעט עס די גרעסטע מערהייט פון דער באַפעלקערונג, און וואָס דאַרף דאָרט דינען, בכל אופן אין אידייע, אַלס איינער פון די הויפּט-יסודות, אויף וועמען די מאַכט דאַרף זיך אָנשפּאַרן. אויף וועמען זשע וועט זיך אָנשפּאַרן אונזער דיקטאַטור? אויפן פּראָלעטאַריאַט און אַ טייל פון דער אינטעליגענץ און האַלב-אינטע-ליגענץ. דער צוגאָב וועגן „אַרבעטזוכנדיגע מאַסן" איז מיט רעכט

אָפּגעוואָרפן געוואָרן פון דער קאָנפערענץ, ווייל ווער וואָלט אַצינד אונ־
טער דער קאַטעגאָריע ניט אונטערגיין? מען וואָלט דאָך, חלילה, צוריק
אַריינגעשלעפּט אין קאָן דאָס גאַנצע פּאָלק ישראל...

איך וויל דאָ ניט איבערחזרן דאָס, וואָס איז שוין אַזוי פיל מאָל
אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן דעם כאַראַקטער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט,
וועגן זיין ראָלע און געוויכט איןווירטשאַפטליכן לעבן. איך וויל נאָר
מוסיף זיין, אַז אין חורבן און תהו ובהו פון דער מלחמה און דער
רעוואָלוציע איז די דאָזיגע ראָלע און געוויכט זיינע ניט אין אַן ערך קלע־
נער און אומבאַדייטנדיגער געוואָרן. אויסער דעם, אַדאַנק די ספּעציפישע
באַדינגונגען פון יידישן לעבן, איז אין די רייען פון די יידישע מאַסן אַריינ־
געבראַכט געוואָרן פאַר דער צייט זעהר אַ גרויסע דעמאָראַליזאַציע.
אָפּטמאָל ווייסט איר ניט, וואו ענדיגט זיך דער האַנדלס־אָנגעשטעל־
טער און אַפילו דער אַרבעטער אין געוויסע פאַכן און וואו הויבט זיך אָן
דער קליין־ספּעקולאַנט. באַזונדערס עקלהאַפטע און שוידערהאַפטע
פאָרמען האָט עס אָנגענומען ביי אונזער דעקלאַסירטער האַלבער און
גאַנצער אינטעליגענץ, וואָס ניט לאַנג זיינען מיט זיי פול געווען די אַלערליי
ספּעקולאַנטן־בירזשעס און קאַפע־הייזער און איצט זיינען מיט זיי פול
די אַלערליי קאַנצעלאַריעס און קאָמיסאַריאַטן...

נאָר וואָס פאַר אַ מיינונג איר זאָלט ניט האָבן וועגן דער ווירט־
שאַפטליכער ראָלע און מאָראַלן צושטאַנד פון די עלעמענטן, אויף וואָס
ס'דאַרף זיך באַזירן אונזער דיקטאַטור, — איינס איז אָבער קלאָר פאַר
אַלעמען, אַז דאָ האַנדלט זיך אָפּן, אָהן שום שירמען, וועגן דער
דיקטאַטור פון דער מינדערהייט איבער דער
מערהייט פון פאָלק. מיר האָבן וועגן דעם זעהר שאַרפע אָביעק־
טיווע באַווייזן: אַפילו אין סאַמע ברען פון דער רעוואָלוציע, ווען אין די
אָרעמס פון די רוסלענדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך גע־
וואָרפן העכער 90% פון דער באַפעלקערונג, האָבן ביי אונז אויף דער
יידישער גאַס אַלע סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע פּאַרטייען צו־
זאַמענגענומען קוים אָנגעקליבן עטוואָס מער פון אַ דריטל וויילער!

נאָר אפשר דיינקט איר, טאַקע דורך אָט דער דיקטאַטור אייערער
דורכצופירן די רעוואָלוציע אויף דער יידישער גאַס? אַ געפערליכער,
אַ שרעקליכער טעות! דורך אַזאַ מין דיקטאַטור וועט איר ביי אונז דורכ־
פירן ניט די רעוואָלוציע, נאָר די אמתע, די עכטע רעאַקציע. קיין מאָל

נאָך איז קיין רעוואָלוציע אין די הערצער און מוחות פון אַ פּאָלק ניט דורכגעמאַכט געוואָרן דורך אַ מעכאַנישן דראַנג פון אויבן, דער איינאיינציגער וועג אירער איז דאָס אָרגאַנישע בויען פון אונטן. מיט דער הילף פון דער אויסערער מאַכט וועט איר די רעאַקציע ניט באַקעמפן, זי מוז פריי און בהדרגה אויסגעלעבט ווערן פון אינעווייניג. זי האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויסצולעבן ביי אונז, און ביי די פרייע רעוואָלוציאָנערע באַדינגונגען וואָלט זי וואָס ווייטער אַלץ גיכער און אַנטשיידענער אויסגעלעבט ווערן. אָבער איר מיט אייער טאַקטיק גיט איבער אין אירע הענט אייער אייגן געווער און אַליין בלייבט איר אומבאַוואָפנט. מיט דער הילף פון דער אויסערער מאַכט קאָנט איר די רעאַקציע אויף אַ ווייַלע צושטיקן, פאַרטרייבן זי אין באַהעלטעניש, אָבער דאָרט אין די טיפעניש פון פאָלקס־לעבן וועט זי זיך אַלץ מערן און פרוכפּערן, איר מיט אייערע מעשים וועט זי שפּייזן, געבן איר אַלץ מער כח און ענערגיע, און אַליין וועט איר איינע נאָך די אַנדערע איבערהאַקן די צווייגן, וואו איר זיצט, און אַרויסלאָזן דעם באָדן פון אונטער די אייגענע פיס.

אָט האָט איר פאַר זיך אַ שאַרפע און זעהר באַלערנדיגע אילוסטראַציע.

איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע ערראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע — די נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע, — וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַזויפיל מעגליכקייטן פאַרן ערנסטן און אַנטשיידנסטן קאַמף קעגן אונזער אינעווייניגסטער רעאַקציע, האָט איר דאָך שוין אַליין בידים צעשטערט. אָט דאָס גרויסע און מעכטיגע געווער אייערס האָט איר דאָך אַליין פון די אייגענע הענט אַרויסגעוואָרפן. איר זאָגט, אַז מיט דעם, וואָס איר באַזייטיגט אַזאַ גרויסן און באַדייטנדיגן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווי די בורזשואַזיע, גראָבט איר אונטער בלויז *איינעם* פון די *יסודות* פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע — דאָס בירזשעטרעכט — אָבער דאָך דער פרינציפּ גופא פון נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע בלייבט ניט גערירט. נאָר אַזוי זאָגן הייסט לחלוטין ניט אַריינדרינגען אין תוך פון דער זאַך, ניט באַגרייפן דעם עצם זין, די טבע און מהות פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע. ניין! איר נעמט טאַקע צו ביי דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע די *עצם נשמה* אירע און צעשטערט דורכאויס איר גאַנץ וועזן. איר מאַכט אַ גזרה־שוה פון אַלגעמיין־מלוכה

לעבן. דאָרט דיקטאַטור, — בײַ אונז אויך דיקטאַטור. איר באַמערקט אָבער ניט דעם טיפן תהום צווישן „דאָ“ און „דאָרט“. ווען איר באַזײַטיגט אַ געוויסן טייל פון דער מלוכה־באַפעלקערונג פון פּאָליטישן לעבן, למשל, ווען איר נעמט אָפּ בײַ דער מלוכה־בורזשואַזיע די פּאָליטישע רעכט, בלײַבט זי דאָך זעלבסט פּאָרט אין די ראַמען פון דער מלוכה, ווײַל אַרויסשפּרינגען פון די דאָזיגע ראַמען איז פאַר קיין שום בירגער, ביז וואַנען ער בלײַבט וואוינען אין לאַנד, אוממעגליך. מיר אָבער האָבן ערשט געוואָלט שאַפן אַזאַ מין „מלוכה“, אַזוי צו זאָגן, פון וואַנען די יידישע בירגער זאָלן אויך ניט קאָנען „אַרויסשפּרינגען“, וואו די יידישע געזעלשאַפטליכקייט זאָל זיך אַליין קאָנען אויסלעבן, וואו אין די ראַמען פון דער דאָזיגער אינעווייניגסטער יידישער געזעלשאַפטליכקייט זאָלן קאָנען פּאָרקומען אונזער קלאַסן־קאַמף, די צוזאַמענשטויסונגען פון אונזערע פאַרשיידענע און קעגנזעצליכע אינטערעסן און שטרעמונגען. און טאַקע דערינען איז דאָך באַשטאַנען דער גאַנצער זין און וועזן פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע. ווען אָבער איר ווילט אַצינד באַזײַטיגן די יידישע בורזשואַזיע פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע, שליסט איר זי דאָך פּאַקטיש אויס פון די ראַמען פון דער יידישער „מלוכה“, דאָס הייסט, איר מאַכט צונישט די עצם אידייע פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע.

איר זעהט, צווישן אײַער דיקטאַטור און דער רעגירונגס־דיקטאַטור קאָן מען קיין שום גזרה שוה ניט דורכפירן. און ווילט איר שוין יאָ דורכפירן אַ געוויסע אַנאַלאָגיע מיט דעם אַלגעמײנעם מלוכה־לעבן, האָט איר געדאַרפט צוטראַכטן אַזאַ מין היפּאָטעטישן בײַשפּיל, ווען די רעגירונג, וואָס וויל אָפּנעמען בײַ דער בורזשואַזיע די פּאָליטישע רעכט, וואָלט געפאַלן אויף אַזאַ מין אָריגינעלער המצאה: פאַרטרײַבן אַלע בורזשויען אין איין קאַנט, למשל, אויף קאַווקאַז, אָדער אין סיביר, און דעם דאָזיגן קאַנט אָפּשניידן פון רוסלאַנד און איבעררײַסן מיט אים אַלע באַציהונגען... אַזאַ מיטל וואָלט געוויס געווען זעהר ראַדיקאַל און אַנטשיידן, און דער עיקר — טיף אָריגינעל... און אָט טאַקע נאָר דערינען באַשטייט דאָך אײַער אָריגינעלער אויפּטו. איר צעשניידט אויך דאָס יידישע פאָלק ניט האָריזאָנטאַל, נאָר ווערטיקאַל, און רײַסט אָפּ איין חלק פון פאָלקס־אָרגאַניזם פון דעם צווייטן.

איך וויים ניט, ווי אַזוי וואָלט זיך באַצויגן די אַלגעמײנע מלוכה־

בורזשואַזיע צום אויפטו פון דער רעגירונג אין דעם געבראַכטן היפּאָ־
טעטישן ביישפּיל: ס'קאָן זיין, אַז זי וואָלט זיך געפונען אין דער אייגענער
לאַגע, ווי שטשעדרינס גענעראַלן אויפן אינזל, נאָר אָהן דעם פּויער, וואָס
שפּייזט זיי... נאָר דאָס קאָנט איר זיין זיכער, אַז בכל אופן די יידישע
בורזשואַזיע וועט געוויס צו אייך קיין טענות ניט האָבן דערפאַר, וואָס
איר אַליין צעשטערט די יסודות פון דער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע, זי
וועט אייך נאָך זאָגן דערפאַר אַ הערצליכן יישר כח... אויב ביז איצט,
אונטערן דרוק פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דער דעמאָקראַטיע, איז זי
נעבעך אויך געווען געצוואונגען „צוצובאַמקען“ דער אידייע פון דער
נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע, איז איצט האָט איר איננאַנצן פונאַנדערגע־
בונדן איר די הענט, און אויף אירע ליפּן איז שוין צו באַמערקן דאָס
מעפיסטאָפעלשע שמייכל...

נאָר אַט וואָס ס'איז דאָ צו באַוואונדערן: מאַכנדיג אַ תל־עולם פון
דער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע, זעצט איר זיך ביי דער צעבראָכענער
מולטער מיט אַ געהויבענער שטימונג, אין אַ טריומפאַלער פּאָזע, און
פונקט ווי דאָן־קיכאָט בשעתו שטעלט איר זיך פאָר, אַז פאַר אייך איז
ניט קיין צעבראָכענע מולטער, נאָר אַ פּראַכטפולער פּאַלאַץ...

יאָרן־לאַנג האָט איר געקעמפט פאַר דער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע
מיטן גרעסטן מוט, מיט דער גרעסטער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט.
איר האָט צוליב דעם געשפּאָלטן די רייען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און
זייט געווען טיף איבערצייגט, אַז דער אידעאַל, צו וואָס איר שטרעבט,
באַרעכטיגט עס. און ווירקליך, וואָס ווייטער האָט די אידייע דורכגעשלאָגן
אַלץ אַ ברייטערן וועג פאַר זיך. זי האָט באַזיגט די גאַנצע יידישע דע־
מאָקראַטיע, זי איז אויך אַריינגעדרונגען אין דער דעמאָקראַטיע פון די
שכנישע פעלקער, און אָט איז אָנגעקומען די רעוואָלוציע און האָט באַ־
שאַפן, באַזונדערס דאָ אויף אוקראַינע, גינסטיגע באַדינגונגען פאַר דער
פאַרווירקליכונג פון דער אידייע אין לעבן. מיט גרויס מוט און ענערגיע
האָט איר זיך גענומען פאַר דער גרויסער אַרבעט, און איר האָט ווירקליך
אַריינגעשריבן אַ נייַ בלעטל אין דער דעמאָקראַטיזאַציע פון מלוכה־לעבן
און צווישן־נאַציאָנאַלע באַציהונגען. אַ יאָר נאָכאַנאַנד האָט איר ניט
אויפגעהערט מיט גרויס היץ און התלהבות, מיטן עכטן, אמתן פּאַטאָס
צו ריידן וועגן דעם, אַז די פאַרווירקליכונג פון דער נאַציאָנאַלער אַוטאָ־
נאָמיע איז איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע עראָבערונגען ניט נאָר

פון דעם יידישן פראָלעטאַריאַט אַליין, נאָר פון סאָציאַליזם בכלל. און פלוצלינג, ממש פון העלער הויט, שטייט איר אויף אין איין פינסטערן פריהמאָרגן און מאַכט מיט די אייגענע הענט אַ תל־עולם פון דער לאַנג־יאָריגער אַרבעט, פון דעם כמעט געוואונענעם קאַמף, פון די כמעט פאַר־ווירקליכטע טרוימען.

וואָס איז דאָ אַזוינס געשען? וואו געפינען מיר זיך דאָס?

דער אַלטער מאַרקסיסטישער מעטאָד קאָן אונז מיטהעלפן פונאַנ־דערצוקלייבן זיך אין דער וואונדערבאַרער רעטעניש. דאָס ווירטשאַפט־ליכע לעבן ווערט חרוב, ס'ווערט חרוב דאָס „זיין“ פון דער געזעל־שאַפט, און דער דאָזיגער חורבן מוז דאָך אויך האָבן זיין אָפּשפּיגלונג אין דעם „באַוואוסטזיין“, אין דער אידעאָלאָגיע. אָט דער תהו ובהו, דער מישמאַש, אָט די פולע אַנאַרכיע, וואָס הערשט איצט צווישן די פּאָליטישע פּאַרטייען, באַזונדערס, צווישן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — דאָס איז די אידעאָלאָגישע אָפּשפּיגלונג פון מאַטעריעלן חורבן. די אַנאַרכיע פון „באַוואוסטזיין“ אַנטשפּרעכט דער אַנאַרכיע פון „זיין“...

מערץ, 1919.

# ראַטן־רוסלאַנד און זיין עקאָנאָמישע פּאָליטיק

## (באָלשעוויזם און סאָציאַליזם)

## I

גענויסע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַפילו ניט קיין קאָמוניסטן, פּלעגן ביז ניט לאַנג צוריק באַרעכטיגן די קאָמוניסטישע פּאָליטיק אין ראַטן־רוכלאַנד צוליב פאַרשיידענע טעמים.

אמת, דער פּרוב איינצופירן דורך הוילע דעקרעטן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג אין אַ העכסט אָפּגעשטאַנענעם, אַנאַלפאַבעטישן פויערישן לאַנד, וואו די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג האָט זיך געפונען ערשט אין די וויקעלאַך און וואו דער פּראָלעטאַריאַט האָט געבילדעט אַ קליינטשקן אינזל אין דעם גרויסן ים פון דאָרפישן און שטאָטישן קליינבירגערטום, שטימט ניט גאָר מיט דער מאַרקסיסטישער לערע. אייגנטליך, איז טאַקע דאָס גופא געווען דער סלע המחלוקות, טאַקע אין דעם איז באַשטאַנען דער גאַנצער שווער־פּונקט פון דעם קאַמף, וואָס דאָרט האָבן געפירט צווישן זיך 40 יאָר נאָכאַנאַנד די נאַראָדניקעס, פון איין זייט, און די מאַרקסיסטן פון דער אַנדער זייט. די נאַראָדניקעס האָבן געגלויבט, אַז אין רוסלאַנד איז מעגליך און, דער עיקר — ס׳איז ווינשנסווערט אויסצומיידן די פּאַזע פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און גלייך אַריבערשפּרינגען פון אַ כמעט נאַטוראַלער ווירטשאַפט אין אַ סאָציאַליסטישער. און, פאַרקערט, די מאַרקסיסטן האָבן געטענהט, אַז רוסלאַנד איז ניט קיין אתה־בחרתנו־לאַנד, און די אַלגעמיינע געזעצן, די אוניווערסאַלע טענדענצן פון

כאָציאַלער אַנטוויקלונג, וואָס מאַרקס-ענגעלס האָבן פעסטגעשטעלט, דערלאָזן קיין שום אויסנאַם ניט און זיינען גילטיג אויך פאַר רוסלאַנד, וואָס וועט מוזן, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע און ניט אייראָפּעאישע לענדער, אויסקאָכן זיך אין קאַפּיטאַליסטישן קעסל, און אַז דער סוביעקטיווער ווּאונש און באַגער איז ניט בכח איבעראַנדערשן דעם אָביעקטיוון גאַנג פון לעבן.

ווייס מען אָבער, אַז לענין, וואָס האָט געפירט די גאַנצע יאָרן זיינע דעם שאַרפסטן און פאַרביסנסטן קאַמף קעגן די נאַראָדניקעס, האַלט זיך נאָך עד היום פאַר דעם שטרייִנגסטן און אויסגעהאַלטנסטן מאַרקסיסט. אויב איר ווילט, האַלט ער זיך פאַר דעם איינציג-אויסגעהאַלטענעם און קאָנסעקווענטן מאַרקסיסט פון דער גאַנצער וועלט. אַי, וועט איר פרעגן: היתכן? ווי שיקט זיך עס? איז די זאַך דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די רוסישע קאָמוניסטן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז ס'איז אומפאַרמיידליך אַן אַלוועלטליכע סאָציאַלע רעוואָלוציע, און לויט דעם אמתן זין פון דער מאַרקסיסטישער דאָקטרין, „וואָלט אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין די עקאָנאָמיש אַנטוויקלטע לענדער אַרויפגעצוואונגען גראַדע אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אויף רוסלאַנד אויך“ *).

נאַטירליך, די רוסישע קאָמוניסטן האָבן דאָ ניט פאָראויסגעזעהן איין קלייניגקייט: אַז די אומפאַרמיידליכקייט פון אַ באַלדיגער אַלוועלטליכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע איז גאָר ניט אַזוי „אומפאַרמיידליך“... נאָר דאָ פאַלט שוין די שולד אינגאַנצן אויפן אָביעקטיוון גאַנג פון לעבן, וואָס האָט זיך עפּעס פאַרעקשנט און אַראָפּ פון דרך-הישר, וואָס די קאָמוניסטן האָבן אים דייטליך אָנגעצייכנט... סוביעקטיוו אָבער זיינען די קאָמוניסטן געבליבן דורכאויס גערעכט און געהאַנדלט, אַלס שטרייִנג אויסגעהאַלטענע, קאָנסעקווענטע מאַרקסיסטן. ניט מאַרקסיסטיש איז זיך באַגאַנגען אפשר דער אָביעקטיווער גאַנג פון לעבן, אָבער אויף קיין פאַל ניט די קאָמוניסטן.

דאַרף מען דען ערנסט דערווייזן, ווי ווייט דער דאָזיגער געדאַנקענגאַנג געפינט זיך אין פולער סתירה צום עצם וועזן פון דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס אַנערקענט דורכאויס די איבערהאַנט,

---

*) ז. דעם אַרטיקל פון ג. קוואַשע: „די סאָוועט-רעגירונג און איר נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק“ (די „צוקונפט“, נאָוועמבער, 1921).

דעם פּרימאַט פֿון אָביעקטיוון לעבן איבער כּלערליי סוביעקטיווע וואונשן און באַגערן? קאָן גאָר זיין, פֿון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט, אַ האַרבערער פּסק־דין קעגן וואָסערע ס׳ניט איז פּאָליטיק, ווי דער, אַז זי ווידערשפּרעכט דעם אָביעקטיוון לעבן, די טענדענצן פֿון דער סאָציאַלער ווירקליכקייט? די קאָמוניסטישע פּאָליטיק אין ראַטן־רוסלאַנד איז געקומען צו אַ שרייענדיגן ווידערשפּרוך מיט דער דאָזיגער אָביעקטיווער סאָציאַלער ווירקליכקייט, וואָס האָט זי געצוואונגען אַרונטערגעבן אַלע פּאָזיציעס און ערקלערן זיך פֿאַר באַנקראָט, — ובכן איז קלאָר, אַז, לכל הפּחות פֿון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט, איז די פּאָליטיק דורכאויס אַ פֿאַרמשפּטע און מיט קיינע פּלפּולים וועט זיך ניט איינגעבן אַרויפֿלייגן אויף איר דעם מאַרקסיסטישן הכשר...

II

אין אויבן ציטירטן אַרטיקל באַמיהט זיך דער מחבר צו דערווייזן, אַז די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פֿון דער ראַטן־מאַכט איז געווען דורך און דורך רעאַליסטיש, צוגעפּאַסט צו דער ווירקליכקייט, אַז די ראַטן־מאַכט האָט זיך גערעכנט מיטן ווילן פֿון די ברייטע מאַסן פֿון דער באַפֿעלקערונג, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

איך מוז זאָגן, אַז פֿאַר די, וואָס זיינען די גאַנצע צייט געווען אין רוסלאַנד און האָבן פּראַקטיש נאָכגעשפּירט יעדן טריט פֿון דער ראַטן־פּאָליטיק, — פֿאַר זיי דאַרפֿן קלינגען די דאָזיגע באַהויפּטונגען פּשוט ווי אַ קאַריקאַטור. אויב ניט רעכענען דעם ערשטן קורצן פּעריאָד, ווען אין לאַנד האָט געהערשט אַ געוויסע אַנאַרכיע און איבעראַל איז געווען גילטיג דער לאָזונג: „רויב דאָס אָנגערויבטע“, איז, ווי נאָר די ראַטן־מאַכט האָט אַביסל פֿאַרפֿעסטיגט אירע פּאָזיציעס און גענומען די לייצעס אין די הענט, נאָך ניט געווען אויף דער וועלט אַזאַ רעגירונג, וואָס זאָל אויף אַזוי פֿיל ניט רעכענען זיך מיטן ווילן פֿון דער באַפֿעלקערונג, אויף אַזוי פֿיל איגנאָרירן איר. מען האָט נאָכאַנאַנד אַנטשלאָסן און קאַטעגאָריש געשטעלט זיך די אויפֿגאַבע איינצופֿירן די קאָמוניסטישע אָרדענונג, ניט רעכענענדיג זיך מיט קיינע מניעות און

ווידערשטאַנדן, און איינפירן זי ראַפּטום, מיט אַמאָל, דורך איין קלאַפּ, אין אַ לאַנד, וואו 99 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג איז אָרגאַניש, לויט איר גאַנצן אינעווייניגסטן וועזן, מיט לייב און זעל קעגן אַזאַ סדר, קעגן אָט דעם קאָמוניסטישן סדר. איז דאָך קלאָר, ווי טאָג, אַז אַזאַ אָרדענונג האָט מען געקאָנט איינפירן נאָר מיט געוואַלד, נאָר דורך דער אומבאַגרעניצטער דיקטאַטור פון דער נישטיגער מינדערהייט איבער דער גאַנצער גרויסער מערהייט פון פאָלק.

און אַזוי איז פּ אַ ק ט י ש געווען די לאַגע.

און עס איז אויך ניט ריכטיג די באַהויפּטונג פון דעם מחבר, אַז „אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין דאָרף, האָט די ראַטן־מאַכט ניט געזוכט דורכצופירן אירע קאָמוניסטישע עקספּערימענטן, אויב מיר ווען ניט נעמען אין באַטראַכט די זעהר קליינע צאָל פון זאָגענאַנטע מוסטער־האַפטע פאַרמעס, וואו עס איז געמאַכט געוואָרן דער עקספּערימענט פון לאַנדווירטשאַפט אויף קאָמוניסטישע יסודות“. ד י ר אַ ט ן ־ מ אַ כ ט ה אָ ט ל כ ת ח י ל ה ב פ י ר ו ש ג ע ש ט ע ל ט ז י ך ד י ק ל אָ ־ ר ע א ו ן ב אַ ו ו א ו ס ט ז י נ י ג ע א ו י פ ג אַ ב ע צ ו ק אָ מ ו ־ נ י ז י ר ן ד ע ם ד אָ ר ף. ווער געדיינקט עס ניט די קאָלאָסאַלע האָפענונגען, וואָס מ'האָט אַרויפגעלייגט אין דעם זין טאַקע אויף אָט די „מוסטערהאַפטע פאַרמעס“, ד. ה. אויף די קאָמוניסטישע ראַטן־ווירט־שאַפטן אין דאָרף, ווי אויך אויף די באַרימטע „זריעה קאָמפּאַניעס“ (אַ פּרוב צו רעגולירן דאָס פאַרזייען) און ניט ווייניגער באַרימטע דאָרפישע דלות־קאָמיטעטן, וואָס, אויפן פּאָן פון דער ס אָ צ י אַ ל י ז י ר ט ע ר ערד, האָבן זיי געדאַרפט זיכער ברייננגען מיט זיך דעם פולן נצחון פון קאָמוניזם אין דאָרף! ס'איז דאָך געווען אַ גאַנצע תקופה אין דער ראַטן־פּאָליטיק, פאַר וועלכער די דאָזיגע האָפענונגען זיינען געווען אַממייסטנס כאַראַקטעריסטיש. מ'האָט געגלויבט באמונה שלמה, מ'איז געווען טיף איבערצייגט, אַז מ'האָט געפונען דעם שליסל, מ'האָט אויפגעזוכט די וועגן, ווי אַזוי איינצושטעלן די קאָמוניסטישע אָרדענונג אין דאָרף.

אמת, בנוגע דעם דאָרף איז די פולע אַנטטוישונג געקומען אַ סך פריהער, איידער בנוגע דער שטאָט. מ'האָט זיך דאָרט גאַנץ גיך אָנגע־שטויסן אָן אַזאַ שטאָל־אייזערנער פעסטונג, פאַר וועלכער אַפילו די אַלמעכטיגע ראַטן־דיקטאַטור האָט געמוזט אַוועקוואַרפן די וואָפן און קאַפּי־טולירן. כדי צו קאָמוניזירן דעם דאָרף, איז ניטאָ קיין אַנדער מיטל,

סיידן אַריינגעמען צו זיך אין די הענט די גאַנצע לאַנדווירטשאַפט און אוממיטלבאַר אָנפירן מיט איר. און צוליב דעם איז קודם כל נויטיג געווען דורכאויס באַהערשן דעם דאָרף. און אָט דאָ האָט זיך פשוט אַרויסגעוויזן, אַז באַהערשן דעם הונדערט מיליאָניגן דאָרף, וואָס איז פונאַנדערגעשפּרייט איבער פילע טויזנטער קילאָמעטער אין דער לענג און דער ברייט, איבער אומענדליכע סטע-פּעס, פעלדער און וועלדער, איז לחלוטין אומ-מעגליך. די זאַך ערקלערט זיך גאַנץ איינפאַך: דערויף האָט זיך געפּאָ-דערט ניט קיין מיליאָנען, נאָר צענדליגער מיליאָנען מיליטער און באַאַמטע. דער דאָרף איז אויף אַזאַ אופן, אין ווירט-שאַפטליכן, אין סאָציאַל-עקאָנאָמישן זין, פּאַקטיש געבליבן זעלבסטשטענדיג, אומ-אָפּהענגיג, אויסער דער ממשלה פון ראַטן-מאַכט.

אייגנטליך, איז דער איינציגער קראַנקער אָרט, וואָס איז איבערגע-בליבן אין די אוממיטלבאַרע באַציהונגען צווישן דער ראַטן-מאַכט און דעם דאָרף, געווען איר שטרעבונג אַרויסבאַקומען פון דאָרף, נאַטירליך, גאַנץ אומזיסט, די נויטווענדיגע פאַר דער רויטער-אַרמיי און טיילווייז פאַר דער שטאָט לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטן, ווי אויך פערד און בהמות. די מיסיע פלעגט די מאַכט דורכפירן דורך מיליטערישע און אַנדערע ספּעציעלע עקספּעדיציעס, וואָס פלעגן אַרומפאָרן איבער די דערפער און, פאַרשטייט זיך, מיט געוואַלד, ניט אָפּשטעלנדיג זיך פאַר קיינע גרויזאַמע טעראָריסטישע מיטלען, אַרויסקוועטשן פון דאָרף די רעשטן פון זיין געברויכס-נאָרמע. אויף דעם באָדן פלעגן כמעט שטענ-דיג פאָרקומען צוזאַמענשטויסן צווישן דעם דאָרף און דער מאַכט, און איבערהויפּט אויף דעם באָדן זיינען אויסגעוואַקסן כסדר פויערים-אויפשטאַנדן.

אָבער דער דאָזיגער ראַטן-פּרינציפּ — אַרויסבאַקומען פון דאָרף דעם גאַנצן רעשט פון זיין געברויכס-נאָרם — האָט געמוזט פירן דערצו, אַז פון יאָר צו יאָר, זאָל דער דאָרף פאַרקירצן זיין זריעה-שטח. דער חשבון איז געווען אַ פשוטער: צוליב וואָס זאָל דער פויער אָנקלייגן איבעריגע מיה און פאַרזייען מער ווי די געברויכס-נאָרם, אַז סיי-ווי-סיי

וועט ער זעלבסט דערפון קיין נוצן ניט האָבן. און דאָס האָט סוף כּל סוף געצוואונגען די ראַטן־מאַכט גיין אויף ווייטערדיגע הנחות, און אינגאַנצן אָפּזאָגן זיך פון דאָזיגן פּרינציפּ, אין וועלכן ס'האָט דאָך געשטעקט אַ שטיקל קאָמוניסטישער געדאַנק, און איינפאַך אַריבער צו דער סיסטעם פון שטייערן, אין וועלכער ס'איז, נאַטירליך, קיין אַטאָם פון קאָמוניזם ניט פאַרבליבן.

איך דאַרף אָבער זאָגן, אַז ניט קוקנדיג אויף אָט די צוזאַמענשטויסן און אויפשטאַנדן, ניט קוקנדיג אויף די טיפע, אָרגאַנישע האַס און פאַר־אַכטונג, מיט וועלכע דער דאָרף האָט זיך באַצויגן צו די קאָמוניסטישע עקספּערימענטן, איז ער דאָך דורכאויס געשטאַנען אויפן צד פון דער ראַטן־מאַכט אין איר קאַמף מיט דער פּריצישער קאָנטר־רעוואָלוציע פון דעניקין־קאָלטשאַק. דאָס פּויערטום האָט דערפילט אינסטינקטיוו, און די ערפאַרונג האָט עס אין גיכן באַשטעטיגט, אַז מיט דעניקינען, קאָל־טשאַקן קומט אָן זיין אייביגער שונא, דער פּריץ, דער גוט־באַזיצער, וואָס וועט ווידער אָפּגזלנען ביי אים די ערד, וואָס עס האָט שוין באַוויזן צו פאַרנעמען און פאַררעכנט שוין פאַר זיין אייגנטום. פאַרקערט, די ראַטן־מאַכט איז אין דעם הויפּט־פּונקט, אין דער סאַמע וויכטיגסטער פאַרן פּויערטום פראַגע — אין דער פראַגע וועגן ערד־באַזיץ — אינגאַנצן אומשעדליך געווען פאַר אים. ווייל, ווי געזאָגט, אין ווירטשאַפטליכן און סאָציאַל־עקאָנאָמישן זין איז דער דאָרף פאַרבליבן אינגאַנצן זעלבסט־שטענדיג, אומאָפּהענגיג, אויסער דער הערשאַפט פון ראַטן־מאַכט. און דער דעקרעט וועגן סאָציאַליזאַציע פון דער ערד וכדומה אַזעלכע דע־קרעטן האָבן אים אויף אַ האָר ניט געשטערט צו צעברעקלען און פו־נאַנדערטיילן די פּריצישע, קירכישע און מלוכהשע ערד צווישן זיך אויף די יסודות פון אינדיווידואַליסטישן פּריוואַט־אייגנטום.

וואָס זשע פאָרט זיינען די אָביעקטיווע רעזולטאַטן אויפן אַגראַר־געביט, צו וואָס עס האָבן געבראַכט די פיר יאָר?

ס'איז קלאָר, אַז די רעזולטאַטן זיינען פּונקט דער היפוך פון דעם, צו וואָס די קאָמוניסטן האָבן געשטרעבט און וועגן וואָס זיי האָבן גע־חלומט. *געשטרעבט און געחלומט האָט מען צו קאָמוניזירן דעם דאָרף, און באַקומען האָט זיך אַנשטאַט דעם אַ אומגעהויער־מעכטיגע פעסטונג פון דער קליין־בירגער־*

ליכער, אינדיווידואַליסטישער פּויערשער קליינווירטשאַפט. פאַר די פיר יאָר איז מיט די וואָרצלען אויסגעראַמט געוואָרן יעדער שפּור פון דער, אַזוי צו זאָגן, „קאָלעקטי־וויכטישער“ פּסיכאָלאָגיע, וואָס די „אָבשטשינע“ האָט כלומרשט געווען איינגעפלאַנצט ביים פּויער און אויף וואָס די נאַראָדניקעס האָבן געווען געגלייבט אַזעלכע גרויסע האָפענונגען, אַז דאָס וועט דערלייכטערן דעם פּראָצעס פון איבערגיין צו אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט אין דאָרף. ס׳זיינען אויך ביז לעצט צעשטערט געוואָרן די גרויסע, קאָנצענטרירטע, דורך־אַנטוויקלטע לאַנד־ווירטשאַפטן און ס׳איז פאַרשוואונדן פון דאָרף דער קלאַס לוין־אַרבעטער, די „באַטראַקעס“, וואָס האָט געזאָלט בילדן דעם הויפּט־פונדאַמענט פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דאָרף. ס׳האָט זיך באַקומען אַ הונדערט מיליאָניגע, אין אַלגעמיין איינגאַרטיגע קליין־ווירטשאַפטליכע פּויערשע באַפעלקערונג, וואָס דוכט זיך, קיין קראַפט אין דער וועלט וועט ניט זיין בכח איבעראַנדערשן איר קליין אייגנטימערישן כאַראַקטער און באַקעמפן אין איר די אינדיווידואַליסטישע קליין־אייגנטימערישע שטרעבונג. דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד (און אפשר ניט נאָר אין רוסלאַנד?) וועט אויסקומען געגנוג צו זינגען און צו זאָגן מיט אָט דעם מעכטיגסטן קלאַס, וואָס וועט זיכער אין פּראָצעס פון זיין זעלבסטבאַשטימונג באַקומען אַן אויסגעשפּראָכענעם אַנטי־סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. ווער ווייס, צי וועט ער ניט בילדן די געפאַר פאַר דער צוקונפטיגער סאָציאַלער רעוואָלוציע?

III

נאָר אויב בנוגע דעם דאָרף, האָט זיך גאַנץ גיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז לחלוטין אויסגעשלאָסן אָנצווענדן דאָרט די קאָמוניסטישע מע־טאָדן: דער סאַמע בלינדער פאַנאַטיזם, וואָס רעכנט זיך מיט גאָרנישט און שטעלט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ, האָט דאָ גאָרנישט געקאָנט מאַכן פּשוט דערפאַר, ווייל ס׳איז אַבסאָלוט אוממעגליך געווען אַריינצונעמען צו זיך אין די הענט גופא דעם „אָ ב י ע ק ט“ פון קאָמוניסטישן עקספּערי־מענט, — איז אין שטאָט די לאַגע געווען גאָר ניט אין אַן ערך לייכטער. דאָ האָט זיך דער „אָביעקט“ דוקא זעהר לייכט געגעבן אין די הענט. די נישטיגע צאָל גרויס־בורזשואַזיע האָט מען גלייך באַזייטיגט. די

ווייניגע אינדוסטריעלע צענטרען האָט מען גלייך באַהערשט. און ביס־לאַכווייז, מיט דער הילף פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, מיליטערישע אָפּטיילונגען און „טשעקא“, וואָס זיינען געווען קאָנצענטרירט אין שטאָט, האָט זיך איינגעגעבן פּולקאָם באַהערשן זי.

און דאָ האָט מען ווירקליך שוין פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט זיך און מיט קיין זאַך זיך ניט גערעכנט! מ׳איז דערגאַנגען ביזן לעצטן מעגליכן און אפילו ניט מעגליכן אַבסורד. די פאַרביסנסטע קעננער פון סאָציאַליזם, וואָס אין זייער שטרעבונג דיסקרעדיטירן, פּאַרמיאוסן און פאַרהאַסן דעם סאָציאַליזם, פלעגן זיך באַמיהען אויסצומאָלן כלערליי שרעקן־בילדער און ווילד־אומגעלומפּערטע קאַריקאַטורן פון דער סאָציאַ־ליסטישער צוקונפטס־געזעלשאַפט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן קינדיש־אומ־באַהאָלפן מיט אַ שרעקליך־אָרימער פאַנטאַזיע לגבי אונזער רעאַלער קאָמוניסטישער ווירקליכקייט... וואָס נאָר האָט מען ביי אונז ניט נאַ־ציאָנאַליזירט, רעגולירט און רעגלאַמענטירט! איך רייד שוין ניט פון ווירטשאַפטליכן לעבן, וואָס איז געווען „רעגולירט“ ביז זינגערס ניי־מאַשין, וואָס דינט דער בעל־הביתטע אויף צו פאַרריכטן וויס־גרייט... איך רייד אויך ניט פון קאָמוניסטישן „גלייכהייטס־פּרינציפּ“, וואָס איז דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז מ׳פלעגט נאָרמירן ניט נאָר די לופט, מיט וואָס איר אָטעמט אין צימער, די צאָל אנצוגן וואָס איר טראָגט, נאָר די קאָ־מוניסטישע דבקות פלעגט פירן דערצו, אַז ביינאַכט פלעגן זיך צו אייך אין צימער אַריינרייסן באַוואָפנטע מענטשן, פלעגן אייך אויפ־הויבן פון בעט, און נעמען ציילן אייערע נאַכט־העמדער, אונטער־הויזן און זאָקן, זיי זאָלן, חלילה, ניט איבערשטייגן די נאָרם, נאַטירליך אַ גאַנץ קליינע. נאָר, בכלל, איז ניט איבערגעבליבן קיין איין ווינקעלע, ממש קיין איין ריר פון אייער גוף און נשמה, וואָס זאָל ניט זיין רעגלאַמענ־טירט און נאָרמירט. דער „פרייער ווילן“ פון אינדיווידו איז דורכאויס אָפּגעשאַפט געוואָרן. דאָס איז דאָך ניט מער, ווי אַ בורזשואַזע איבער־לעבעניש...

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ביי אַזאַ רעגלאַמענטאַציע איז לחלוטין אויסגעשלאָסן געווען צו לעבן לויטן געזעץ. ס׳איז דעריבער ניט געווען מסתמא קיין איין מענטש אין לאַנד, וואָס זאָל ניט באַגיין כסדר מער אָדער ווייניגער האַרבע פאַרברעכנס. און ניט אומזיסט איז די שטאָט פאַר־

האַנדלט געוואָרן אין איין גרויסער אַלגעמיינער תּפיסה פאַר די איינוואוינער...

ווי איר זעהט, איז דער קאָמוניסטישער עקספּערימענט אין שטאָט דורכגעפירט געוואָרן אַזוי אַנטשיידן, וואָס אַנטשיידענער קאָן שוין ניט געמאָלט זיין. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אין זיך איין גרויסן גרונדדעפעקט, איין גרויסן אינעווייניגסטן וואָרים, וואָס האָט ביז לעצט אונטערגעגראָבן די וואָרצלען פון זיין קיום און פאַרוואַנדלט אים אין זיין היפוך. באַשטאַנען איז דער דעפעקט אין דעם, וואָס די איבערוועגנדיגע מערהייט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, אפילו פון דעם טייל, וואָס איז געווען באַרופן דורכצופירן דעם דאָזיגן עקספּערימענט, זיינען געווען און פאַרבליבן זיינע פאַרביסנדסטע דם־שונאים און באַציהען זיך צו אים מיטן טיפסטן האַס און פאַראַכטונג און דערצו נאָך — מיטן גרעניצלאָזן ביטל. און ווען איר וועט נאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז מ׳האָט ביי זיי אָפּגענומען אַלע געזעצליכע קוועלעס פון חיונה און געצוואונגען דינען אין ראַטן־אַנשטאַלטן, וואָס פלעגן, אין בעסטן פאַל, פאַרזאָרגן זייערע אָנגעשטעלטע מיט אַ צענט־חלק פון לעבנס־מינימום, וועלן די נויטווענדיגע קאָנסעקווענצן קלאָר ווערן פאַר אייך.

אַ מערקווירדיגע ערשיינונג. איך ווייס ניט, צי עס איז געווען אפילו איין צווייג פון ווירטשאַפטליכן לעבן, איין ווירטשאַפטליכע אונטערנעמונג אפילו, וואָס איבערגייענדיג אין רשות פון די ווירטשאַפטליכע ראַטן־אָרגאַנען, זאָל באַלד ניט אָנהויבן גוססן, און ביסלאַכווייז, איין גליד נאָך דעם אַנדערן אָפּשטאַרבן. וואו און צו וואָס זיי האָבן זיך נאָר ניט צוגעשטעקט אויפן עקאָנאָמישן געביט, איז שוין דאָרט קיין גראָז מער ניט געוואַקסן. ס׳האָט אויסגעזעהן אַזוי, ווי נאָך זיי, אָדער האַנט ביי האַנט מיט זיי, גייט דער מלאך המות און פאַרטיליגט יעדן שפור פון לעבן, און לאָזט נאָך זיך בלויז אַ מדבר. דער, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דער וויסנשאַפטליכער פּאָליטיק פון דער ראַטן־מאַכט ניט פון קאַבינעטן פון די כלערליי קאָמיסאַריאַטן, וואו ער האָט בלויז צו טון מיט די ספּעציפישע מילי־מיליאַסן ראַטן־פּאַפּירן און ציפערן, וואָס שפּיגלען אייגנטליך אויף די מינדסטע האָר ניט אָפּ די רעאַלע, לעבעדיגע קאָנקרעטע ווירק=

ליכקייט, — נאָר דער, וואָס האָט אוממיטלבאַר, אין לעבן גופא טריט ביי טריט נאָכגעפאָלגט, ווי די דאָזיגע פּאָליטיק שפּיגלט זיך אָפּ טאַקע פּשוט אין אָט דעם קאָנקרעטן לעבעדיגן, טאָג־טעגליכן ווירטשאַפטליכן פּראָצעס, — יענער האָט געקאָנט ממש איינזעהן בחוש, ווי אַזוי די נשמה אין דער ראַטן־ווירטשאַפט לעשט זיך אויס און דער לעבנס־נערוו ווערט פּאַראַליזירט. שטעלט אייך פאָר אַ ווירטשאַפט, וואו 99 אָדער גאַנצע הונדערט פּראָצענט פון אירע אָנפירער און אָנטיילנעמער, אין וועמענס הענט עס געפינט זיך איר שיקזאַל און וואָס דאַרפן אַריינברייגען אַהין זייער גאַנצע שאַפנדיגע ענערגיע און איניציאַטיוו, האָבן פּלוצלינג פאַרלאָרן דעם מינדסטן אינטערעס צו איר און האָבן איבערגעריסן יעדע אינעווייניגסטע באַציהונג מיט איר. פאַרקערט, טיף אין האַרצן גאַרן זיי און לעכצן איר חורבן און אונ־טערגאַנג. מ׳צווינגט זיי מיט געוואַלד צו פאַרבלייבן דאָרט — ווייל ביז 50 יאָר מוז יעדערער דינען אין אַ וואָסערן ניט איז ראַטן־אַנשטאַלט, אויב ניט, ווערט ער פאַררעכנט פאַר אַ דעזערטיר, וואָס איז שיעור ניט חייב מיתה — און דאָס רופט נאַטירליך אַרויס נאָך מער האַס און פאַר־ביטערונג. סיי די אָנפירער, סיי בכלל די אַרבעטער און די אָנגעשטעלטע אין דער ווירטשאַפט, אויב זיי פאַרנעמען זיך דאָרט ניט פּשוט מיט גנבה און כאַבאַר, זיינען געצוואונגען זוכן זייער הויפּט־חיונה ערגעץ אין דער זייט, זייט נאָך מוסיף דערצו דעם שטיקנדיגן גייסט פון אויסערגעוויינליכן ביוראָקראַטיזם, וואָס פּענטעט די פיס און פאַראַליזירט די באַוועגונג, און דערמאָנט זיך, אַז דאָס אַליין קומט פאָר אין די צוואַנגען פון אומבאַגרע־ניצטער דיקטאַטור, וואו עס איז קיין זכר ניט פאַרבליבן פון פרייער, אומאָפּהייניגער פּרעסע, פון פרייער, אומאָפּהייניגער געזעלשאַפטליכקייט אין וואו אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַ ברייטער און פרייער פּלאַץ פאַר דעם אומפאַראַנטוואָרטליכן בעל־הביתעווען פון די כל־ערליי קאָמיסאַרן, — און דאָס בילד פון ווירטשאַפטליכן צעפאַלונגס־פּראָצעס וועט פאַר אייך בולט אַרויסטרעטן, די סיבות און די אומפאַרמיידליכע רעזולטאַטן וועלן פאַר אייך קלאָר ווערן.

שוין פון ערשטן מאָמענט אָן זיינען די סבות און די רעזולטאַטן אַרויסגעטראָטן אַזוי שאַרף און בולט, מיט אַזאַ פּרימיטיווער איינפאַכקייט און שרעקליכער קלאָרקייט, אַז נאָר שטאָק־בלינדע האָבן געקאָנט צווייפ־לען דערין. און פון טאָג צו טאָג איז דער דאָזיגער צעפאַלונגס־פּראָצעס

געגאַנגען אַלץ ווייטער, אַריינגעדרונגען אַלץ טיפער און אונטערגעגראָבן דיווירטשאַפטליכע יסודות פון שטאָט. די שטאָט האָט אויפגעהערט עקאָנאָמיש צו שאַפן און איז געוואָרן כמעט דורכאויס פּאַראַזיטאַריש.

האַנט ביי האַנט מיטן ווירטשאַפטליכן צעפאַלונגס־פּראָצעס איז געגאַנגען זיין שטענדינער באַגלייטער — דער גייסטיגער חורבן און דעמאָראַליזאַציע. די שטאָט איז פאַרזונקען אין תהום פון גרעניצלאָזער געזעלשאַפטליכער אַפּאַטיע און שרעקליכע נידערשלאָגנקייט. די וואַקכאַנאַליע פון גנבה און כאַבאַר, ניט קוקנדיג אויפן גרויזאַמען טעראָר, האָט אָנגענומען אַזוינע שוידערהאַפטע פאָרמען, אַרומגעכאַפּט אפילו אַזוינע ספערן פון פּראָלעטאַריאַט און אידעאַליסטישער אינטעליגענץ, אַז ממש די האָר פלעגט זיך אייך שטעלן קאַפּויר פאַרן דאָזינן בילד.

און דאָך איז מען גראַדליניג, ניט אָפּשטעלנדיג זיך פאַר קיין זאַך אויף איין מאָמענט, מיט אַ ווילדן, אומבאַגרייפליכן פאַנאַטיזם, וואָס גרעניצט בפועל ממש מיט משוגעת, געגאַנגען פאָראויס ביז מען איז דערגאַנגען ביזן לעצטן אָפּגרונד, וואו מ׳האָט אומפאַרמיידליך אויף אייביג געמוזט פאַרזונקען ווערן. און ערשט דאַן האָט מען זיך אַרומגעקוקט, וואו מען האַלט, און מען האָט אַ געשריי געגעבן: צוריק!

איך האָב געלעזן, ווי מ׳מאָלט דעם נייעם קורס פון דער ראַטןמאַכט, אַלס אַ נאַטירליכן המשך פון דעם אַלטן, אַלס אַ ווייטערדיגן עוואָלוציע־עטאַפּ אין איר כסדרדיגער צופּאַסונגס־פּאָליטיק. זי איז דאָך בטבע אַזאַ רעאַליסטישע מאַכט און טרייבט דורכאויס רעאַליסטישע פּאָליטיק!.. ס׳האָבן זיך עטוואָס געביטן די אומשטענדן, האָט זי אַנטשפּרעכנד געביטן איר פּאָליטיק.. נאָר אַזוי אויסטייטשן דעם נייעם קורס, הייסט לחלוטין קיין אַנונג ניט האָבן פון דער ווירקליכער לאַגע און דער פּראַקטישער ראַטן־פּאָליטיק פאַר און נאָכן נייעם קורס.

ניין! ניט קיין עוואָלוציע, נאָר אַ רעוואָלוציע האָבן מיר דאָ פאַר זיך! אמת, די רעוואָלוציע ווערט געמאַכט דורך דער הערשנדיגער מאַכט גופא, און דאָך איז דער מאַרש צוריק, לויט דער שאַרפקייט, אַנטשיידנקייט און ראַדיקאַלקייט פון איבערברוך, איינע פון די סאַמע גרעסטע און טיפסטע רעוואָלוציעס, וואָס שטייגט אפשר אַריבער אפילו די אָקטאָבער־רעוואָלוציע גופא. ווייל סוף כל סוף איז דער מהלך פון

דער פּיל־וויינינג אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער שטופּע, אויף וועלכער רוסלאַנד האָט זיך געפונען אין 1917 יאָר, ביזן קאָמוניזם פון 1920 אַ סך אַ קלענערע, ווי פון קאָמוניזם פון 1920 ביז דער אורשפּרינגליכער קאַפּיטאַליסטישער סטאַנציע, צו וועלכער די ראַטן־מאַכט שפּרייזט אַצינד, ווי איר שטייגער איז, גאַנץ געשווינד...

נאָר איידער מיר וועלן צוגיין צו באַטראַכטן דעם נייעם קורס, וויל איך אונטערפירן אַ קליינעם סך־הכל דעם אַלטן, רעזיומירן די רעזולטאַטן, צו וועלכע די אַנטשיידענע קאָמוניסטישע פּאָליטיק האָט געבראַכט די שטאָט.

ווי אין דאָרף, אַזוי אויך אין שטאָט זיינען די רעזולטאַטן געווען פונקט דער היפוך פון דעם, צו וואָס מ׳האָט געשטרעבט. דער חילוק איז נאָר, וואָס אין שטאָט איז דאָס פאַרמעסטן זיך, דער פאַרנעם פון קאָמוניסטישן עקספּערימענט געווען ניט אין אַן ערך גרעסער, ברייטער און טיפער, איידער אין דאָרף, און דעריבער איז דאָ דער תהום צווישן די סוביעקטיווע צילן און די אָביעקטיווע רעזולטאַטן אויך ניט אין אַן ערך גרעסער, ברייטער און טיפער.

אָנשטאָט צו הויבן און אַנטוויקלען די פּראָדוקטיווע קרעפטן, די שטאָטישע אינדוסטריע, וואָס, פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט, ביל־דעט עס דעם גרונד־יסוד פון סאָציאַליזם און זיין הויפּט־באַרעכטיגונג, האָט מען זיי כמעט אינגאַנצן צעשטערט און חרוב געמאַכט. די שטאָט איז כמעט דורכאויס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריין־פּאַראַזיטאַרישן אָרגאַניזם, וואָס לעבט אָדער אויפן חשבון פון דאָרף, אָדער אויפן חשבון פון די שיריים, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן פון אַמאָל, און אין אַ באַ־דייטנדיגן טייל צעלויפט זיך איר באַפעלקערונג, וואוהין די אויגן טראָגן, דאָס רוב אין דאָרף, אָדער זי שטאַרבט פּשוט אויס. ס׳זיינען ניטאָ דאָרט וועגן דעם גענויע סטאַטיסטישע דאַטן, נאָר יעדער שטאָטישער איינ־וואוינער ווייס זעהר גוט, פון זיין אייגענער טאָג־טעגליכער לעבנס־ער־פאַרונג, ווי אומגעהויער, ווי שרעקליך גרויס איז די שטערבליכקייט אין שטאָט. אָט אַזוי איז די לאַגע אויפן געביט פון מאַטעריעלן קאָמונים־טישן „זיין".

ווי אַזוי פּאָרט באַשטייט די זאַך אין דער ספערע פון אידעאָלאָגיע, פון קאָמוניסטישן „באַוואוסטזיין"? אין קיין פאַל ניט בעסער! וואָס אנבאַלאַנגט דער גרויס־ און מיטל־בורזשואַזיע,

האָט די ראַטן־מאַכט לכתחילה קיינע אילוזיעס זיך ניט באַשאַפן, אַז זי וועט ווען ניט איז ווערן די טרעגערין פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע... קענען איר איז געווען דעריבער אָנגעווענדט נאָר איין מיטל — דער גרויזאַמער טעראָר, וואָס האָט זי געזאָלט ניט נאָר סאָציאַל, נאָר אין אַ געוויסער מאָס אויך פיזיש צעברעכן און אַוועקשטעלן פאַר דער קאָמוניסטישער אָרדענונג, ווי פאַר אַ פאַקט. דערפאַר האָט מען אויף די קליין־בירגערליכע שיכטן, וואָס בילדן די גרעסטע מערהייט פון דער שטאָט, דוקא געלייגט גרויסע האָפענונגען, אַז, פון איין זייט, וועט דאָס לעבן, די טאָג־טעגליכע ערפאַרונג פון קאָמוניסטישן בויען און שאַפן, אויף יעדן טריט און שריט באַשיימפערליך דערווייזן זיי, ווי אומגעהויער בעסער, שענער און יושרדיגער איז די קאָמוניסטישע אָרדענונג אין פאַרגלייך מיט דער קאַפיטאַליסטישער, און פון דער אַנדער זייט וועט די דיקטאַטאָרישע מאַכט, וואָס אימפּאָנירט בכלל דער קליין־בירגערליכער פּסיכאָלאָגיע, פשוט צווינגען זיי אָנצונעמען די קאָמוניסטישע תורה, ווי עס איז געשען אַמאָל מיט די יידן אויפן באַרג סיני, ווען מ׳האָט איבער זייער קאָפּ אויפגעהויבן דעם באַרג, און אַזוי אַרום געצוואונגען זיי מיט געוואַלד אָננעמען משה רבינוס תורה... זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דער זיכערסטער שטיצפונקט פאַרן קאָמוניזם האָט געדאַרפט זיין דער פּראָלעטאַריאַט און די קאָמוניסטיש־געזאָנענע אינטעליגענץ.

אַצינד, נאָך די פיר יאָר קאָמוניסטישער פּראַקטיק, זיינען די אָביעקטיווע רעזולטאַטן אין דער ספערע פון אידעאָלאָגיע קלאָר פאַר אַלעמען. עס איז איבעריג צו זאָגן, אַז ניט נאָר די גרויס־ און מיטל־בורזשואַזיע, נאָר אפילו דאָס קליין־בירגערטום האָט זיך קיין קאָמוניסטישן „מוסר“ ניט אַראָפּגענומען... די אייגנטימערישע אינסטינקטן און נייגונגען, וואָס זיינען נאָך פריהער ביי זיי גענוג שטאַרק געווען, האָבן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, און אויב פריהער האָבן זיי ממש אָרגאַניש ניט געקאָנט דולדן קיין שום קאָלעקטיוויזם, אין וואָסערע פאָרמען ער זאָל זיך ניט אויסדריקן, איז אַצינד זייער האַס און פאַראַכטונג צו די דאָזיגע פאָרמען נאָך ניט אין אַן ערך גרעסער און טיפער געוואָרן. נאָר ניט דאָס איז נאָך דער עיקר. ביי זייער דורכגעדרונגענעם אינדיווידואַליזם און איינגען עגאָאיזם, האָבן זיי דאָך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג דערפילט אַ געוויסע פּאָזיטיווע, שאַפנדיגע פונקציע אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן. זיי

זיינען געווען איינגעגלידערט אין דער געזעלשאַפט, און דאָס האָט, אַזוי צו זאָגן, „פּאַרגעזעלשאַפטליכט" זייער פּסיכאָלאָגיע. אַצינד אָבער האָט דער אַ'בערמענטשליכער קאַמף פאַר אַזאַ עקסיסטענץ־מינימום, וואָס שטייט בפועל ממש נידעריגער פון אַמאָליגע לומפּן־פּראָלעטאַרישע נאָרמען, און דערצו נאָך גנבה, כאַבאַר און ספּעקולאַציע אין אירע ערגסטע, אַנטי־סאָציאַלסטע פאָרמען, וואָס זיינען געווען כמעט די איינציגע קוואַלן פון זייער חיונה, דורכאויס פאַרוואַנדלט זיי אין אַ אַנטיסאָציאַלן עלעמענט.

און מ'דאַרף האָבן דעם מוט אָנערקענען דעם אמת, ווי פינסטער און טרויעריג ער זאָל ניט זיין, אַז די זעלבע סיבות האָבן אַריינגעבראַכט די שרעקלעכע אַנטיסאָציאַלע דעמאָראַליזאַציע אויך אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט און אין דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. די איבערוועגנדיגע מערהייט פון פּראָלעטאַריאַט איז, בכלל, אינאיינעם מיטן חורבן פון דער אינדוסטריע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דעקלאַסירטער מאַסע מיט אַלע סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע איינגנשאַפטן פון אַזאַ מאַסע. נאָר אפילו ביי די שארית הפליטה, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אויף דער קליינער צאָל נאָך ניט פאַרמאַכטע פאַבריקן און זאַוואָדן, אפילו צווישן דער געוועזענער סאָציאַליסטישער און אידעאַליסטיש־געשטימטער אינטעליגענץ האָבן די אויבן־כאַראַקטעריזירטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, די מאָראַלע פּעסט פון גנבה און ספּעקולאַציע אינגאַנצן פאַרסמט די לופט, מיט וואָס מען אָטעמט. אָט אַזוי זעהען מיר, ווי אפילו די זיכערסטע שטיצפּונקטן פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין שטאָט זיינען נאָך די פיר יאָר קאָמוניסטישער פּראַקטיק כמעט אינגאַנצן דעזאָרגאַניזירט און רואינירט געוואָרן.

ניט נאָר אין מאַטעריעלן, אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן, נאָר אויך אין גייסטיגן, אין סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן זין איז דער חורבן פון שטאָט פיל גרעסער, ברייטער און טיפער, איידער אין דאָרף. דער דאָרף האָט דאָך ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן און פּראָדוצירן, און אַ דאַנק דעם האָט ער ניט פאַרלאָרן די געזונטע סאָציאַלע אינסטינקטן, די נאָרמאַלע געזעלשאַפטליכע פּסיכאָלאָגיע פון אַ קלאַס, וואָס אַרבעט און שאַפט. די כמעט דורכאויס פּאַראַזיטאַרישע שטאָט האָט דערוואָרבן אַ אויסגעשפּראָכענע אַנטיסאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע.

איידער איך וועל איבערגיין צו דער אַלגעמיינער אָפּשאַצונג פונם קאָמוניסטישן עקספּערימענט פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, וויל איך אין קורצן אָפּשטעלן זיך אויפן נייעם עקאָנאָמישן קורס אין ראַטן=רוסלאַנד.

ס׳זיינען דאָ סיטואַציעס אַזוינע פּשוטע, פּרימיטיוו=איינפאַכע, אַזוינע עלעמענטאַר=קלאָרע און אומצווייפלבאַרע, אַז זיי שטעכן ממש די אויגן און ס׳איז לחלוטין איבעריג אויפצוקלערן זיי, און מיט קיינע סאָפיזמען, מיט קיינע פּלפּולים און גריבלערייען וועט זיך ניט איינגעבן צו פאַרדרייען און פאַרקריפּלען זיי. אַזאַ מין פּרימיטיוו=איינפאַכע און עלעמענטאַר=קלאָרע סיטואַציע האָבן מיר געהאַט ביים איינפירן דעם קאָמוניזם אין רוסלאַנד. זיין אומפאַרמיידלעכער באַנקראָט, זיין הימל=שרייענדיגער ווידערשפּרוך מיט דער רוסלענדער סאָציאַל=עקאָנאָמישער ווירקליכקייט האָט בפועל ממש געשטאָכן די אויגן. נאָך פיל שאַרפער און בולטער טרעט אַרויס אַצינד די סתירה, דער תהום צווישן דער פּאַקטיש=קאָמוניסטישער פּאָליטישער הערשאַפט און דעם נייעם בורזשואַז=קאַפּיטאַליסטישן עקאָנאָמישן קורס. דאָ האָבן מיר פאַר זיך ווירקליך צוויי לגמרי קעגנזעצליכע פּאָלוסן, פייער מיט וואַסער. איינס שליסט אינגאַנצן, ביז לעצט, אויס דאָס צווייטע.

אמת, די קאָמוניסטישע מאַכט איז אַצינד נעקומען צום קלאָרן באַוואוסטזיין וועגן דעם פולן האָפענונגסלאָזן באַנקראָט פון איר עקספּערימענט. זי זעהט אַצינד ווירקליך קיין שום אַנדער אויסוועג ניט אויסצומיידן דעם גענצליכן חורבן פון לאַנד, ווי צוריק אויפשטעלן די בורזשואַז=קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, צוריק איינפירן און פאַרפעסטיגן דאָס פּריוואַט=אייגנטום, שאַפן אַ ברייטן און פרייען פּלאַץ פאַר דער פּריוואַטער איניציאַטיוו. אָבער צי דאַרף מען דען זיין אַן אויסגעשפּראָכענער מאַרקסיסט, כדי צו אָנערקענען, אַז די פּאָליטיק איז בלויז די אָפּשפּיגלונג פון דער עקאָנאָמיק, אַז די פּאָליטישע הערשאַפט איז דער אָביעקטיווער אויסדרוק פון די סאָציאַל=עקאָנאָמישע כחות=פאַרהעלטענישן, אַז אין אַ בורזשואַזער, קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג מוז אומבאַדינגט די פּאָליטישע מאַכט געפינען זיך אין די הענט פון דער בור=

זשוואַזיע און בשום אופן ניט אין די הענט פון איר געפערליכסטן שונא, וואָס איז גרייט יעדן טאָג ממש אין אַ לעפל וואַסער דערטרינקען זי? און דאָ שמועסט מען פון דעם, אַז די קאָמוניסטישע מאַכט, וואָס איר עצם וועזן און באַרוף איז פאַרניכטן די בורזשואַזע אָרדענונג, זאָל אַליין טאַקע אויפשטעלן די דאָזיגע פון איר גופא צעשטערטע אָרדענונג, זאָל אַליין שאַפן, דערציהען און אויסהאָדעווען די בורזשואַזיע. קאָן מען זיך גאָר פאָרשטעלן אַ גרעסערן און ווילדערן אומזין?

איך ווייס, אין געוויסע קאָמוניסטישע קרייזן איז מען נוטה צו באַטראַכטן אָט דעם נייעם עקאָנאָמישן קורס בלויז אַלס אַ צייטווייליגע הפסקה אין דער קאָמוניסטישער פּאָליטיק, ביז וואַנען די סיטואַציע אין אַנדערע לענדער וועט ווערן גינסטיגער און ביז וואַנען די ראַטן־מאַכט וועט אָנזאַמלען די נויטיגע כחות, און דעמאָלט וועט זי ווידער אַרויסשלעפּן דעם מעסער פון בוזים און אים ווידער אַריינשטעכן אין האַרצן דער בורזשואַזיע, וואָס זי אַליין האָט דערצויגן און אויסגעהאָדעוועט. נאָר דאָס איז שוין עפּעס אַ באָבע־מעשה פון טויזנט און איין נאַכט, און נאָר אין אַזעלכע באָבע־מעשיות קאָן מען אויסמאָלן די בורזשואַזיע, ווי אַזאַ שלים־מזל און קוני־לעמל, וואָס יעדער קאָן זי צען מאָל אַ טאָג אַריינכאַפּן אין זאַק אַריין.

ס׳איז קלאָר, ווי טאָג, אַז דאָ איז לחלוטין ניט מעגליך קיין שום קאָמפּראָמיס. ענטוועדער — אָדער. אָדער די פּאָליטישע הערשאַפט וועט געהערן די קאָמוניסטן, דעמאָלסט וועלן מיר נויטווענדיגערווייזע האָבן פאַר זיך אויך אַ קאָמוניסטישע עקאָנאָמיק, און דאָס האָט דאָך דער אָביעקטיווער גאַנג פון לעבן, כידוע, שוין פאַרמשפּט צום טויט, און די קאָמוניסטן זעלבסט זיינען געצוואונגען אָפּצוזאָגן זיך פון דעם. אָדער מיר וועלן האָבן אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, צו וואָס דער זעלבער אָביעקטיווער געזעלשאַפטליכער פּראָצעס שטויסט אַצינד רוסלאַנד מיט געוואַלד און אימפּעט פון אַ נאַטור־קראַפט, דאַן וועט די פּאָליטישע מאַכט אומבאַדינגט געפינען זיך אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, נאַטירליך — ביי די רוסלענדער סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, — צוזאַמען מיטן פויערישן קליין־בירגערטום, קיין שום דריטער אויסוועג איז ניטאָ.

די פראַגע קאָן נאָר באַשטיין אין דעם: צי וועט דער נייער עקאָנאָמישער קורס פירן צו אַ נייער פּאָליטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד,

ווען די קאָמוניסטישע הערשאַפט וועט מיט געוואַלד אָפּגעבראָכן ווערן, און די פּאָליטישע מאַכט וועלן פאַרכאַפּן יענע עלעמענטן, וואָס די לאַגע פון די נייע סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן וועט אַרויסרוקן. אָדער די ראַטן-מאַכט, וואָס איר גראַנדיעזער אַפּאַראַט באַשטייט שוין אַצינד אין זיין איבערוויגנדיגער מערהייט פון עלעמענטן, וואָס זיינען אין גרונד פיינטליך דעם קאָמוניזם, וועט פּשוט עוואָלוציאָנירן אויף אַ נאַטירליכן אופן און וועט ביסלאַכוויז אַרויסשטויסן דאָס פאַרבליבענע הייפעלע קאָמוניסטישע פאַנאַטיקער. ס'איז אַלזאָ קלאָר, אַז סיי אין ערשטן, סיי אין צווייטן פאַל וועט די קאָמוניסטישע הערשאַפט אין רוסלאַנד פאַרשוואונדן ווערן.

V

צי האָט אונז דער קאָמוניסטישער עקספּערימענט אין ראַטן-רוסלאַנד דערנעהענטערט צום סאָציאַליסטישן ענדציל, אָדער, פאַרקערט, דערווייטערט פון אים? צי בילדעט ער אַ טריט פאָראויס אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צי אַ טריט צוריק? צי זיין ראָלע אין באַדייטונג פאַרן סאָציאַליזם איז אַ פּאָזיטיווע צי אַ נעגאַטיווע?

די מלחמה האָט אַרויסגעטראָגן דער בורזשואַזיע דעם האַרבסטן און אַנטשיידנסטן פּסק-דין: איר געזעלשאַפטליכער און מאָראַלער באַנקראָט איז פאַר אַלעמען, פאַר די ברייטסטע פאָלקס-שיכטן, אפילו פאַר די פינסטערע, ווייניג אַנטוויקלטע מאַסן, אַזוי שאַרף און בולט אַרויסגעטראָטן, אַז מיט קיינע מיטלען וואָלט זיך איר שוין מער ניט איינגעגעבן צו פאַרבלענדן די אויגן און פאַרדונקלען דאָס באַוואוסטזיין. נאָך דעם, ווי מ'האָט אויסגעקוילעט און צעקאַליעטשעט צענדליגער מיליאָנען מענטשן, וויסט און חרוב געמאַכט שטעט, קאַנטן און לענדער, צערואינירט און צעשטערט מאַטעריעלע און קולטורעלע אוצרות, וואָס די מענטשהייט האָט אין משך פון דורות מיט בלוט און שווייס געזאַמלט — און אַליך מיט גאָטס-וואָרט אויף די ליפּצן, אין נאָמען פון די העכסטע און שענסטע אידעאַלן (ווער געדיינקט עס ניט ווילסאָנס באַרימטע 14 פּונקטן?..) — נאָך דעם אַלעמען איז געקומען דער ווילדער שדים-טאַנץ אין ווערסאַל, אָט דער גרעניצלאָזער טאַיוואָלישער ציניזם, וואָס האָט אַנטבלויזט פאַר גאָר דער וועלט די עקלהאַפטע בורזשואַזע שאַנד, — אַז אפילו שטאָקבלינדע האָבן געמוזט דערזעהן.

זיצנדיג ביי דער צעבראָכענער מולטער, אויסגעניכטערטע פון נאַציאָנאַליסטיש-שאָוויניסטישן טשאַד, מיט הערצער, פול שרעקליכער, ערביטערטער אַנטוישונג, האָבן די אַרבעטער-מאַסן, די ברייטע פאָלקסשיכטן געזאָלט צושטעלן דער אין אַלע הינזיכטן דיסקרעדיטירטער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג דעם וועקסל, וואָס די דורכאויס הינטערשטעליגע בורזשואַזיע איז ניט אימשטאַנד געווען צו צאָלן, און איין גרויסער געדאַנק, איין מעכטיגע שטרעבונג האָט געזאָלט באַהערשן זייערע הערצער און מוחות: דערקלערן אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דער אָרדענונג, וואָס איז געבויט אויף בלוט און עקספּלאָאַטאַציע, וואו אויף יעדן טריט און שריט לויערן אַזעלכע שרעקליכע זינלאָזע און צוועקלאָזע קאַטאַסטראָפעס, וואָס זי איז ניט בכח אויסמיידן. איר אָרט מוז פאַרנעמען די נייע געזעלשאַפט, וואָס וועט פאַראייניגן די גאַנצע מענטשהייט אין איין ברידערליכער אינטערנאַציאָנאַלער משפּחה פון אַרבעטער-געמיינשאַפטן.

אמת, נאָך אַזאַ חורבן און צעשטערונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן זיינען די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דירעקטן סאָציאַליסטישן בויען און שאַפן זעהר אומגינסטיג. ס'מוזן קודם כל צוריק אויפגעשטעלט ווערן די חורבנות, דער ווירטשאַפטליכער אָרגאַניזם מוז געהיילט ווערן פון זיינע שרעקליכע וואונדן, פון זיין געפערליכער אַנעמיע, נאָך אַזאַ אויסערגעוויינליכן בלוט-אָפּלויף, כדי ס'זאָלן באַשאַפן ווערן די אָביעקטיווע מעגליכקייטן פאַרן איבערגאַנג צו העכערע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן. דערפאַר אָבער האָט די אַרבעטער-באַוועגונג דאָך געזאָלט מאַכן אַ קאָלאָסאַלן טריט פאָראויס דורך דעם, וואָס אין באַוואוסטזיין פון די ברייטסטע אַרבעטער מאַסן האָט זיך געזאָלט איינוואָרצלען די גרונד-אידייע, אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז אין אַלע הינזיכטן הינטערשטעליג, און אַז דער איינציגער אויסוועג איז שטרעבן צו דער פאַרווירקליכונג פון סאָציאַליסטישן אידעאַל.

אָט דער מעכטיגער ס ו ב י ע ק ט י ו ו ע ר פאַקטאָר, חוץ זיין אומגעהויער גרויסער אוממיטלבאַרער ראָלע און באַדייטונג פאַרן סאָציאַליזם בכלל, וואָלט שוין אַצינד, ביי דער געשאַפענער סיטואַציע, געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויפן גאַנצן גאַנג פון סאָציאַלן לעבן. די בורזשואַזיע וואָלט געווען געצוואונגען אונטערן דראַנג פון אָנגרייפנדיגן פּראָלעטאַריאַט אָפּגעבן איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער. אין משך פון דעם לאַנג-יאָריגן קאַמף, וואָס דער באַוואוסטזיניגער פּראָלעטאַריאַט פירט אָן

קענען דער בורזשואַזיע, וויינען קיינמאָל די כּוחות=פֿאַרהעלטעניש ניט געווען אַזוי גינסטיג פֿאַרן אַרבעטער=קלאַס ווי אין אָט דעם פּעריאָד פֿון מלחמה=ליקווידאַציע. די ברייטסטע שיכטן פֿון פֿאָלק, וואָס די מלחמה האָט זיי אַרויסגעבראַכט אויף דער פּאָליטישער אַרענע און געצוואונגען אַקטיוו באַטייליגן זיך אין פּאָליטישן לעבן, וואָלטן זיכער געשטיצט דעם אַרבעטער=קלאַס קעגן דער דורכאויס דיסקרעדיטירטער און הינטערשטעליגער בורזשואַזיע, וואָס וואָלט געדאַרפֿט פֿאַרבלייבן איזאָלירט און פֿאַרלאָזן פֿון „גאָט און לייט"...

ס'איז אָבער דאָ, הפּנים, אַ גרויסער גאָט ביי דער בורזשואַזיע, און אין אַ עת=צרה פֿאַרלאָזט ער זי פֿאָרט ניט. דער „מלאך מושיע" איז דאָס מאָל גאַנץ אומערוואַרטעט געקומען פֿון אַזאַ זייט, וואו מ'האָט זיך אויף אים ווייניגער פֿון אַלץ געקאָנט ריכטן. איר אויסלייזער איז אַנטשטאַנען אין דער מחנה פֿון אירע פֿאַרביטערסטע שונאים. דאָס זיינען די באָלשעוויקעס און זייער ווילד=אומגעלומפּערטער קאָמוניסטישער עקספּערימענט אין רוסלאַנד. און אַזוי איז די בורזשואַזיע אַראָפּ פֿון באַשולדיגונגס=באַנק און האָט אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט דעם פּראָלעטאַריאַט...

די ניי=געשאַפֿענע סיטואַציע האָט זי אויסגענוצט אַם בעסטן. אָנשטאָט זיך צו פֿאַרטיידיגן האָט זי אונטערגענומען אַן אַלגעמיינעם אננריף איבערן גאַנצן פֿראָנט. אָנשטאָט צו ערקלערן זיך באַנקראָט, ווייל אירע אַרויסגעגעבענע וועקסלען האָבן געמוזט צום פּראָטעסט גיין, האָט זי אַצינד באַקומען די מעגליכקייט צוצושטעלן אַ קאָנטר=רעכענונג און מאָנען נאָך רעשט... און מ'דאַרף זאָגן דעם אמת: אָט די קאָנטר=רעכענונג איז ניט קיין בלאָף געווען, זי האָט געהאַט הינטער זיך גענוג גרונדן.

די בורזשואַזיע פֿון דער גאַנצער וועלט טענהט איצט, אַז „מיר האָבן שוין לאַנג געזאָגט, אַז דער סאָציאַליזם איז אַן אומגעלומפּערטע אוטאָפּיע, אַז ער טראָגט מיט זיך דעם ווילדן באַרבאַריזם, די צעשטערונג פֿון דער קולטור, א. א. וו., א. א. וו. און אָט האָט טאַקע דאָס רעאַלע לעבן אויפֿן גלענצנדסטן אופֿן באַשטעטיגט אונזער אָפּשאַצונג און פֿאָראויסזאָגונגען.

אומזיסט וועט איר פּרובן אָנווייזן דערויף, אַז דער קאָמוניסטישער עקספּערימענט האָט צום סאָציאַליזם קיין שום שייכות ניט, אַז ער געפֿינט זיך אין אַ גרינדליכער סתירה צו דער מאָדערנער

לערע פון וויסנשאַפטליכן סאָציאַליזם א. א. וו. די בורזשואַזיע אָבער איז בלויז פּאַראינטערעסירט דעם באַנקראָט פון קאָמוניזם אַרויסצוואַרפן אויפן חשבון פון סאָציאַליזם. און דאָס גיט זיך איר גאַנץ לייכט איין. ווייל ניט נאָר די ברייטע פאָלקס־שיכטן בכלל, נאָר אפילו די אַרבעטער מאַסן, וואָס זיינען ניט דורכגעגאַנגען די מאַרק־סיסטישע שול און וואָס האָבן ניט באַוויזן אויסצושטודירן די לערע פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, קאָנען קיין אַנדער פאַרשטעלונג וועגן דעם דאָזיגן עקספּערימענט ניט האָבן. די זאַך איז פאַר זיי זעהר פּשוט און קלאָר. דער פּראָלעטאַריאַט האָט איבערגענומען די מאַכט אין זיינע הענט, און האָט געשטעלט זיך די אויפגאַבע צו פאַרווירקליכן דעם סאָציאַליזם, איבערבויען די געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. און אָט ווי אַזוי, דורך וואָסערע מיטלען און וועגן ער האָט עס דורכגעפירט, און צו וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן דאָס האָט געבראַכט! אַנשטאָט צו בילדן דעם לייכט־טורעם פאַר דער מענטשהייט, איר געוויסן, וואָס די סאָציאַליס־טישע באַוועגונג איז פאַקטיש ביז איצט געווען, האָט מען באַוויזן צו אַנטפּלעקן יענע נעגאַטיווע, שוידערליכע זייטן פון דער בורזשואַזער אָר־דענונג, קענן וועלכער ס'איז שטענדיג געווען געווענדט דער גרעסטער צער און צאָרן פון די סאָציאַליסטן. אַנשטאָט צו גייען פאָראויס צו העכערע פאָרמען פון ווירטשאַפטליכן לעבן, האָט מען פאַקטיש זיך אומגעקערט צוריק, צו די פּרימיטיווע, פאַר־קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטס־פאָרמען. און סוף כל סוף איז מען געווען געצוואונגען אַליין אָנער־קענען די איינענע הינטערשטעליגקייט און מיט די איינענע הענט איינפירן צוריק די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. איז עס ניט דער בעסטער באַווייז, אַז די קענגער פון סאָציאַליזם זיינען דורכאויס גערעכט געווען, און אַז ער שטעלט טאַקע מיט זיך פאָר אַ שרעקליכע אוטאָפּיע, וואָרום וואָס קאָן זיין איבערצייגנדיגער, ווי דאָס לעבן גופא?

מיר הויבן ערשט אָן צו גיין צוריק פון קאָמוניסטישן „יריד“. דער קאָ־מוניסטישער היפּנאָז הויבט ערשט אָן אָפּצוטון זיך. און פון טאָג צו טאָג, וואָס קלאָרער און בולטער עס וועט אַרויסטרעטן פאַר די אַרבע־טער מאַסן די אמתע לאַגע, די רעאַלע ווירקליכקייט אין ראַטן־רוסלאַנד, אַלץ גיכער וועט פאַרשווינדן פון זייערע אויגן דער קאָמוניסטישער צוי־בער, אַלץ טיפער און גרעסער וועט זיין זייער ביטערע אַנטוישונג אין

סאָציאַליסטישן אידעאַל, און במילא — אַלץ פעסטער און זיכערער וועלן ווערן די פּאָזיציעס פון דער בורזשואַזיע.

ס'איז קלאָר, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט דאָ באַקומען אַ שרעקליכן, קאַטאַסטראָפאַלן קלאַפּ, פון וואָס זי וועט אַ לאַנגע צייט ניט קאָנען קומען צו זיך. און עס וועט זיך פאָדערן אומגעהויערע אָנשטריינגונג פון די סאָציאַליסטישע כוחות אויף צו באַקעמפן די דאָזיגע פּסיכאָלאָגיע פון אַנטוישונג, אויף צו דערווערבן ווידער דעם פעסטן גלויבן אין אידעאַל און צו געבן אים דעם פּראַכט און צויבער, דעם גרויסן ארעאָל און צוציהונגס-קראַפט פון אַמאָל.

און דאָ טרעט קלאָר אַרויס די גאַנצע פאַלשקייט און שעדליכקייט פון דער פּאָליטיק און טאַקטיק, וואָס די ניט-קאָמוניסטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געפירט בנוגע ראַטן-רוסלאַנד. געוויס איז דורכאויס ריכטיג און באַרעכטיגט געווען זייער שאַרפער און אַנטשיידנסטער קאַמף קעגן דער אימפּעריאַליסטישער אינטערווענציע אין ראַטן-רוסלאַנד, אָבער אין דער זעלבער צייט איז העכסט פאַלש און שעדליך געווען דאָס, וואָס זיי האָבן זיך ניט גענוג שאַרף און אַנטשיידן אָפּגעגרעניצט פון דעם דאָזיגן קאָמוניסטישן עקספּערימענט, וואָס זיי האָבן ניט פאַרמאָגט גענוג מוט און דרייסטקייט צו באַקעמפן מיט דער געהעריגער ענערגיע און אַנטשלאָסנקייט די שעדליכע קאָמוניסטישע אילוזיעס צווישן די אַרבעטער מאַסן, וואָס זיי האָבן אויסבאַהאַלטן פון די מאַסן די אמתע, די ווירקליכע שרעקליך-טראַגישע לאַגע פון ראַטן-רוסלאַנד און דערמיט נאָך מער פאַרשטאַרקט די דאָזיגע אילוזיעס, וואָס זיי האָבן מיטגעהאָלפן פאַרשמירן, פאַרמאַסקירן און פאַרדעקן די אַלע שוואַרצע, נעגאַטיווע זייטן פון דער ראַטן-פּאָליטיק און דערמיט אין געוויסער מאָס גענומען אויף זיך, אויף דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג די מאָראַלע אחריות פאַר דער דאָזיגער פּאָליטיק. אָבער אויסבאַהאַלטן, פאַרדעקן און פאַרמאַסקירן האָט מען געקאָנט נאָר ביז אַ צייט, ביז וואַנען רוסלאַנד איז פּאַקטיש געווען אָפּגעשניטן פון דער אויסערער וועלט. און אַצינד, ווען דער נאַקעטער שרעקליך טרויעריגער אמת שווימט אַרויס אויף דעם אויבערפלאַך און דרינגט אַריין אין די רייען פון די אַרבעטער-מאַסן דורך טיר און טויער, טרעפט ער זיי, ווי אַ דונער אין העלן טאָג, ניט באַוואָפנטע, ניט צוגעגרייטע, און, נאַטירליך, אַז דער גאַנצער באָדן הויבט זיך אָן צו טרייסלען ביי זיי אונטער די פיס...

יאָ, עס איז שוין לאַנג צייט אַ סוף צו מאַכן צו דער דאָזיגער פּאַלשער און שעדליכער פּאָליטיק, וואָס באַזונדערס די יידישע סאָציאַליס־טישע, אַפילו ווייט ניט קאָמוניסטישע, פּרעסע האָט אַזוי ענערגיש פאַר־טיידיגט, קולטיווירט אין משך פון די פיר יאָר.

נאָר דאָ פיל איך, ווי איך קום אין באַרירונג מיט אַן אַנדער גרויסער און וויכטיגער טעמע — וועגן דער ראַטן־מאַכט און דער יידן־פראַגע. אָבער דערויף דאַרף מען זיך ספּעציעל אָפּשטעלן.

נאָוועמבער, 1921

---

# דער ראַטן־רעזשים און די יידן אין רוסלאַנד

I

דער טיפער קעגנזאַץ צווישן די סוביעקטיווע ווינשונגען און צילן און די אָביעקטיווע רעזולטאַטן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן לעבן פון ראַטן־רוסלאַנד, טרעט באַזונדערס שאַרף און בולט אַרויס אין לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג דאָרט.

צווישן דעם ברייטן ניט־יידישן עולם, סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אויסלאַנד, איז פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז יידן און באָלשעוויקעס איז איין זאַך, אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט איז אַ יידישע מאַכט, אַז איבערהויפּט זיינען דאָס יידן פאַראינטערעסירט, די דאָזיגע מאַכט זאָל עקסיסטירן און פאַרפעסטיגן זיך, און דעריבער זיינען זיי גרייט מיט אַלע מעגליכקייטן אונטערשטיצן זי. און אַפילו אין די יידישע קרייזן, איבערהויפּט — אין די יידישע סאָציאַליסטישע קרייזן אין אויסלאַנד איז אָנגענומען, אַז ס׳איז דאָ אַ נאָהענטע, אינטימע קרובהשאַפט צווישן דער ראַטן־מאַכט און דער יידישער באַפעלקערונג און טאַקע דערמיט דערקלערט זיך אין אַ באַדייטנדער מאָס די אויסערגעוויינליכע סימפּאַטיע, וואָס די ראַטן־מאַכט האָט צו זיך אַרויסגערופן אַפילו אין יענע אויסלענדישע יידישע סאָציאַליסטישע רייען, וואָס זיינען אייגנטליך גאַניץ ווייט פון קאָמוניזם.

און אין אמתן, אפילו דער פאַרביסנסטער קעגנער פון דער ראַטן־מאַכט קאָן ניט לייקענען, אַז ס׳איז נאָך ניט געווען אַזאַ מאַכט, וואָס זאָל אַזוי שאַרף און אַנטשיידן קעמפן מיטן אַנטיסעמיטיזם, וואָס זאָל אין עצם

זיין אַזוי פריי פון דער אַנטיסעמיטישער אידעאָלאָגיע, וואָס זאָל אַזוי גרינדליך דורכפירן אין לעבן די יידישע גלייכבאַרעכטיגונג, און וואו יידן זאָלן ווירקליך שפּילן אַזאַ אָנפירנדיגע ראָלע אין די פאַרשיידנסטע צווייגן פון מלוכה־לעבן. און נאָר אַ באַזונדער ארעאל האָט געמוזט באַקומען די ראַטן־מאַכט אויפן פּאָן פון די נאַציאָנאַליסטישע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע כּוחות, וואָס האָבן מיט איר געקעמפט — אויפן פּאָן פון קאָלטשאַק־דעניקין־וראַנגעל־יודעניטש־פּעטלורא־סאַווינקאָוון, וואָס האָבן אין אַזעלכע שרעקליך־ווילדע, שווידערהאַפטע פאָרמען אַרויסגעוויזן זייער יידן־פרעסערישן תוך.

נאָר דאָס אַלץ איז קלאָר און ריכטיג און ערוועקט ביי אייך קיין ספקות ניט, כל זמן איר בלייבט שטיין אויפן ריין־סובּיעקטיוון שטאַנדפּונקט פון פרומע וואונשן און גוטע באַגערן. אָבער ווי נאָר איר גייט איבער צום אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט, צו די אָביעקטיווע רעזולטאַטן, צו וואָס דער ראַטן־רעזשים האָט געבראַכט דאָס יידישע לעבן, דאַן באַקומט זיך אַ גאַנץ אַנדער, אויב איר ווילט — אַ דיאַמעטראַל־קעגנזעצליך בילד, און דער גרעסטער פריינט, דער פאַרברענטסטער חסיד פון דער ראַטן־מאַכט, אויב נאָר ער איז ערליך און אויפריכטיג, מוז אָנערקענען, אַז ס'איז נאָך ניט געווען אַזאַ רעזשים, אַפילו צווישן די סאַמע פינסטערע, צווישן די סאַמע רעאַקציאָנערסטע און אַנטיסעמיטישע, וואָס זאָל פירן צו אַזאַ גרינדליכן מאַטעריעלן און גייסטיגן חורבן פון אונזער פאָלק.

די זאַך דערקלערט זיך זעהר פשוט: דער ראַטן־רעזשים האָט געבראַכט מיט זיך דעם פולן און גענצליכן חורבן פון שטאָט, און היות ווי די יידישע באַפעלקערונג איז דאָך כמעט דורכאויס אַ שטאָטישע באַפעלקערונג, האָט די שרעקליכע קאַטאַסטראָפע געמוזט טרעפן זי אין די ערשטע רייען און ביז די טיפסטע וואָרצלען אונטערגראָבן די יסודות פון איר קיום. און ווירקליך, קאָנען גאָר גיין אין פאַרגלייך די חורבונות און צעשטערונגען, וואָס די ראַטן־אָרדענונג האָט אַריינגעבראַכט אין לעבן פון יידישן קבוץ, פון איין זייט, און פון רוסישן פאָלק, פון דער אַנדער זייט? סוף כל סוף בילדעט דאָך דאָס פויערטום דעם רוב מנין און רוב בנין פון רוסישן פאָלק, דעם הויפט־יסוד פון זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישן וועזן, און דער פויערישער דאָרף האָט, כידוע, גאָר ניט אין אַן ערך ווייניגער געליטן פון דער קאַטאַסטראָפע, איידער די שטאָט.

פאַרקערט, דאָס פויערטום האָט צו פאַרצייכענען אין זיין אַקטיוו אומגעהויער גרויסע נצחונות, אין געוויסע, אין די וויכטיגסטע, הינזיכטן זיינען אַפילו זיינע סאָציאַל=עקאָנאָמישע פאָזיציעס זעהר שטאַרק פאַרפעסטיגט געוואָרן. און אַפילו די שטאָטישע רוסישע באַפעלקערונג, וואָס אין אַ באַדייטנדיגן טייל אירן האָט זי נאָך ניט איבערגעריסן איר אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיטן דאָרף, פון וואַנען זי שטאַמט, האָט געהאַט די מעגליכקייט, ביי די ניי=געשאַפענע באַדינגונגען, צוריקקערן זיך אין דאָרף, ווידער אַריינגלידערן זיך דאָרט און דורך דעם ראַטעווען זיך פון אונטערגאַנג אין שטאָט. אָבער פאַר דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג איז אַזאַ אויסוועג לגמרי אויסגעשלאָסן געווען. ניט זי שטאַמט פון דאָרף, ניט זי געפינט זיך אין אָרגאַנישער קרובהשאַפט מיטן פויערטום, ניט זי האָט געהאַט אַ וואָסערע ניט איז שייכות צו ערד=אַרבעט. נאָך מער — די שרעקליכע פאָגראָם=כוואַליעס און דער באַנדיטיזם האָבן מיט געוואַלד איבערגעריסן לחלוטין די באַציהונגען, וואָס אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט פריהער געהאַט מיטן דאָרף. אויף אַזאַ אופן איז די יידישע באַפעלקערונג געוועזן געצוואונגען ניט נאָר האַלטן זיך מייל=ווייט פון דאָרף, נאָר אויך לויפן פון די שכנהשע קליינע שטעטלאַך אין די גרעסערע שטעט, אין די פאַרפעסטעטע צענטרען פון עפידעמיעס, הונגער און טויט.

און סגור ומסוגר, ווי מיט אייזערנע גראַטעס אַרומגערינגלט אַרום און אַרום, איז די יידישע באַפעלקערונג פאַרבליבן אין די דאָזיגע צענטרען פון עפידעמיעס, הונגער און טויט, אַ פאַרמשפטע צו אומפאַרמיידליכער פיזישער און גייסטיגער אַנטאַרטונג. אַן אַנטלאָפענע פון איין פאָגראָם=כוואַליע איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ צווייטער, וואָס איז אין אַ כך הינזיכטן געווען נאָך פיל שרעקליכער. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פערמאַנענטער עקאָנאָמישער פאָגראָם, וואָס האָט געדויערט עטליכע יאָר נאָכאַנאַנד. די וואַקכאַנאַליע פון נאַציאָנאַליזאַציעס, וואָס האָבן אין זייערע טויטע אָרימס דערשטיקט דאָס ווירטשאַפטליכע לעבן פון שטאָט, האָבן טאָג איין, טאָג אויס, ביי אַלץ ברייטערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אַרויסגענומען דעם סאָציאַל=עקאָנאָמישן באָדן פון אונטער די פיס, ביז דער גאַנצער יידישער קבוץ, ווי ער איז גרויס, איז געבליבן דורכאויס באָדנלאָז און אַוועקגעשליידערט ערגעץ אין סאָציאַל=עקאָנאָמישן עולם התהו...

דער פּראָצעס פון אונזער ווירטשאַפטליכער „אויסגלײַכונג“ איז דערפירט געוואָרן בפועל ממש ביז אַריבער די דיינקבאַרע גרעניצן. מילא, די גרויס־ און מיטל־בורזשואַזיע האָט דאָך גאָט אַליין געהייסן עקספּראָפּריאירן, און מ׳האָט שוין מיט איר איין מאָל געלערנט בלק... דאַן האָט מען זיך גענומען פאַרן קליינבירגערטום, פאַרן קליין־קרעמערל, סוחרל; פאַרן זעלבסטשטענדיגן בעל־מלאכה, א. ז. וו., דאָס הייסט — פאַר אונזערע פאָלקס־מאַסן, און מען האָט זיי סיסטעמאַטיש און גרינדליך אויסגעלײַדיגט. די געשעפטן, קלייטן, קראָמען, און קרעמלאַך ביז דער בודקע, וואו די יידענע פאַרקויפט זעלצער־וואַסער, האָט מען פשוט פאַרמאַכט, די סחורה „עקספּראָפּריאירט“, און די וואַרשטאַטן פון די בעלי־מלאכהס—נאַציאָנאַליזירט. ווי אַזוי, אויף וואָס פאַר אַ אופן, דורך וואָס פאַר אַ מיטלען דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן — דערויף וויל איך זיך דאָ ניט אָפּשטעלן: די דיקטאַטור האָט דאָ אַרויסגעוויזן איר „יד חזקה“, איר גרויזאַמע אכזריות און ברוטאַלקייט, ווארום ס׳איז דען געווען מיט וועמען צו רעכענען זיך און פאַרוואָס זיך אָפּצושטעלן?

אַזוי אַרום איז דער יידישער קבוץ אין ראַטן־רוסלאַנד אינגאַנצן פּראָלעטאַריזירט געוואָרן. נאָר אייגנטליך, איז נאָך דער אויסדרוק ניט גאָר דער ריכטיגער, ווייל מ׳האָט אין אמתן ניט נאָר די קאַפּיטאַלן עקספּראָפּריאירט און די מעגליכקייט פון עקספּלאָטאַציע און שאַפן מערווערט באַזייטיגט, מען איז געגאַנגען פיל ווייטער — מ׳האָט אַפילו די האָב און גוטס, די כלי־בית פון יעדן יחיד קאָמוניזירט, און ווען ביי דעם יחיד פלעגט מען, למשל, די דירה זיינע רעקווירירן — וואָס איז געווען אַ טאָג־טעגליכע ערשיינונג, אַ שטיק לעבנס־שטייגער — פלעגט ער טאַקע אַוועקגיין בעורם ובחוסר כל, אַזוי ווי גאָט האָט אים געבוירן... אויף אַזאַ אופן איז יעדער איינציגער אין תוך אַריין לומפּנפּראָלעטאַריזירט געוואָרן... און ניט נאָר אין דער איינגער הינזיכט, נאָר אויך אין פיל ברייטערן סאָציאַלן זין האָט ער שרעקליך דעגראַדירט און פאַרגלייך מיט אַ פּראָלעטאַריער. דער פּראָלעטאַריער פאַרמאָגט לכל הפחות פרייע אַרבעטס־הענט, וואָס ער פאַרקויפט דעם קאַפּיטאַליסט און באַקומט דער׳פאַר זיין לעבנס־מינימום. דאָס אָבער איז מעגליך נאָר אין אַ בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואו אַליץ קויפט זיך און פאַרקויפט זיך און וואו דער קאַפּיטאַליסט האָט די פולע רעכט און מעגליכקייט עקספּלאָטירן די אַרבעטער. אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט איז עס לחלוטין

אויסגעשלאָסן. ס'איז אָפּגעשאַפט געוואָרן ניט נאָר די עקספּלאָאַטאַציע, נאָר אויך די פרייע אַרבעטס־קראַפט, זי געהערט מער ניט דעם יחיד! אָט דאָס שטיקל אייגנטום, וואָס איז נאָך אין דער בורזשואַזער געזעל־שאַפט פאַרבליבן ביים פּראָלעטאַריער, האָט מען דאָ אויך עקספּראָ־פּריאירט און נאַציאָנאַליזירט, אָפּגעגעבן אין רשות פון דער מלוכה. נאָר אין איין קליינער הינזיכט איז דער נייער קאָמוניסטישער בעל הבית אָפּגעשטאַנען פון דעם אַלטן קאַפּיטאַליסט: דעם עקסיסטענץ־מינימום פון זיינע „ווייסע קנעכט" האָט ער ניט געקאָנט פאַרזאָרגן... ס'האָט זיך איבערגעחזרט די אַלטע געשיכטע פון יידן אין מצרים. קיין שטרוי גיט מען ניט און ציגל הייסט מען מאַכן. פאַרזאָרגן אייך, זאָל שוין זיין מיטן מינימאַלן הונגער־פּאַיאָק, איז די מלוכה, ביים גרעסטן ווילן, אַבסאָ־לוט ניט ביכולת, זי שטעלט מיט זיך זעלבסט פאָר איין גרויסע דלות־טאָרבע. אין בעסטן פאַל קאָן דער הונגער־פּאַיאָק זיין די פּריווילעגיע פון אַ קליינעם נישטיגן פּראָצענט. אָבער אין דער זעלבער צייט טאָרט איר ניט אויסנוצן צוליב זיך זעלבסט אייער אַרבעטס־קראַפט; זי געהערט דורכאויס דער מלוכה, ביז 50 יאָר זענט איר מחויב צו דינען אין אַ וואָסערן ס'ניט איז ראַטן־אַנשטאַלט, דינען „פּאַנסטשינע" און אומזיסט, שלא על מנת לקבל פרס, אויסשליסליך לשם קאָמוניזם... און פאַר־קערט גערעדט, וואָס וואָלט עס אייך געגעבן, ווען איר וואָלט פאַרמאָגן פרייע אַרבעטס־הענט? וואו, אייגנטליך, וואָלט איר זיי געקאָנט אָנ־ווענדן אין דעם ווירטשאַפטליכן מדבר, וואָס די שטאָט האָט פאַרגע־שטעלט?

ווי אַזוי זשע פאָרט, וועט איר פרעגן, האָט ביי אַזוינע באַדינגונגען געקאָנט עקסיסטירן דער יידישער קבוץ, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסער דעקלאַסירטער עדה בעטלער?

אַ געוויסער טייל האָט אויף דער דאָזיגער פראַגע געענטפערט זעהר פשוט און פּרימיטיוו: איז אַוועק פון שלאַכטפעלד, פאַרלאָזן די וועלט פון פיין און שרעק און איבערגעפּעקלט זיך אויפן עולם האמת, וואו מען וועט אים שוין קיין קשיות ניט שטעלן... ווי גרויס איז דער דאָזיגער טייל? ס'זיינען וועגן דעם ניטאָ קיין ציפערן. אויב אָבער ווען ניט איז וועט זיך איינגעבן די דאָזיגע ציפערן צונויפזאַמלען, וועלן אָט די טויטע צייכנס אַנטפּלעקן פאַר אייך אַ שווידערליך בילד. געווען צייטן, ווען אייך האָט זיך בפועל ממש געדוכט, אַז די יידישע

באַפעלקערונג שטאַרבט בוכשטעבליך אויס. אין די גרעסערע צענטרען איז אָהן אַ באַזונדער פּראָטעקציע שווער געווען צו דערשלאָגן זיך „אַן אָטשערעד“ אויפן בית-עולם... צו אָט דעם טייל, וואָס איז זיכער זעהר גרויס, קאָנט איר, בכן, קיין טענות ניט האָבן: ער האָט געהאַנדלט נאַטירליך און צוועקמעסיג...

ווי אַזוי-זשע פאָרט האָבן זיך געקלינגט די איבעריגע, און ווי אַזוי האָט עס זיך זיי איינגעגעבן אויסצומיידן דאָס נאַטירליכע און געזעצמעסיגע, דאָס אומפאַרמיידליכע? אַן ענטפער דערויף דאַרף מען זוכן אין דער אויסערגעוויינליכער עלאַסטישקייט און צופּאַסונגס-פעהיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג. ווער קאָן עס נאָך אַזוי, ווי מיר יידן, לעבן פון נסים? ווי אַזוי די דאָזיגע „נסים“ ווירקן אויף אונזער דומר און אויף אונזער גייסט — דאָס איז שוין אַן אַנדער שאַלה. די רייכע ערפאַרונג פון די לעצטע עטליכע יאָר וואָלט אונז געקאָנט דערציילן וועגן דעם שרעקליך-טרויעריגע געשיכטעס. צו דעם וועלן מיר זיך נאָך אומקערן. דערווייל וויל איך אין אַלגעמיין אָנווייזן, אין וואָס די דאָזיגע „נסים“ זיינען באַשטאַנען.

אויב ניט רעכענען דעם נישטיגן פּראָצענט פאַראַנטוואָרטליכע קאָמיסאַרן און הויכע באַאַמטע, וואָס די מאַכט האָט מיט אַלע כחות זיך באַמיהט אויסצוהאַלטן, איז אַ טייל ראַטן-אָנגעשטעלטע, וואָס זיין גרויס איז, נאַטירליך, שווער פעסטצושטעלן, האָט געצויגן זיין חיונה פון גנבה און כאַבאַר. דער דאָזיגער מקור איז גאַנץ פאַרשיידנאַרטיג, אָפּהייניג פון אָרט און צייט, פון אַנשטאַלט און פּאָסטן, וואָס די אָנטיילנעמער פאַרטרעטן, פון זייער אונטערנעמונגס-גייסט און פאַרמעסטן זיך און, לסוף, פון די נעהיימע פאַרבינדונגען, וואָס זיי האָבן מיטן „טשעקאַ“ און אַנדערע שטראָפנדע און קאָנטראָלירנדע אָרגאַנען. בכל אופן, דאַרף איך אונטערשטרייכן, אַז דאָ האָבן מיר פאַר זיך ניט קיין אויסנאַם, ניט קיין יוצא מן הכלל, נאָר אַ גאַנץ פאַרשפּרייטע ערשיינונג, וואָס איז אייגנטליך שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוויינליכן לעבנס-שטייגער, און וואָס צייטנווייז פלעגט עס אָננעמען אַ כאַראַקטער פון אַן עכט ווילדער וואַקכאַנאַליע. די זעלבע יידן, וואָס אין צאַרישן רוסלאַנד זיינען אויף יעדן טריט און שריט געווען געצוואונגען צו לערנען זיך די מלאכה פון ג ע ב ן כאַבאַר, האָבן זיך אַצינד זעהר גיך אויסגעלערנט די מלאכה פון נ ע מ ע ן כאַבאַר, און אויב נאָך אַמאָל, ווען דער

איינגנטום־פּרינציפּ איז פעסט באַשטאַנען, איז געווען אָנגענומען, אַז „קאַזנאַ“ איז הפקר, אַז גנבענען בײַ „קאַזנאַ“ איז אַ קנאַפּער חטא, הפשיטא שוין איצט, אַז יעדער קינד אין וויג ווייסט, אַז איינגנטום איז גנבה, און ווען דער לאָזונג פון „קאַזנאַ“ זעלבסט איז געווען: „רויב דאָס אָנגערויבטע“, איז דאָך געוויס איר איינגנטום צען מאָל הפקר...

ס'איז דאָ אמת געווען די מורא פאַרן „טשעקאַ“, די מורא פאַרן תליון, אָבער די פּערספּעקטיוו פון טויט־הונגער האָט פאַרשטיקט דעם פּחד. און סוף כל סוף איז דאָך דער חלף פון „טשעקאַ“ סיי ווי סיי געהאַנגען איבערן קאָפּ פון יעדן בירגער, וואָרום אייגנטליך האָט די „טשעקאַ“ מיט פולער רעכט געקאָנט אָפּשטעלן יעדן איינציגן בירגער און אים אַ פרעג טון: בירגער, דו לעבסט? קום־זשע, זיי מוחל, אין „טשעקאַ“! ווייל אויפן געזעצליכן אופן קאָנסטו בשום אופן ניט לעבן, דורך געזעצליכע מיטלען קאָנסטו דיין עקסיסטענץ פאַר קיין פאַל ניט אונטערהאַלטן, און דאָס גופא, וואָס דו ביסט נאָך ניט געשטאָרבן, איז דער שאַרפסטער באַווייז קעגן דיר, אַז דו באַגייסט כסדר האַרבע פאַרברעכנס...

דער גרויזאַמער טעראָר האָט אויך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן די יידישע מאַסן פון דער צווייטער הויפּט־באַשעפטיגונג, פון וואַנען זיי האָבן געצויגן זייער חיונה — פון ספּעקולאַציע. דאָ האָבן מיר געהאַט פאַר זיך אַ גאַנץ איינגאַרטיגן קאָמפּלעקס פון ערשיינונגען, וואָס נאָר דאָס ביז לעצט צעשטערטע, צעהויקערטע און פאַרקריפּלטע ווירטשאַפטליכע לעבן פון ראַטן־רוסלאַנד האָט אַזוינס געקאָנט אַרויסברענגען. שוין אַליין דאָס קאַטאַסטראָפאַלע זינקען פון רובל, וואָס האָט פאַר דער גאַנצער לאַנגער צייט אויף איין מאָמענט זיך ניט אָפּגעשטעלט, האָט באַשאַפן דעם גינסטיגסטן באָדן פאַר דער אומבאַגרעניצטער און אומפאַרשעמטער ספּעקולאַציע. אַצינד מאָלט אייך אויס אויף דעם דאָזיגן אַלגעמיינעם פאָן דאָס פאָלגנדיגע בילד: אַלע סחורות פון פרייען מאַרק זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן. דער פרייער האַנדל, דער איסטויש פון סחורות איז שטרייננג פאַרבאָטן און ווערט מיט אכזריות פאַרפאָלגט. די מלוכה־אָרגאַנען זיינען אַבסאָלוט ניט ביכולת צו אָרגאַניזירן די פאַרטיילונג פון פּראָדוקטן און באַזאָרגן די באַפעלקערונג אפילו מיט אַ צענט־חלק פון איר מינימום־געברויך. כדי אונטערצוהאַלטן דאָס לעבן, האָט די באַפעלקערונג קיין שום אַנדער אויסוועג

ניט, ווי די איבעריגע העכער נײן־צענטל פון איר מינימום־געברויך אײנ־
צוקויפן געהיים אויפן אומגעזעצליכן אופן. דער קונה, און דער עיקר —
דער מוכר ריזיקירט כסדר, די סחורה זיינע זאָל קאָנפיסקירט ווערן און
ער זאָל אַרײנפאַלן אין די הענט פון „טשעקאַ". ליפערן די פּראָדוקטן
פּײַן דאַרף אָדער פון ערגעץ אַנדערש, און האַלטן די דאָזיגע „קאָנטראַ־
באַנדע" אויף די „סקלאַדן" — דאָס איז אַ געפערליכע אונטערנעמונג,
וואָס פאָדערט די העכסטע אָנשטרײנגונג און פיל קרבנות, וואָס דאַרפן
נאַטירליך פון דעם געברויכער באַצאָלט ווערן, און ביד רחבה. בכלל
עקסיסטירן קיין נאָרמען ניט, קיין עקאָנאָמישע געזעצן, וואָס זאָלן רע־
גולירן די מקחים פון סחורות, יעדער פונקט איז אַן עולם בפני עצמו, אַן
עקאָנאָמיש אָפּגעזונדערט וועלטל, און די מקחים־דיפערענצן צווישן צווײ
שכנישע פונקטן קאָנען דערגרייכן ממש אומגלויבליכע ציפערן. ס׳פאַר־
שטייט זיך, אַז ביי אַזוינע באַדינגונגען וואָלט געווען אויסגעשלאָסן, די
באַפעלקערונג זאָל קאָנען זיך באַזאָרגן אַפילו מיטן הונגער־מינימום פון
לעבנס־מיטלען, ווען די מלוכה, וואָס האָט פאַרשאָטן אַלע וועגן און
פאַרשטאָפּט אַלע קאַנאַלן פון ווירטשאַפטליכן פאַרקער, זאָל ניט לאָזן
איין האַלב־פרייען קלאַפּאַן — דאָס איז דער שטאָט־מאַרק. דאָס איז
געווען די לעצטע גרעניץ, וואו די וואַקכאַנאַליע פון רעגולירונג און רע־
גלאַמענטירונג האָט זיך אָפּגעשטעלט. מ׳האָט, הפנים, דערפילט אינ־
סטינקטיוו, אַז פאַרמאַכן דעם דאָזיגן לעצטן קלאַפּאַן אויך וואָלט גע־
הייסן, די פעטליע אַזוי פאַרציהען איבערן האַלז פון דער באַפעלקערונג,
זי זאָל אינגאַנצן פאַרשטיקט ווערן, און דעריבער, ניט קוקנדיג דאַרויף,
וואָס דאָס האָט זיך געפונען אין פולן קעגנזאַץ צו אַלע קלאָר־אויסגע־
שפּראָכענע דעקרעטן, אין אַ שרײענדיגן ווידערשפּרוך צו דער גאַנצער
פּאָליטיק פון ראַטן־מאַכט, פלעגט מען דאָך דולדן דעם „פרייען האַנדל"
אויפן מאַרק, און בלויז פון צייט צו צייט פלעגט אַ מחנה רויטע אַר־
מייער אָדער אַן אַנדער באַוואָפנטע אָפּטיילונג באַפאַלן דעם מאַרק,
אַרויפוואַרפן אַ פּאַניק אויפן עולם, קאָנפיסקירן די „קאָנטראַבאַנדע" און
באַווייזן, אַז ס׳איז נאָך דאָ געזעצליכקייט, אָרדענונג און „דיקטאַטור".
אָבער נאָך דעם פלעגט דער מאַרק־עולם ווידער זיך באַרוהיגן ביז אַ
צווייטן אָנפאַל.

אין אָט דעם ווילדן, אומגעלומפּערטן תהו ובהו, וואָס גייט ניט
אונטער אײגנטליך אונטער קיין ווירטשאַפטליכער דעפיניציע, אונטער

קיין קאַטעגאָריע פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און וואָס מ'איז ביי אונז געוויינט צו באַצייכענען מיטן ניט צוטרעפנדיגן און ניט פּאַסנדיגן וואָרט „ספּעקולאַציע“, האָבן יידן גענומען אַ גאַנץ באַדייטנדן אָנטייל און האָבן מיט זיך געבילדעט איינעם פון די באַדייטנדע רעזערוואואַרן, פון וואַנען די „טשעקאַ“ — דער ספּעציעלער אָרגאַן, וואָס איז ממונה צו קעמפן קעגן דער ספּעקולאַציע — האָט געשלעפּט זיינע קרבנות. מיט וואָס פאַר אַן אומבאַגרייפליכער, אומזיניגער אכזריות די „טשעקאַ“ פלעגט זיך אָפּרעכענען מיט די דאָזיגע קרבנות, קאָן אונז דינען אַלס אילו־סטראַציע דער פאָלגנדיגער פאַקט — איינער פון פילע ענליכע פאַקטן. אין כאַרקאָוו זיינען 16 יידן, דאָס רוב ביטערע אביונים, וואָס פלעגן מיט זייערע פאַמיליעס ליידן שרעקליכן הונגער, אַריין אין אַ געהיימען אָפּ־מאַך מיט פּאָסט־באַאַמטע אויף צו שיקן דורך פּאָסט פּאָסילקעס פון מעל, צוקער וכדומה קיין מאָסקווע, וואו די מקחים זיינען דעמאָלט גע־שטאַנען ניט אין אַן ערך העכער. דאָס איז פאַרשטייט זיך געווען שטריינג פאַרבאָטן און די „טשעקאַ“ האָט זיי געפּאַקט, אַרעסטירט און „פאַר־משפּט“ ניט מער און ניט ווייניגער, ווי צו טויט־שטראָף. מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס איז געזעסן מיט זיי אין איין קעלער פון „טשעקא“, האָט מיר איבערגעגעבן שוידערהאַפטע איינצלהייטן, פון וואָס די האָר האָבן זיך ממש קאַפּויר געשטעלט, פון יענער נאַכט, ווען די תלינים האָבן זיי איינציגווייז געשלעפּט פון קעלער אויף צו שיסן. און דאָך, ווי געזאָגט, האָט דער טעראָר ניט געקאָנט אָפּהאַלטן די באַפעלקערונג פון „ספּעקולאַציע“: זי האָט דען געהאַט אַן אַנדער אויסוועג? בכלל איז צו זעהן, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן, וואָס זיינען פאַרמשפּט צו טויט־הונגער, איז אַ גאַנץ אייגנאַרטיגע און אַנטהאַלט אין זיך פיל סודות און רעטענישן, וואָס מיט אונזערע געוויינליכע הושים זיינען מיר גאָר ניט בכח משיג צו זיין... אַ ייד, וואָס האָט איבערגעלעבט איינעם פון די שרעקליכסטע פּאָגראָמען אין אוקראַינע, וואָס איז דריי מעת־לעת נאָכאַנאַנד געלעגן מיט דעם ווייב און קליינע קינדער אין אַ קעלער, ווען אַלע שכנים אַרום האָט מען אויסגעשחטן און אים אַליין שוין אויך גע־שלעפּט הרגענען, נאָר בלויז על פּי נס איז ער ניצול געוואָרן, האָט מיר זעהר ערנסט און אויפריכטיג געזאָגט אין אַ יאָר אַרום: „איך בין אמת

מקנא די שכנים מײַנע, וואָס זײַנען דעמאָלט אומגעקומען אין פּאָגראָם. דער קאָשמאַר, וואָס איך און מײַן ווײַב און די קינדער לעבן אַצינד איבער טאָג־אײַן, טאָג־אויס, איז פיל שרעקליכער". און דאָס איז ניט קיין פּראַזע געווען, איר האָט געפילט, אַז דאָס רעדט צו אײַך די פאַר־צווייפלונג אַליין. איז דען צו וואונדערן, וואָס בײַ אַזאַ פאַרצווייפלונגס־פּסיכאָלאָגיע איז דער מענטש גרייט אויף אַלץ...

ס'איז מיר געבליבן אָנצואווײַזן נאָך איין מקור, פון וואַנען, לכל הפחות, דער געוועזענער פאַרמעגליכער טייל האָט געצויגן זײַן חיונה: דאָס איז דאָס אויספאַרקויפן פון די איבערגעבליבענע האָב און גוטס, וואָס עס האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצובאַהאַלטן פון די אַלערליי רעקוויזיציעס און קאָנפיסקאַציעס. ס'איז אויך, פאַרשטייט זיך, געווען אומגעזעצליך, ס'האָט זיך אָבער כסדר פּראַקטיקירט. טאָג־אײַן, טאָג־אויס פלעגט איר זיי באַגעגענען (דאָס רוב זײַנען דאָס געווען פרויען), אַרומשפּאַצירנדיג אויפן מאַרק מיט אַ טישטוך, האַנטיכער, ציכלאַך, אַ פּאָר שיך, אַ פּאָר הויזן, וכדומה. די הויפּט־קונים אויף די סחורות זײַנען, נאַטירליך, געווען די דאָרפס־לייט.

דאָס זײַנען געווען די הויפּט־יסודות פון יידישן ווירטשאַפטליכן לעבן, דער גרונד באַזיס פון דער יידישער „עקאָנאָמיק" אין ראַטן־רוסלאַנד. די פולע און גענצליכע צעשטערונג פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, וואָס דער יידישער קבוץ אין רוסלאַנד האָט אין משך פון דורות געבויט און פאַרפעסטיגט, — דאָס איז דער אָביעקטיווער סך־הכל, צו וואָס דער ראַטן־רעזשים האָט אונז געבראַכט. די יידן־פרעסערישע רעגירונגען פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן און ניקאָלאַי דעם צווייטן מיט זייערע איגנאַטיעווס און פּלעוועס האָבן אין זייער שטרעבונג צו רואינירן דאָס יידישע פאָלק, פאַר צענדליגער יאָרן פון סיסטעמאַטישע גזרות, רדיפות און פּאָגראָמען ניט באַוויזן אויפצוטון אפילו קיין הונדערט־חלק פון דעם, וואָס די זעהר יידן־פרײַנטליכע ראַטן־רעגירונג האָט אויפגעטאָן בלויז פאַר עטליכע יאָר...

און ניט נאָר אויפן סאָציאַל־עקאָנאָמישן געביט טרעט שאַרף און
בולט אַרויס דער גרעניצלאָזער תהום צווישן דעם סוביעקטיוון
און אָביעקטיוון מאָמענט, צווישן די סוביעקטיוו־גוטע
כוונות און די אָביעקטיוו־שלעכטע רעזולטאַטן.
נאָך פיל שאַרפער און בולטער טרעט אַרויס דער דאָזיגער האָפענונגס־
לאָזער קעגנזאַץ אוממיטלבאַר אין דער ספערע פון אַנטיסעמיטיזם, אויפן
באָדן פון דער פּאָגראָם־באַוועגונג זעלבסט.

דער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געלעבט אין ראַטן־רוסלאַנד, אין
דער געבענטשטער אוקראַינע און דורכגעמאַכט די פּאָגראָם־עפּאָכע, נאָכ־
געשפירט איר גאַנג און אַנטוויקלונג, דאָס אָנקומען און פאַרשווינדן פון
די פאַרשיידענע פּאָגראָם־כוואַליעס, דער קאָן קיין איין מאָמענט ניט צווייפ־
לען אין דעם, אַז מצד דער ראַטן־רעגירונג האָט די פּאָגראָם־באַוועגונג באַ־
געגנט דעם שאַרפסטן און אַנטשיידנסטן ווידערשטאַנד. אויב ניט רע־
כענען איינצלנע עקסצעסן, צופעליגע, עפּיזאָדישע מאָמענטן, ווען אָפּ־
טיילונגען פון דער רויטער אַרמיי האָבן גענומען אַן אָנטייל אין פּאָ־
גראָמען, — די מאָמענטן זיינען אין קיין פאַל ניט כאַראַקטעריסטיש
פאַר דער רויטער אַרמיי און באַזונדערס — פאַר דער פּאָליטיק פון דער
ראַטן־מאַכט — איז פאַר דער יידישער באַפעלקערונג די ראַטן־מאַכט
כסדר אַרויסגעטראָטן ווי דער מלאך־מושיע, די רעטערין און אויסלייזערין.
דער קאַמף קעגן פּאָגראָמען, דער קאַמף אויף לעבן און טויט, איז געווען
איינע פון די צענטראַלסטע אויפגאַבן פון דער ראַטן־מאַכט. אַנדערש
האָט עס אייגנטליך ניט געקאָנט זיין. די פּאָגראָם־באַוועגונג
איז געווען דער נאַטירליכער אָרגאַנישער אויס־
דרוק פון דער אַנטיקאָמוניסטישער באַוועגונג אין
פאָלק. סיי די באַנדיטישע, סיי די דעניקישע, סיי פּעטליורישע פּאָ־
גראָמען זיינען פאָרגעקומען גלייכצייטיג אונטערן צווייפאַכן לאָזונג:
שלאָג די יידן, שלאָג די קאָמוניסטן. דאָס זיינען
געווען צוויי זייטן פון איינער און דערזעלבער מטבע. און דעריבער,
דערשטיקן די פּאָגראָם־באַוועגונג האָט געהייסן אין דער זעלבער צייט
באַקעמפן דעם אייגענעם געפערליכן שונא,
פאַרטיידיגן זיך זעלבסט, פאַרפעסטיגן די
אייגענע פּאָזיציעס.

דאָס אַלץ איז קלאָר און ריכטיג און דערוועקט קיין צווייפל ניט. קערט אָבער איבער דאָס בלעטל, טראַכט זיך אַריין אַביסל טיפער אין דער זאַך, און איר וועט פאַר זיך דערזעהן אַ גאַנץ אַנדער בילד און קומען צו גאַנץ אַנדערע אויספירונגען. אמת, די ראַטן־מאַכט האָט אויפן אַנטשיידנסטן אופן געקעמפט קעגן דער פאָגראָם־באַוועגונג, אָבער ווען איר שטעלט די פראַגע: ווער האָט די פאָגראָם־באַוועגונג אַרויסגערופן? ווער האָט אָביעקטיוו, קעגן איינענעם ווילן, מיטגעהאָלפן איר פאַרשטאַרקונג און פאַרשפרייטונג, כסדר געגעבן איר חיות און קראַפט? — מוזט איר דערויף ענטפערן, אַז אין גרעסטער מאָס דאַרף עס פאַרשריבן ווערן דורכאויס אויפן חשבון פון ראַטן־רעזשים. דאָס איז געווען דער אָביעקטיוו־נויטווענדיגער רעזולטאַט פון דער ראַטן־פּאָליטיק.

אָט דעם גרונט־טעות מאַכט מען כסדר, ווען מ׳רעדט וועגן דער ראָלע פון באָלשעוויזם אין דער רעוואָלוציע. מ׳לאָזט אַרויס פון אויג די געזעלשאַפטליכע פערספעקטיוו. מ׳שרייבט אים, למשל, צו די גרויסע פאַרדינסטן ביים באַקעמפן די פריציש־מאָנאַרכיסטישע קאָנטער־רעוואָלוציע, און מ׳פאַרגעסט, אַז אין תוך אַריין האָט גופא ער זעלבסט אין דער באַדייטנדסטער מאָס די דאָזיגע קאָנטער־רעוואָלוציע אַרויסגערופן, געשאַפן אַ באָדן אונטער אירע פיס און פאַרפעסטיגט זי. אַז אין פעברואַר 1917 האָט דער פריציש־ביוראָקראַטישער זעלבסט־הערשונגס־רעזשים אַבסאָלוט קיין שום באָדן ניט געהאַט אין לעבן פון גרויסן לאַנד און לחלוטין ניט געהאַט אויף וועמען אָנצושפאַרן זיך, — דאָס האָבן מיר אַלע געזעהן באַשיימפערליך, ווען די דורכאויס בלוטלאָזע פעברואַר־רעוואָלוציע איז אַראָפּ־געפאַלן ווירקליך, ווי אַ ביז גאָר צייטיגע פרוכט, וואָס שיילט זיך אַליין לייכט, אָהן אָנשטריינגונג, אַרויס פון איר שיידל. און אין 1918, 1919 יאָרן איז שוין די דאָזיגע פריציש־מאָנאַרכיסטישע קאָנטער־רעוואָלוציע אויסגעוואַקסן אין אַ געפערליכן כח, וואָס האָט שיער ניט דערשטיקט די רעוואָלוציע מיט אַלע אירע עראָבערונגען. און דער עיקר — פאַר דער צייט איז זי אַרומגעוואַקסן מיט אַזוינע בירגערליך־דעמאָקראַטישע פאָלקס־

שיכטן, וואָס זיינען אין עצם געווען און געדאַרפט זיין דורכאויס פיינטליך צו איר. ווי אַזוי פאָרט איז עס געשען, און נאָך אין אַזאַ קורצער צייט? ס'איז קלאָר, אַז דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען הויפטזעכליך דעם באָלשעוויסטישן קאָמוניזם, דאָס איז געווען דער אָביעקטיוו=נויטווענדיגער פועל=יוצא פון דער באָלשעוויסטיש=קאָמוניסטישער פּאָליטיק. ווען די קאַדעטן ביז די פאָלקס=סאָציאַליסטן האָבן געבילדעט די געזעלשאַפטליך=דעמאָקראַטישע באַזע פאַר דעניקין=קאָלטשאַקן און האָבן אויף אַזאַ אופן געגאָסן וואַסער אויפן מיל פון פריציש=מאָנאַרכיסטישער צוריקאויפשטעלונג, קאָן מען אין דעם פאַקט בשום אופן ניט זעהן דעם נאַטירליכן אויסדרוק פון זייערע געזעלשאַפטליכע אינטערעסן און באַדערפעניש. די פריציש=מאָנאַרכיסטישע אויפשטעלונג איז אין תוך אַריין געווען און פאַרבליבן דער פולער קעגנזאַץ פון זייער געזעלשאַפטליכן וועזן. ניט פּעשעכאָנאָוו און מיאַקאָטין, און אפילו ניט מיליוקאָוו און ווינאַווער זיינען דאָס, לויט זייער עצם, לויט זייער אינעווייניגסטן געזעלשאַפטליכן מהות נאָך, די פאָנען=טרעגער פון פריצישן מאָנאַרכיזם. אַהער האָט זיי געשטויסן אויסשליסליך די פּערספּעקטיוו פון פולן און גענצליכן חורבן פון לאַנד און דער קולטור, וואָס דער באָלשעוויזם האָט מיט זיך געטראָגן. איך וויל כלל ניט באַרעכטיגן אָט די פּאָליטיק פון דער בירגערליכער דעמאָקראַטיע. דער רעאַקציאָנערער אוטאָפּיזם פון דער דאָזיגער פּאָליטיק איז נאָך פאַר מיר דעמאָלט גאַנץ קלאָר געווען. איך וויל נאָר געבן די ריכטיגע באַלייכטונג פון די געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען, אויפדעקן די אמתע געשיכטליכע פּערספּעקטיוו, וואָס די באָלשעוויסטישע דעמאַגאָגיע שטרעבט פאַרדרייען און פאַרטונקלען. די ראַטן=מאַכט האָט באַקעמפט די פריציש=מאָנאַרכיסטישע קאָנטר=רעוואָלוציע — דאָס איז אַ פאַקט, וואָס קיינער קאָן ניט לייקענען, עס דאַרף אָבער אויך פעסטגעשטעלט ווערן דער קאָנטר=פאַקט, אַז די זעלבע ראַטן=מאַכט האָט די זעלבע פריציש=מאָנאַרכיסטישע קאָנטר=רעוואָלוציע פריהער אויסגעהאָדעוועט און זי באַפעסטיגט, איידער זי האָט זי דערשטיקט. און דערביי דאַרף נאָך איינס

פעסטגעשטעלט ווערן: די ראַטן=מאַכט האָט ניט נאָר די קאָנקרעטע, דורך איר זעלבסט צום לעבן אַרויסגערופענע פריציש=מאָנאַרכיסטישע קאָנטער=רעוואָלוציע דערשטיקט, נאָר גלייכצייטיג אויך צעשפליטערט, צעקלאַפּט און ביז לעצט רואינירט די דעמאָקראַטישע כחות פון לאַנד, מיט די וואָרצלען אויסגעראַטן די פרייע געזעלשאַפטליכקייט, אין אַלע ווינקעלאַך פון לעבן אַריינגעבראַכט און פאַרפעסטיגט דעם ווילדן, אומבאַגרעניצטן דעספּאָטיזם, און אַזוי אַרום אָפּגערוימט דעם פּלאַץ, צוגעפּאַסט די אַטמאָספערע און צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער קינפטיגער שוואַרצער רעאַקציע.

איך בין דאָ אַביסל אַוועק אָן אַ זייט און אָנגערירט אַ גרויסע טעמע, וואָס פאַרדינט, אייגנטליך, זי זאָל אויספירליך און זעלבסטשטענדיג באַטראַכט ווערן. דאָ האָב איך די טעמע בלויז אָנגעמערקט, איך האָב זי אָבער ניט געקאָנט אינגאַנצן אויסמיידן, ווייל זי קער זיך דירעקט אָן מיט דער פראַגע, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ. די פּאָגראָם=באַוועגונג און די פּאָגראָם=אידעאָלאָגיע איז געוואַקסן פאַראַלעל מיטן וואוקס פון דער פריציש=מאָנאַרכיסטישער קאָנטער=רעוואָלוציע און האַנט ביי האַנט מיטן פּראָצעס, וואָס האָט אין ווירקונגס=קרייז פון אָט דער קאָנטער=רעוואָלוציע אַריינגעצויגן אַלץ ברייטערע שיכטן פון דער בירגערליכער דעמאָקראַטיע. און דאָ חזרט זיך ווידער איבער די זעלבע אומנאַטירליכע ערשיינונג. די פּראָגרעסיווע, ראַדיקאַלע דעמאָקראַטישע רוסישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך שטענדיג געפונען אויפן מאָראַלן און קולטורעלן שפּיץ=באַרג פון רוסישן פאָלק און ביי וועמען די צאַריסטישע פּאָגראָם=פּראַקטיק און פּאָגראָם=העצע האָט תמיד אַרויסגערופן דעם העכסטן צער און צאָרן, איז אַצינד גאַנץ גלייכגילטיג דורכגעגאַנגען פאַרביי די שווידערהאַפטע בלוט=בעדער, וואָס האָבן פאַרפלייצט גאַנץ אוקראַינע מיט טייכן יידיש בלוט און וואָס די אַלע פּאָגראָמען פון דעם צאַריסטישן רוסלאַנד צוזאַמענגענומען זיינען אין פאַרגלייך מיט זיי געווען ניט מער ווי קינדער=שפּילן. און נאָך מער — ניט נאָר גלייכגילטיג פאַרביי געגאַנגען, נאָר דורך דער יידנפיינטליכער אַטמאָספערע, וואָס זי האָט גאַנץ אַקטיוו פאַרשפּרייט אַרום זיך, דורך איר טאַקטיק און האַלטן זיך בנוגע דער פּאָגראָם=העצע האָט זי פּאַקטיש געשאַפן דעם אידעאָלאָגישן באָדן פאַר די פּראַקטישע מעשים... ווי אַזוי זשע פּאָרט איז עס געשען? „ווי אַזוי איז זי צו אַזאַ אַרט לעבן געקומען?“ ס'איז ניט גענוג אַ מאַך

טון אויף איר מיט דער האַנט, פאַרשריבן זי אין דער חברה יידן־פּרעסער און באַרוהיגן זיך. די זאַך איז צו טרויעריג און צו טראַגיש, מ׳זאָל עס קאָנען אַזוי לייכט אָפּפּטרן. פּרובט אָנשטאָט דער אבסטראַקטער אינטעליגענץ אַרויסרופן דאָס קאָנקרעטע בילד פון לעבעדיגן אינטעליגענט און איר וועט דערפילן בחוש, אַז די זאַך איז גאָר ניט אַזוי פשוט, דערפילן דעם טיפן טראַגיזם, וואָס דאָ שטעקט. אָט שטייט פאַר מיינע אויגן איינער פון די בעסטע און שענסטע פאָרשטייער פון דער רוסישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ — מ. זאַרודני. ער איז אונז אַלעמען גוט באקאנט פון זיין אָנטייל אין פאַרשיידענע פּאָגראָם־פּראָצעסן און צולעצט — אין באַרימטן ביילים־פּראָצעס, וואָס האָט אים אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען פון די מוטיגע קעמפער פאַר רעכט, גערעכטיגקייט און מענטשליכקייט און באַשאַפן אַרום אים אַ באַזונדערן אָרעאָל פון זעלטענעם אידעאַליזם און אויסערגעוויינליכער דורכגעדרונגנקייט מיט די ספּעציפישע יידישע פּיין און ליידן. און מיט אַמאָל באַגעגנען מיר דעם זעלבן זאַרודני זומער 1919 אין כאַרקאָוו אין די אָנפירנדיגע קרייזן פון דעניקינס אַרמיי, וואו ער איז געווען איינער פון די לייטערס פון „אסוואג" — פון פּרעס־ביוראָ, וואָס איז געווען באַרופן צו „באַאַרבעטן" די געזעלשאַפטליכע מיינונג און וואָס איז ווייט ניט ריין געווען פון פּאָגראָם־העצע! די באַקאַנטע שריפטשטעלערין און ס. ר׳שע טוערין ג. בראַילאַ־שאסקאָלסקאַיאַ, זאַרודניס אַן אַלטער פריינט, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין כאַרקאָוו, איז אַוועק צו אים אויפקלערן זיין באַציהונג צום פּאָגראָם־שווינדער, וואָס די ווייסע אַרמיי פאַרשפּרייט בסדר אויפן וועג פון איר גאַנג. גלייך פון אים איז זי צו מיר געקומען איבערגעבן אַ צעבראָכענע פון דעם שמועס מיט אים: דער מאַן, וואָס האָט מיט זיך אין אַ געוויסן זין סימבאָליזירט דעם קאַמף קעגן נאַציאָנאַליסטישן האַס און אַנטיסעמיטישער ווילדקייט, צו וועמען מיט ליבע און אַכטונג האָבן זיך געצויגן מיליאָנען יידישע הערצער, האָט אַצינד, אין דעם שרעקליכן מאָמענט, ווען דער דאָזיגער האַס און ווילדקייט האָבן איבערגעשטייגט אַלע גרעניצן און געדראָט אין ימים בלוט דערטרינקען די יידישע באַפעלקערונג, ניט געפונען אפילו קיין שאַרף וואָרט קעגן די מעשים תעתועים.

ס׳דאַרף זיין קלאָר פאַר אַלעמען, אַז אַזאַ געוואַלדיגע פּסיכאָלאָגישע איבערקערעניש קאָן ניט פאָרקומען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין,

זי מוז האָבן אירע טיפע גרונדן. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז פאַר אונז, וועמען דער פאַרראַט פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער אינטעליגענץ האָט אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט גרעניצלאָזער פאַרביטערונג און פאַרצווייפלונג, איז זעהר שווער צו באַפרייען זיך פון די סוביעקטיווע איבערלעבונגען. ווען אָבער דורך אַ געוויסער גייסטיגער אָנשטרענגונג גיט זיך אייך איין שטעלן זיך אויפן אָביעקטיוון שטאַנדפונקט, דאַן הויבט איר אָן צו באַנעמען דעם נאַטירליכן פסיכאָלאָגישן פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נשמה פון דער דאָזיגער אינטעליגענץ, ווידער אַמאָל — ניט באַרעכטיגן, חלילה, נאָר פסיכאָלאָגיש באַגרייפן.

די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט אויפגעשטעלט קעגן זיך כמעט די גאַנצע רוסישע אינטעליגענץ, כמעט אַלע קולטורעלע כוחות פון פאָלק. די באַקאַנטע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון קאָמוניסטישן עקספּערימענט — אַפריהער אַליץ, ביזן גרונד, צעשטערן, און ערשט דערנאָך אויפן אָפּגערוימטן, ליידיגן פּלאַץ בויען די נייע געזעלשאַפט — האָבן אומפאַרמיידליך געמוזט אַרויסרופן דעם העפטיגסטן ווידערשטאַנד מצד די, וואָס האָבן אין משך פון דורות געוועבט די גרויסע נאַציאָנאַל-קולטורעלע וועבונג, געצויגן די גאָלדענע קייט פון רוסישן פאָלק. וואָרום געהאַנדלט האָט זיך דאָ ניט אום צעשטערן די ווירקליך אָפּגעלעבטע סאָציאַלע און פּאָליטישע פאָרמען, אום פאַרניכטן די פּריציש-ביוראָקראַטישע הערשונג, נאָר וועגן אַזוינע פאַרניכטונגען און צעשטערונגען, וואָס גייען איינגאַנצן להיפוך די אַנטוויקלונגס-טענדענצן פון לאַנד, וואָס גראָבן אונטער דעם עצם יסוד פון פאָלקס-קיום. מיט איין וואָרט — עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן צעשטערן די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון לאַנד און וועגן פאַרניכטן די קולטור. צולייגן איר אייגענע האַנט צו אַזאַ „שטיקל אַרבעט“ האָט די רוסישע אינטעליגענץ אָרגאַניש ניט געקאָנט, קעגן דעם האָט דאָס גאַנצע אינעווייניגסטע וועזן אירע פּראָטעסטירט, און דעריבער איז איר „סאַבאָטאַזש“ ווירקליך געווען אַ סטיכישער, אַן אַלגעמיינער. דער עקספּערימענט האָט אָבער דווקא געפאָדערט אַ אומגעהויער גרויסע צאָל מער אָדער ווייניגער קולטורעלע כוחות. אַ קלייניגקייט, ווען דאָס גאַנצע ווירטשאַפטליכע, געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע לעבן ביז דאָס מינדסטע ברעקל, דאַרף אָנגעפירט ווערן אויסשליסליך פון דער מלוכה! ס'האָט געמוזט צוליב דעם גע-

שאַפן ווערן אַ אומגעהויער גרויסע צאָל פאַרשיידנאַרטיגע מלוכה-אָרגאַנען מיט מיליאָנען באַאַמטע. און אָט דאָ איז זיי צו הילף געקומען די לפי ערך מער קולטורעלע יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט צוגעשטעלט אַ גאַנץ גרויסע אַרמיי ראַטן-באַאַמטע, בכל אופן, פּראָפּאָרציאָנעל גאָר ניט אין אַן ערך אַ גרעסערע, איידער עס קומט אויס לויט דער צאָל-פאַרהעלטעניש פון דער יידישער צו דער ניט-יידישער באַפעלקערונג. אַ דאַנק איר זעלטענער רירעוודיגקייט און אויסערגעוויינליכער פייהיגקייט גיך אָריענטירן זיך אין אַלערליי נייע באַדינגונגען און לייכט צו זיי צופּאַסן זיך, האָט זי זיך באַלד אַרויסגערוקט אויבן-אָן.

וואָס פאַר אַן עלעמענט איז דאָס געווען? פאַרשטייט זיך, אַ גאַנץ פאַרשיידנאַרטיגער, אָבער אין אַלגעמיין, אין גרעסטן טייל, ז ע ה ר אַ נ ע ג אַ ט י וו ע ר. דאָס מוז יעדער ערליכער און אָביעקטיווער באַאָבאַכטער אָנערקענען, ווי טרויעריג דער פאַקט זאָל פאַר אונז ניט זיין. די ערגסטע ירושות פון גלות-לעבן, פון טויזנט-יאָריגער קנעכטשאַפט און פאַרפאָלגונגען האָבן זיך דאָ אַצינד אַרויסגעוויזן ביים „עֶבד שיצא למלוך"... ער איז ערצויגן געוואָרן אין איבערגאַנגס-צייט, ווען די מעכטיגע גייסטיגע פעסטונג פון געטאָ מיט די אַלטע דורך דורות איינגעוואָרצלטע און פאַרהייליגטע טראַדיציעס און מיטן גאַנצן מאָראַליש-פעסטן פאַטריאַרכאַלן לעבנס-שטייגער האָט געפּלאַצט, און קיין נייע נאַציאָנאַלע לעבנס-פאָרמען זיינען נאָך ניט באַשאַפן געוואָרן, קיין נייער קולטורעלער לעבנס-שטייגער האָט זיך נאָך ניט אויסגעקריסטאַליזירט. ער, דער פריש-געבאַקענער כלומרשט מאָדערניזירטער יידישער בורזשוי, קליין-בירגער און האַלבער אינטעליגענט, איז דער נאַטירליכער פּראָדוקט פון דער דאָזיגער איבערגאַנגס-תקופה. דאָס, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס לעבן פון אַלטן פאַטריאַרכאַלן יידן מיט גייסטיגן אינהאַלט און מאָראַלן זין, האָט ער אינגאַנצן פאַרלאָרן און קיין נייעם גייסטיגן אינהאַלט נאָך ניט ערוואָרבן, קיין נייע קולטור אין זיך ניט איינגעזאַפּט, און אין זיין נשמה האָט זיך אויסגעבילדעט אַ ווילדע פוסטקייט און באָדנלאָזיגקייט, עפּעס אַ מין גייסטיגע הפקרות. דער איינציגער גאָט זיינער, דער אַליין-הערשער איבער זיין גוף און נשמה איז געוואָרן די מטבע, דער פּראָפיט. אין דער ווילדער ספּעקולאַציע-וואַקכאַנאַליע פון מלחמה-צייט, וואו ער האָט געשפּילט אַ באַזונדערס גרויסע ראָלע, האָט ער זיין ערציהונג פאַרענדיגט, און פאַר אונז איז אַנטשטאַנען אַ דורך און דורך דעמאָראַ-

ליזירטער, פּרעכּער טיפּ, וואָס איז פייהיג צו אַלץ און איז גרייט אויף אַלץ... די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אים געטראָפן, נאַטירליך, ווי אַ דונער אין אַ העלן זונען־טאָג. אָבער ער איז ניט פון די, וואָס פאַר־לירן זיך, וואָס לאָזן פאַרצווייפלט אַראָפּ די הענט. גאַנץ גיך האָט ער זיך אָריענטירט אין דער ניי־געשאַפענער סיטואַציע, און — צוגעפּאַסט זיך. אָנשטאט דעם אייראָפּייאישן אַנצוג, האָט ער אויף זיך אַרויפגע־צויגן דעם בגד פון קאָמיסאַר. און איר באַגעגנט אים שוין צווישן די טאָן־געבער אין די פאַרשיידנסטע ראַטן־אַנשטאַלטן, וואו דאָס ביסל ער־ליכע, אמת איבערגעגעבענע קאָמוניסטן, דאָס רוב אָבער בטלנים בטבע, לחלוטין ניט צוגעפּאַסטע צו די פּראַקטישע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר זי׳, קאָנען זיינע שיחת־חולין ניט כאַפּן... און זיין גייסט הויבט אָן צו הערשן איבעראַל. די אומבאַגרעניצטע דיקטאַטור, וואָס האָט אויס־גערוימט יעדן שפּור פון פרייער געזעלשאַפטליכקייט, באַזייטיגט דעם מינדסטן קאָנטראָל פון עפנטליכער געזעלשאַפטליכער מיינונג, האָט באַשאַפן גינסטיגע באַדינגונגען פאַר דער אָנווענדונג פון זיין נאַטירליכער פרעכקייט און ברוטאַליטעט. און ער פילט זיך דעריבער דאָרט, ווי אַ פיש אין וואַסער. וואָרום וואו קאָן נאָך זיין אַ מער פּאַסנדע אַטמאָספערע פאַר אים ?

און אין די הענט פון דאָזיגן דורכשניטליכן קאָמיסאַרן־טיפּ געפינט זיך דער גורל פון אייער גאַנץ לעבן, פון די וויכטיגסטע און אַנטשיידנ־סטע מאָמענטן ביז די קלענסטע איינצלהייטן פון דער גרויער וואָכעדיגער אַלטעגליכקייט. אַלץ ווערט פון אים נאָרמירט, רעגולירט און קאָנטראָ־לירט! איר קאָנט בוכשטעבליך אַ טריט ניט טון ניט אָנשטויסנדיג זיך אויף אים. און, ווי געזאָגט, איז ער פרעך און ברוטאַל ביז נאַר, דער „עבד שיצא למלך“ שפּאַרט פון אים פון אַלע זייטן און רופט אַרויס אייער טיפסטן עקל, און אַזוי — טאָג־איין, טאָג־אויס, וואָכן, חדשים און יאָרן, און מיט יעדן חודש, מיט יעדן יאָר אַלץ ערגער, אַלץ אומ־ערטרעגליכער.

און דאָ קומט דער הויפּט־מאָמענט. אייך ווייזט זיך אויס, אַז די אַלע דאָזיגע אומערטרעגליכע קאָמיסאַרן, וואָס פאַרביטערן און פאַרפינ־סטערן אייך דאָס לעבן און וועמען איר באַשולדיגט נאַטירליך אין הורבן פון לאַנד, אין די אַלע צרות און אומגליקן, וואָס שיטן זיך אָהן אויפהער אויף אייער קאָפּ די גאַנצע צייט, זיינען דאָס כסדר יידן. פאַר

וואָס ווייזט זיך עס אייך אַזוי אויס? ערשטנס, איז טאַקע די אַבסאָלוטע צאָל יידן צווישן זיי אומגעהויער גרויס, צווייטנס, זיינען די יידן שרעק־ליך רירעוודיג, קופצים בראש, וואַרפן זיך שטענדיג אין די אויגן, עפּעס אומעטום שפּאַרן זיי אָן און מאַכן מיט זיך פול די וועלט. און דריטנס — איז דער דורכשניטליכער יידישער קאָמיסאַר אַ סך ציינישער, פּרעכער און אָפּט — אויך ברוטאַלער פון דעם רוסישן. דאָס מוזן אפילו מיר, יידן, אָנערקענען, הפשיטא שוין, ווי אַזוי דאָס דאַרף זיך איבערברעכן אין מח פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג! און פאַר דער רוסישער א י נ ט ע ל י ג ע נ ץ קומט דאָ צו נאָך איין וויכטיגער מאָ־מענט: דער דורכשניטליכער יידישער קאָמיסאַר איז דורכאויס פרעמד דער רוסישער קולטור, האָט ניט קיין אינעווייניגסטע, אָרגאַנישע שיכות צו איר, און זיין באַציהונג צו איר איז דעריבער אַ דורך און דורך ניהי־ליסטישע, ער ברעכט און צעשטערט אַזוי גרינג, מיט אַזאַ לייכטן געמיט, זיין האַרץ טוט קיין מאָל ניט קיין ציטער, זיין האַנט שטעלט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ. און ער איז נאָך בטבע אַזוי טאַקטלאָז, אָהן דעם מינדסטן אחריות־געפיל... און די דאָזיגע רוסישע פּראָגרעסיווע אינטע־ליגענץ, וואָס האָט אַמאָל אַזוי שטאַרק געקעמפט קעגן דער אַנטיסע־מיטישער רעאַקציע און וואָס האָט בשום אופן ניט געקאָנט מוחל זיין דעם געניאַלן דאָסטאָיעווסקין זיינע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין זיין „טאָגבוך פון אַ שרייבער" קעגן יידן און זייער „צעשטערנדער הערשאַפט", זעהט איצט אין די דאָזיגע פּאַראַויסזאָגונגען זיינע אַ שטיק נביאות.

דאַרף מען דען נאָך דעם האָבן אַ רייכע פאַנטאַזיע, כדי אויסצומאָלן זיך, ווי אומענדליך גרויס דאַרף זיין דער ים פון טיפסטער און פאַר־ביסנסטער שנאה צו יידן, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די הערצער און מוחות פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג אין די יאָרן פון דער קאָמיסאַרן־הערשאַפט? די שווידערהאַפטע פּאָגראָם־כוואַליעס מיט זייער עכט־סאַדיסטישער אכזריות געבן בלויז אַ שוואַכע אויסערליכע אָפּ־שפּיגלונג.

לאָמיר איצט אונטערפירן די אונטערשטע שורה: וואָס האָבן אונז געגעבן די בעסטע כוונות און סימפּאַטיעס, די סוביעקטיוו־גוטע און פרומע וואונשן, מיט וועלכע די ראַטן־מאַכט איז דורכגעדרונגען בנוגע צו יידן? וואָס זיינען די אָ ב י ע ק ט י ו ו ע  ר ע ז ו ל ט אַ ט ן, צו

װעלכע די ראַטן־פּאָליטיק האָט אונז געבראַכט? דער ענטפער דערויף איז קלאָר און שאַרף: ערגעץ און קיינמאָל האָט דער טיפסטער און פאַרביסנסטער האַס צו יידן ניט דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַזאַ פאַרנעם און אַזאַ איבערמענטשלעכע אָנשטריינגונג ווי איצט אין רוסלאַנד. דורכאויס, די גאַנצע אַטמאָספערע, דער גאַנצער חלל פון דעם גרויסן לאַנד איז אַזוי ווי איבער די ברעגן אָנגעזאַפּט מיט דעם דאָזיגן גרעניצלאָזן האַס אויף לעבן און טויט, ער איז אַריינגעדרונגען אומעטום, ער האָט דורכגעדרונגען אַלץ און אַלעם, אַרומגענומען אַלע קלאַסן און שיכטן און פאַרסמט אַלעמענס מוחות און הערצער. און בלויז אַ דאַנק דעם ענערגישן און אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד מצד דער מאַכט קאָן דער דאָזיגער גרויסער און טיפער ים ניט אַרויס פון די ברעגן. ער געפינט זיך נאָך אַלץ אין פאַסיוון, פּאָטענציעלן צושטאַנד, פאַרשטיקט און איינגעשרומפּט, ווי אַ העכסט אָנגעצויגענע פרוזשינע, וואָס קאָן יעדער מינוט, ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַרויסרייסן זיך מיט געוואַלד און אימפּעט פון אַ סטיכיע און אַלץ אַרום זיך צעשטערן און פאַרניכטן. און עס קאָן זעהר זיין, אַז אַלץ, וואָס מיר זיינען ביז איצט אויסגעשטאַנען, איז בלויז אַ קינדער־שפּיל לגבי דעם, וואָס אונז שטייט נאָך פאַר איבערצולעבן. ווייל ס׳איז קיין ספק ניטאָ דערינען, אַז אויב רוסלאַנד איז נאָך באַשערט דורכצולעבן אַ תקופה פון כאַאָס און אַנאַרכיע, קאָן דער דאָזיגער פעריאָד פון פּאָליטישער אויפטרייסלונג און געזעלשאַפטליכע צוזאַמענבּרוכן ברייגען מיט זיך די אויסראָטונג פון יידישן קיבוץ.

איך ווייס, אַזוינע ווערטער וועלן קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, זיי וועלן ממש גרילצן אין די אויערן פון די אַלע, וואָס לעבן דאָ אין זאַטקייט און רואיגקייט, ווייט פון גרויסן פיין און די גרויסע ליידן דאָרט. משונה־ווילד, אומגלויבליך וועט פאַר זיי זיין אַזאַ קאָשמאַרע שוואַרץ־זעהעניש, וואָס ווידערשפּרעכט אַזוי שטאַרק דעם געוויינליכן געדאַנקען־גאַנג, די אָנגענומענע פאָרשטעלונגען. פאַר די אָבער, וואָס האָבן די גאַנצע צייט אין ראַטן־רוסלאַנד כסדר געקאָכט זיך אין זודיגן קעסל פון די גרויסע געשעהענישן און איבערלעבונגען, וואָס האָבן אוממיטלבאַר, מיט אָפענע אויגן זיך צוגעקוקט צו די פילפאַכע פּראָצעסן, וואָס קומען דאָרט פאָר אין ברויזנדיגן ים פון דער ביז לעצט אויפגערודערטער און אָנגע=

שטריינגטער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, — פאַר יענע וועט אָט דער יאוש־פּעסימיזם ניט אויסווייזן זיך אַזוי איבערטריבן. בכלל דאַרף מען, ווען מ׳רעדט וועגן רוסלאַנד איצט, אַוועקוואַרפן די אַמאָליגע מאָסן, די אַמאָליגע שאַבלאָנען און די אַלטע באַגריפן. מיר פאַרמאָגן דאָרט גאַנץ נייע מאָסן, גאָר נייע באַגריפן און שפּאָגל־נייע טראַדיציעס, וואו די רעאַלע ווירקליכקייט האָט שוין לאַנג איבערגעשטייגט די קראַנקסטע פאַנטאַזיע... און איך שטרייך אונטער: די פאָר מיליאָן יידן, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין ראַטן־רוסלאַנד, געפינען זיך אויפן שפּיץ פון אַ שרעקליכן וואולקאַן, וואָס קאָן יעדע מינוט אויסברעכן און זיי אַלעמען פון גרויס ביז קליין אומברייִנגען...

נאָר, ווי אָפּטימיסטיש איר זאָלט ניט קוקן אויף דעם, ווי אַזוי וועלן זיך פונאַנדערוויקלען די קינפטיגע געשעהענישן אין רוסלאַנד — עס ווילט זיך דאָך אַזוי גלויבן, אַז רוסלאַנד וועט פאָרט אויסמיידן דעם פעריאָד פון כאַאָס און אַנאַרכיע, פון אויפטרייסלונגען און צוזאַמענברוכן און, בכן, וועט אויך דער שרעקליכער חלק, וואָס הייגנט איבער אונזער האַלז דאָרט, אויף אונז ניט אַראָפּלאָזן זיך, — איינס אָבער איז בכל אופן קלאָר און אומצווייפלבאַר: דער גרעניצלאָזער ים פון שנאה צו יידן, וואָס האָט פאַרפלייצט דאָס לאַנד פאַר די לעצטע יאָרן, וועט נאָך זעהר לאַנג, אפשר דורות־לאַנג, פאַרבלייבן דאָרט ווי אַ טיפער תהום צווישן דער יידישער און ניט־יידישער באַפעלקערונג.

דעצעמבער, 1922

# די טראַגעדיע פון קאַסרילאָווקער דיקטאַטור

(וועגן נורל פון דער ייד־סעקציע ביי דער ר. ק. פּ.)

I

באמת טראַגיש איז די לאַגע פון ·אונזערע קאַסרילאָווקער דיקטאַטאָרן. דעם טויזנט־יאָריגן גלות מוזן זיי נעבעך שלעפּן אויף זייערע פּלייצעס. זיי, וואָס זיינען בעצם גאָט די נשמה שולדיג, וואָס האָבן שוין לאַנג אָפּגעטרייסלט דעם יידישליכן שטויב פון די פיס, — דוקא זיי קומט אויס מער פון אַלעמען אויסשטיין פון אונזער שרעקליכן הויקער, פון דער נישטיגקייט און פאַרקריפּלטקייט פון יידישן לעבן. פון איין זייט, איז זיי פּלוצלינג, אַזוי ווי פון הימל, אַראָפּגעפאַלן אַזאַ עשרות, אַזאַ שפע, אַזעלכע אומגעהויערע מעגליכקייטן. אַרום און אַרום אַזאַ רחבות, פאַר די אויגן טראָגן זיך פּראַכטפולע האָריזאָנטן, און איר זענט שוין גרייט אין אייערע אָרעמס וועלטן אַרומנעמען.. תוך כדי דבור קוקט איר זיך אַרום — איר ליגט באַגראָבן אין עמק הבכא. די הענט מיט אייזערנע קייטן געבונדן, און די פיס צוגעשמידט צום שטיינערנעם באָדן... נאָר טאנטאל אין זיינע ליידן קאָן מיט זיי פאַרגליכן ווערן... נאָר וואָס טויג אייך מליצות. אָט האָט איר לעבעדיגע פאַקטן, וואָס ריידן פאַר זיך.

ס'איז געגאַנגען אַ סדרה ליקווידאַציע. כדי צו בויען די נייע געזעלשאַפט, האָט מען פריהער געמוזט ליקווידירן די אַלטע. איז דאָס געווען שוין איינמאָל אַ ליקווידאַציע! ס'איז טאַקע געווען, וואו די הענט פונאַנדערצופירן... מ'האָט ליקווידירט די בורזשואַזיע, מ'האָט אויס־

גערואמט מיט די וואָרצלען דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר אין אַלע זיינע פאָרמען און אַרויסווייזונגען. מיט איין קלאַפּ האָט מען אָפּגעשאַפט די גאַנצע סיסטעם פון בורזשואַז־דעמאָקראַטישער געזעלשאַפטליכקייט, אָנ־הויבנדיג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און כלערליי־אַרטיגע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען און ענדיגנדיג מיט פרייהייט פון וואָרט און פרעסע, געזעל־שאַפטן און פאַרבאַנדן. און גלייכצייטיג מיט דער ריזן־אַרבעט פון דער ליקווידאַציע, איז געגאַנגען די נאָך פיל מער גראַנדיעזע אַרבעט פון קאָמוניסטישן בויען און שאַפן. מ׳האָט איינגעפירט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פויערטום, די פילפאַכע און קאָמפּליצירטע סיסטעם פון ראַטן־מאַכט.

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין אַלגעמיין־מלוכה־מאָסשטאַב. אָבער דאָס, וואָס קומט פאָר אין גרויסן ים, דאַרף אויך פאָרקומען אין די טייכן און טייכלאַך, וואָס גיסן זיך אַריין אין ים. די ליקווידאַציע־אַרבעט האָט אויך געמוזט דורכגעפירט ווערן אין די פאַרשיידענע גרע־סערע און קלענערע טיילן און קבוצים, וואָס בילדן דעם אַלגעמיינעם מלוכה־אָרגאַניזם. אויך ביי אונז, אין דעם יידישן קבוץ, האָט מען סוף כל סוף געמוזט צוטרעטן צו דער דאָזיגער אַרבעט.

ווי דער שטייגער איז, זיינען מיר געקומען מיט אַ געוויסער פאַר־שפּעטיגונג. נאָר דאָס איז שוין אונזער גורל אין דער רעוואָלוציע בכלל. אין דער פעווראַלער רעוואָלוציע האָבן מיר אויף אַזוי פיל פאַרשפּעטיגט, אַז מיר האָבן כלל ניט באַוויזן דורכמאַכן זי: די הענגעמאָניע איז אַזוי טאַקע פאַרבליבן אין די הענט פון קלעריקאַל־ציוניסטישן בלאָק. אויך אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן מיר פון אָנהויב קיין שום אָנטייל ניט גענומען. פאַרקערט, אַלע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך תחילת באַצוינגן צו איר שטריינג נעגאַטיוו, און ס׳האָט געדאַרפט דורכגיין העכער אַ יאָר פון אינטענסיוון קאַמף פאַר דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, ביז וואַנען אין אונזערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן קאָמוניסטישע שוואַלבן...

נאָר מילא, פאַרשפּעטיגט אַביסל, ס׳איז נאָך צו דערליידן. ווי זאָגט מען עס: בעסער שפּעטער, איידער גאָר ניט. די אמתע טראַ־געדיע הויבט זיך ערשט דאָ אָן. באו עד משבר, וכח אין ללדת. ס׳איז אָנגעקומען די גרויסע שעה, אויף וואָס מ׳האָט יאָרן לאַנג אַזוי געוואַרט, — און מיר שטייען אין אָנמאַכט, מטושטש, פאַרלאָרענע. ווי אַ בלייך־

שיין איז דורכגעלאָפן און האָט באַלייכט דעם גאַנצן ביטערן דלות אונזערן. פשוט ניטאָ, מיט וואָס צום טיש צו גיין. אַרום און אַרום הילכט און קנאַקט פון ריזן־געביידעס, וואָס ווערן פונאַנדערגעוואָרפן, פון פּאַלאַצן, וואָס ווערן צעשטערט. און מיר — ס׳איז אַ חרפּה צו זאָגן — מיר האָבן אייגנטליך ניט, וואָס צו צעשטערן, ס׳איז כמעט ניטאָ, וואָס צו ליקווידירן... און דער עיקר — ס׳איז לחלוטין ניטאָ מיט וואָס צו פאַרבייטן די ליקווידירטע געזעלשאַפטליכקייט...

די יידישע פּראָגרעסיווע וועלטליכע געזעלשאַפטליכקייט האָט ערשט געהאַלטן ביי אויסבילדן זיך, זי האָט זיך נאָך געפונען אין די וויקעלאַך. די פּילפּאַכע און קאָמפּליצירטע סיסטעם פון געטאָ־לעבן, וואָס האָט אין משך פון הונדערטער דורות אויפגעהאַלטן דעם יידישן קבוץ, נענעבן אים אַ גרויסן גייסטיגן אינהאַלט און אַ זעלטענע געזעל־שאַפטליכע אָרגאַניזירטקייט, האָט סוף כל סוף געפּלאַצט, און אויף איר אָרט האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אַ נייע וועבונג פון דער מאָדערנער יידישער געזעלשאַפטליכקייט, וואָס האָט געפונען איר שאַרפן און בולטן אויסדרוק אין אַנטשטיין און אַנטוויקלונג פון די יידישע פּאָלי־טישע פּאַרטייען, אין די פאַרשיידענע וועלטליכע, געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע שטרעמונגען, אין דער אויפבליהונג פון דער מאָדערנער ליטעראַטור און פּרעסע, פון איין זייט, און אין דער שטרעבונג אַוטאָ־נאָמיזירן דאָס נייע יידישע לעבן, פאַרקערפּערן אים, אָנטון אים אין בלוט און פלייש פון באַשטימטע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען, פון דער אַנדער זייט.

אָבער, ווי געזאָגט, האָט זיך דאָס אַלץ געפונען בלויז אין פּעריאָד פון אויסבילדן זיך. די מאָדערנע יידישע געזעלשאַפטליכקייט ציילט אינגאַנצן עטליכע צענדליג יאָר פון אַנטוויקלונג. און מ׳דאַרף ניט פאַר־געסן, אַז דאָס זיינע געווען יאָרן פון דער שרעקליכער צאַרישער רעאַק־ציע, וואָס פלעגט מיט אַלע כוחות שטרעבן צו דערשטיקן די שפּראָ־צונגען פון וואָסערער ס׳ניט איז געזעלשאַפטליכקייט בכלל. און אפילו ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן און ס׳האָבן זיך אין פלוג גע־עפנט פיל גרעסערע פּערספּעקטיוון פאַר דער אַנטוויקלונג פון מאָדערנעם יידישן לעבן, האָבן מיר זיך אויך גאַניץ גיך אָנגעשטויסן אויף אַ טויבער וואַנט און דערפילט, אַז דער באָדן גליטשט זיך אַרויס פון אונזערע פיס. מ׳דאַרף דאָך האָבן אין זינען, אַז די מאָדערנע יידישע געזעל־שאַפטליכקייט איז אויסגעוואַקסן ניט פון זיך זעלבסט, זי האָט באַזירט

אויף געוויסע סאָציאַל־עקאָנאָמישע יסודות, זי האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיך די נייע פּראָצעסן פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער ווירקליכקייט. דאָס זיינען געווען די פּראָצעסן, וואָס האָבן געפירט צם אַנטשטיין און אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער מיטעלער און גרויס־בורזשואַזיע, פון איין זייט, און צום איבערגיין פון די ברייטע יידישע שיכטן פון קליין־האַנדל און לופט־פּרנסות צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, פון דער אַנדער זייט. די מלחמה אָבער, וואָס האָט רואינירט דאָס לאַנד, האָט אַריינגעבראַכט גרויסע צעשטערונגען אין די דאָזיגע אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן. דערנאָך די רעוואָלוציע און דער בירגער־קריג, וואָס האָבן אינגאַנצן אונטערגע־גראָבן די ווירטשאַפטליכע ראָלע און באַדייטונג פון שטאָט, האָבן ביז לעצט חרוב ומוחרב געמאַכט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס בילדעט אַן אויסשליסליך שטאָטישע באַפעלקערונג. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ביי אַזאַ סאָציאַל־עקאָנאָ־מישן באַזיס קאָן לחלוטין קיין אָרט ניט זיין פאַר וואָסערער ס'ניט איז געזעלשאַפטליכקייט. ווען איר וועט נאָך דערצו צוגעבן די שווידער־האַפטע פּאָגראָם־כוואַליע, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַזאַ שרעקליכע נידערשלאָגנקייט און דעזאָרגאַניזאַציע אין די רייען פון די יידישע מאַסן, וועט דאָס בילד גאַנץ קלאָר ווערן פאַר אייך. אַזוי אַרום, איז בשעת אונזערע קאַסרילאָווקער דיקטאַטאָרן זיינען צוגעטראָטן אויסצופילן חובת־הליקווידאַציע, האָבן זיי אייגנטליך שוין געפונען פאַר זיך כּמעט אַ חורבה, אַ בית־עלמין. פון די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען איז בלויז אַ זכר געבליבן: קיין מאַסן, קיין באַוועגונג און בכלל קיין דופק פון לעבן. פון די געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע שטרעמונגען, פון דער ליטעראַטור און פּרעסע — אפילו קיין זכר כּמעט ניט פאַרבליבן. און זייער ברויזנדיגע ליקווידאַטאָרישע ענערגיע איז זיי אויסגעקומען אָנווענדן כּמעט אויסשליסליך קעגן דער שלימזלדיגער באַשעפעניש, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען קהלה, קעגן אָט דער שוואַכינקער „נופל״, וועמען ס'איז אַזוי באַשערט געווען אומצוקומען פון דער וועלט, נאָך איידער זי האָט באַוויזן אפילו צו שטעלן זיך אויף די אייגענע פיס..

איר פאַרשטייט, וואָס פאַר אַ קלאָגעדיגע, וואָס פאַר אַ שפּילע לאַגע? בשעת „זיי״ ליקווידירן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, די שטאָט־דומעס, די זעמסטוועס, איז אין קרומען שפּיגל פון יידישן לעבן דאַרף

דערפון אַרויסשווימען די ליקווידאַציע פון אַזאַ סוראָגאַט, פון אַזאַ שאָטן פון געזעלשאַפטליכקייט, ווי די קהולה...

איז עס ניט קיין טראַגעדיע? איז עס ניט אַ קללה פון גאָט? אָבער די ליקווידאַטאָרישע ענערגיע, וואָס איז איינמאָל אויפגעוואַכט געוואָרן, וואָס ברויזט און קאָכט אינעווייניג, קאָן אַזוי גיך ניט איינגע-שטעלט ווערן, זי רייסט זיך מיט געוואַלד, זוכט אַן אויס-וועג, זוכט אַ פרייעם פלאַץ, וואו אויסצולייגן זיך, און גאָט האָט סוף כל סוף איינגעזעהן דעם גרויסן צער און אַן אויסוועג געוויזן: דאָס איז דער קאַמף קעגן אים זעלבסט, קעגן רבונו של עולם גופא, און דערצו נאָך — קעגן קלעריקאַליזם, קעגן חדר. אמת, מ'שטיינס געזאָגט, דער יידישער גאָט, וואָס פאַר אַ ממשות ער האָט, ווערט אויך נעבעך פאַרשוואַרצט אין גלות, אָבער דאָך קאָן עס ניט גיין אין פאַרגלייך מיט דער שלימזלדיגער קהילה, וואָס נאָר מ'האָט זיך צו איר צוגערירט, איז פון איר אַש געוואָרן... און חוץ דעם, דאַרפט איר וויסן, אַז דער קאַמף קעגן גאָט, קעגן כלי-קודש, קעגן די מלמדים-פאַנאַטיקער און פינסטערע חדרים האָט זעהר פיל צו זאָגן דער אפיקורסיש-משכילישער נשמה פון קאַסרילאָווקער דיקטאַטאָרן. וואָרום סאָציאַלע רעוואָלוציע, קאָמוניזם — דאָס זיינען סוף כל סוף קאָפּ-זאַכן, דערפאַר אָבער אַ מלחמה קעגן גאָט, כלי-קודש, חדרים, ישיבות, בתי-מדרשים — דאָס רירט שוין די סאַמע טיפע, אינטימע סטרונעס פון האַרצן, דאָס קאָן ווירקליך אַרויסרופן דעם עכטן, נאַטירליכן פאַטאָס..

און די מלחמה האָט זיך פאַרשפרייט איבערן גאַנצן תחום, האָט אויפגעפלאַקערט אין שטעט און שטעטלאַך, גאַנץ קאַסרילאָווקע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין געוואַלדיגער אַרענע פון גראַנדיעזן הייליגן קאַמף. און די דיקטאַטור האָט אַלע קרעפטן אירע מאָביליזירט און זיי ביזן לעצטן גראַד אָנגעשטריינגט און נאַטירליך דעם פולן נצחון געגלויבט פייערן.

נאָר דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס פאַר די קאַסרילאָווקער דיקטאַטאָרן איז געווען גאַנץ אומערוואַרטעט און וואָס האָט נאָך מער פאַרטיפט די טראַגעדיע זייערע. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דורך דיקטאַטור, דורך פיזישער מאַכט און געוואַלד דערגרייכט מען ביי אונז אין קולטור-קאַמף פונקט דעם היפך פון דעם, צו וואָס מ'שטרעבט. דער זעלבער קולטור-קאַמף, וואָס אויפן נאַטירליכן וועג פון גייסטיגער

ווירקונג, אין די ראַמען פון אידייאישער השפעה איז געווען אין אַ באַ=
דייטנדיגער מאָס אויסגעלעבט ביי אונז: מיר האָבן עס שוין געהאַלטן
פאַר אַ דורכגעגאַנגענעם עטאַפּ, פאַר אַ איבערגעוואונדעטן שטאַנד=
פונקט, די רעליגיעזע טראַדיציעס זיינען מער שוין ניט געלעגן ווי
שטיינער אויפן וועג פון דער מאָדערנער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון
די פאָלקס=מאַסן, וועמעס גייסט איז פּאַקטיש אָפּן געווען פאַר נייע
קולטורעלע השפעות, — איז אַצינד אָט דער דאָזיגער קולטור=קאַמף
פון דאָס ניי אויפגעוואַכט און אָפּגעפרישט געוואָרן, און די גייסטיגע
רעאַקציע האָט פון דאָס ניי פאַרשפּרייט איר ממשלה איבער הערצער
און מוחות. פאַר די לעצטע עטליכע צענדליג יאָר זיינען זעלטן ווען
אונזערע בתי=מדרשים געווען אַזוי פול געפּאַקט, ווי אַצינד. די חדרים,
וואָס האָבן שוין לגמרי געווען פאַרלאָרן דעם באָדן פון אונטער די
פיס און האָבן זיך נאָך געהאַלטן בלויז אין די פאַרוואָרפענע הינטער=
געסלאַך פון אונזער קולטורעלן שאַפן, האָבן אַצינד באַקומען פרישן
זאַפט, נייע יונגטליכע קראַפט און גלאַנץ. אַפילו די מלמדים, אָט די
אומגליקליכע פאַריאָגטע באַשעפענישן, די מוסטער שלימזלס, וואָס
האָבן שוין געהאַלטן ביי פאַרשווינדן אינגאַנצן פון אונזער קולטורעלער
אַרענע, האָבן מיט אַמאָל אויפגעלעבט, דערפילט אין זיך אַ „יש“,
און דער מאַרטירער=אָפּשיין, וואָס פאַלט אויף זיי, האָט זיי פלוצלינג
פאַר העלדן געמאַכט.

האָט דען געקאָנט אַנדערש זיין, באַזונדערס, ווען מ׳נעמט אין אַכט
די ספּעציעל יידישע פּסיכאָלאָגיע? נאָך פון משה רבינוס צייטן אָן האָבן
מיר זיך אויסגעצייכנט מיט זעלטענער איינגעשפּאַרטקייט, אויסערגע=
וויינליכער עקשנות, אין לאַנגען גלות זיינע מיר נאָך מער פאַר=
דאַרטעוועט און פאַרשטיינערט געוואָרן. אַ פאָלק, וועמען אין משך
פון טויזנטער יאָרן נאָכאַנאַנד איז אויסגעקומען כסדר, אָהן אויפהער,
אָנשטריינגען אַלע זיינע כוחות אויף צו פאַרטיידיגן זיין הייליגטום,
פאַרטיידיגן קעגן אויסערליכן געוואַלד און פיזישער מאַכט אויסשליס=
ליך מיט די מיטלען פון גייסט, בלויז דורך גייסטיגער קאָנצענטרירונג
און גייסטיגער איינגעשפּאַרטקייט — דאָס פאָלק האָט זיך שוין גוט
אויסגעלערנט די מלאכה פון פאַרטיידיגונג און ווידערשטאַנד. און
פאַר אים איז אַליץ איינס, ווער עס קומט נאָך זיין נשמה מיטן שווערד
און קאַנטשיק: דער שוואַרצער מאָנאַך פון מיטלאַלטער, וואָס פאַר=

שפּרעכט אים דערפאַר פּראַכטפולע היכלות אויף יענער וועלט, דער דעספּאָטישער זעלבסט־הערשער ניקאָלאַי דער ערשטער, וואָס וויל אים דערפאַר מיט געוואַלד מזכה זיין מיט די אוצרות פון זיין רוסישער קולטור, אָדער אונזערע אייגענע רויטע דיקטאַטאָרן, וואָס שטרעבן, ווידער מיט געוואַלד, אַריינברייגגען אים אין זייער קאָמוניסטישן גן־עדן. און ווען אונזערע דיקטאַטאָרן וואָלטן ניט געווען אַזוי טעמפּ, ביז דער לעצטער מדרגה פון טעמפּקייט, וואָלטן זיי באַנומען דעם הילכיגן אָפּקלאַנג, וואָס טראָגט זיך דאָ פון לאַנגע שורות דורות־מאַרטירער און שליסט צו־זאַמען אין איין רייע זיי, די רויטע דיקטאַטאָרן, מיטן שוואַרצן מאָנאַך און זעלבסטהערשנדיגן דעספּאָט. זיי וואָלטן דאַן באַנומען, אַז דער רויטער זשאַנדאַרם, וואָס נישטערט, זוכט, יאָגט זיך נאָכן אַלטן „רבי“, וואָס, פאַרבאָרגן אין חדרי חדרים, לערנט מיט זיין תלמיד חומש על קידוש השם, איז ווייט ניט קיין סימבאָל פון קאָמוניזם און פּראָלע־טאַרישער דיקטאַטור, דאָס איז אַ גאַנץ אַנדער סימבאָל, מיט וואָס אונזער געשיכטע איז זעהר רייך... און ניט נאָר ביים גלויביגן יידן, נאָר אַפילו ביים ראַפינירטן פריידיינקער צווישן אונז, אויב נאָר ער איז ניט פאַרטעמפּט און דעמאָראַליזירט ביז דער לעצטער מדרגה, וועט אָט דער סימבאָל אומפאַרמיידליך, מיט דער נויטווענדיגקייט פון אַ נאַטירלִיכער אוממיטלבאַרער פּסיכאָלאָגישער אַסאָציאַציע, אַרויסרופן אין זכרון די אַלט־באַקאַנטע געשיכטליכע בילדער פון היילן, וואו מ׳פאַרבאָרגט זיך לערנען תורה; פון קעלערס, וואו מ׳ריכט אָפּ אין באַהעלטעניש דעם סדר; פון שייטערהויפנס, וואו אין נעבאָט פון דער הייליגער אינקוויזיציע ווערן די אַלטע ספרים־גייסטער אין פייער גע־וואָרפן; אָדער גאָר פון די באַרימטע „כאַפּערס“, וועגן וועמען אונזערע זקנים הערן נאָך עד היום ניט אויף צו דערציילן די קינדער אין פאַר־נאַכטן ספורי־מעשות...

דאָס אַליך זיינען ערשיינונגען פון איין אַרט, פון איין געזעל־שאַפטליך־מאָראַלן ווערט און פון איין געשיכטליכן באַטייט. ניט נאָר אין פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע ווערן זיי אַלע צוזאַמען איבערגעפלאָכטן און צונויפגעשמאָלצן, נאָר אין עצם בילדן זיי איין שוואַרצע קייט פון געוואַלד און דעספּאָטיזם, וואָס האָט אין אַלע אירע רינגען איינעם און דעם זעלבן סוביעקטיוון טעם און אָביעקטיוון זין, און — איינעם און דעם זעלבן געשיכטליכן סוף...

ס'איז קלאָר, זייער קאַמף קעגן נאָט, אַפילו קעגן חדר, האָבן די קאַסרילאָווקער דיקטאַטאָרן דורכאויס פאַרלאָרן, זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן דער זעלבער אייזערנער וואַנט, אָן וואָסערער ניט איין דיקטאַטאָר, פיל מעכטיגערער פאַר זיי, האָט דעם קאָפּ געשפּאָלטן. ובכן, וואָס זשע פאָרט איז זיי געבליבן פון זייער גאַנצער ליקווידאַציע-טעטיגקייט, חוץ דער שיינער חברותא, מיט וועלכער זיי גייען אַריין אין געשיכטליכן „פּאַנטעאָן"?..

דעם ערגסטן שונא וואָלט איך ניט ווינשן זיין אויף זייער אָרט אין די מינוטן פון חשבון-הנפש...

און דאָך ניט דאָ, ניט אין געביט פון דער ליקווידאַציע, ליגט די הויפּטטראַגעדיע פון קאַסרילאָווקער דיקטאַטור. גאָר ניט אין אַן ערך טראַגישער ווערט איר לאַגע דאַן, ווען פון דער ליקווידאַציע טרעט זי צו צו פּאָזיטיווער אַרבעט, צום קאָמוניסטישן בויען און שאַפן.

II

די לאַגע פון קאַסרילאָווקער דיקטאַטור ווערט ממש האָפענונגסלאָז, ווען זי שטעלט זיך די אויפגאַבן אָנשטאָט דער ליקווידירטער בורזשואַזי-דעמאָקראַטישער געזעלשאַפטליכקייט שאַפן די נייע קאָמוניסטישע יידישע געזעלשאַפטליכקייט.

ווי אַזוי איר זאָלט זיך ניט באַציהען צו דער עצם אידייע פון דער פּראָלעטאַריש-פּויערשער דיקטאַטור, מוזט איר דאָך אָנערקענען, אַז בכל אופן אין פּרינציפּ באַזירט די דאָזיגע דיקטאַטור אויף זעהר אַ גרויסן און ברייטן געזעלשאַפטליכן באָדן. דאָס פּויערטום און פּראָלעטאַריאַט בילדן אין רוסלאַנד ניט נאָר דעם רוב מנין און רוב בנין פון פאָלק, זיי בילדן דעם אַרבעטענדן און שאַפנדן טייל פון פאָלק. אויב איר ווילט, איז אין יסוד פון דער ראַטן-סיסטעם אין רוסלאַנד געלעגן די אידייע פון פאָלקס-הערשאַפט. די עקספּלאָטאַטאָרישע עלעמענטן, די פריציש-בורזשואַזע שיכטן האָבן געבילדעט אַזאַ נישטיגע מינדערהייט, אַז דאָס באַזייטיגן זיי פון פּאָליטישן לעבן האָט נאָך ניט סותר געווען די אידייע פון פאָלקס-הערשאַפט, דעם דעמאָקראַטישן מערהייטס-פּרינציפּ. דאָס מוזט איר מודה זיין, ווי שאַרף און אַנטשיידן איר זאָלט ניט אַרויסטרעטן אין עצם קעגן

אַזוינע פּאָליטישע קאַמף־מעטאָדן. און די פּולקאָם דעמאָקראַטיש אויסדערוויילטע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט באַשיימפּערליך באַוויזן, ווי ווייט די פּריציש־בורזשואַזע עלעמענטן ווערן דאָרט בפּועל ממש בטול בשישים.

ווי אַזוי די דאָזיגע אידייע פון פאָלקס־הערשאַפט איז פּאַקטיש פאַרווירקליכט געוואָרן אין דער פּראַקטיק פון דער ראַטן־מאַכט, — דאָס איז שוין אַ קאַפּיטל פאַר זיך, און ניט מיר וועלן זיין די, וואָס וועלן פאַרמאַכן די אויגן אויף דער העסליכער קאַריקאַטור, אין וועלכער די אידייע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן ביים דורכפירן זי אין לעבן. אָבער אויף וויפיל איר זענט אָביעקטיוו און אויפריכטיג, קאָנט איר דאָך ניט פאַרלייקענען, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס די באַזע פאַר דער ראַטן־סיסטעם, איר געזעלשאַפטליכער פאַרנעם איז געווען אומגעהויער גרויס, ברייט און טיף, האָט אַפילו די העסליכע קאַריקאַטור געמוזט טראָגן אין זיך געוויסע פּאָזיטיווע מאָמענטן. שוין גופא דער פאָרמעלער מאָמענט זעלבסט, די עצם פּראָקלאַמירונג פון פּראָלעטאַריש־פּויערשער מאַכט, ווי צעקאַליעטשעט און פאַרהויקערט זי זעהט ניט אויס אין דער ווירק־ליכקייט, האָט דאָך אומבאַדינגט געמוזט גרינדליך אויפטרייסלען, פּאָ־ליטיש און געזעלשאַפטליך, די דאָזיגע גרויסע און ברייטע פּראָלע־טאַריש־פּויערשע פאָלקס־מאַסן, אויפוועקן אין זיי די קלאַסן־אינסטינקטן און אַפילו אין אַ געוויסער מאָס אַנטוויקלען ביי זיי דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין.

וואָס זשע פאָרט האָבן מיר אין יידישן לעבן געקאָנט אַנטקעגנ־שטעלן דער פּראָלעטאַריש־פּויערשער דיקטאַטור? קיין פּויערטום, כידוע, איז ביי אונז כמעט כלל וכלל ניט בנמצא. דער פּראָלעטאַריאַט האָט אַפילו נאָך פאַר דער מלחמה געבילדעט ביי אונז אַ מינדערהייט, און דוקא ניט קיין גרויסע מינדערהייט. ניט גרויס איז געווען אויך זיין ראָלע און געוויכט איןווירטשאַפטליכן לעבן. אמת, ער האָט געטראָגן אין זיך זעהר באַדייטנדיגע אַנטוויקלונגסמעגליכקייטן. די אָביעקטיווע טענדענצן פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן פּראָצעס האָבן געזאָלט פירן צו דעם, אַז ער זאָל כסדר וואַקסן סיי אין כמות, סיי אין איכות, אַז זיין ראָלע און געוויכט אין יידישן לעבן זאָל האַלטן אין איין שטייגן. אָבער די מלחמה און די רעוואָלוציע האָבן אָט דעם פּראָצעס אונטער־געריסן. דער ווירטשאַפטליכער חורבן פון שטאָט האָט דעם יידישן

פּראָלעטאַריאַט אַ שרעקליכן קלאַפּ געגעבן. דער גרעסטער טייל זיינער האָט פאַרלאָרן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן באָדן פון אונטער די פיס און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דעקלאַסירטער מאַסע: ספּעקולאַציע און שפּעטער, ראַטן־שטעלעס זיינען געוואָרן די איינציגע מקורים פון זיין חיונה, און אַזוי אַרום, קייקלענדיג זיך באַרג אַראָפּ, איז אויך אָט דער געזונטסטער, פּראָדוקטיווסטער עלעמענט פאַרזונקען געוואָרן אין תהום פון אַלגעמיינער סאָציאַלער און קולטורעלער דעמאָראַליזאַציע.

צום מאָמענט, ווען אונזערע ניי־אויפגעקומענע קאַפּרילאָווקער הער־שער האָבן זיך אויסגעקליבן פאַרכאַפּן די מאַכט איבערן יידישן פאָלק און איינשטעלן די דיקטאַטור אויף דער יידישער גאַס, האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט מיט זיך פאַקטיש פאָרגעשטעלט אַזאַ שמאָלע און נישטיגע געזעלשאַפטליכע באַזע, אַז אַפילו זיי, די דאָזיגע הערשער אונזערע, מענטשן מיט סאַמע קליינליכע, מינימאַלע געזעלשאַפטליכע השגות, האָבן דאָך פאַרשטאַנען, אַז אויף אָט דער דאָזיגער באַזע, וואָס שליסט אויס די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, די איבער־ווענדיגע מערהייט פון פאָלק, שליסט אויס ניט נאָר דע־פאַקטאָ, נאָר אַפילו דע־יורע, און לאָזט איבער בלויז איינצלנע געכשרטע אָאַזיסן, איז לעכערליך צו בויען די קאָמוניסטישע דיקטאַטור.

אָבער, פון דער אַנדער זייט, — מ'קאָן דאָך ניט אָפּשטיין פון לייטן... פאַרוואָס זאָלן מיר זיין ערגער פון זיי? אַרויסגעבן זיך זעלבסט אַ דלות־שיין? קומען און זאָגן, אַז מיר, די אויסדערוויילטע פאָרשטייער, פּאַטענטירטע שליחים־צבור, באַרופענע הערשער מלידה ומבטן, שטעלן אין אמתן קיינעם ניט פאָר, האָבן אונטער זיך גאָרנישט, און אַלע אונזערע פּרעטענזיעס און אַמביציעס האָבן אין תוך אַריין דעם זעלבן ווערט, ווי ביי כלעסטאַקאָוון בשעתו — ווער קאָן דערויף איינגיין?... ווער וואָלט דערויף פּייהיג זיין? און דערצו — די מאַכט באַצויבערט אַזוי... טויזנטער יאָרן אונטעריאָכט, פאַרשקלאַפּט געווען. און פּלוצים -- אומבאַגרעניצטע הערשאַפט... אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט.

און אונזערע קאַפּרילאָווקער דיקטאַטאָרן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַ באַזע זוכן, אַ אָנהאַלטס־פּונקט געפינען, כדי צו באַרעכטיגן די איינענע עקסיסטענץ. אַ שווערע, איבערמענטשליכע אויפגאַבע. שאַפן אַ יש מאין. אָבער די שאַרפע מוחות, די גמרא־קעפּ האָבן זיך ניט פאַרלאָרן. געווינט געוואָרן צונויפצופּירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט,

שווימען אין אומענדליכן ים־התלמוד און טרוקן אַרויס, ווען זיי שוין דאָ אויך אַן אויסוועג געפינען...

פון אָנפאַנג איז מען געפאַלן גאָר אויף אַ שכלדיג שפּיצל. די אַרבעט־זוכנדיגע מאַסן — וואָס דאַרף מען בעסער? ס'איז דאָ „אַרבעט“, ס'איז דאָ „זוכעניש“ — מאָדערן שבמאָדערן, און דאָס זאָל טאַקע זיין די באַזע... אָבער, לײדער, ניט אויף לאַנג, אַפּנים, שוין אַביסל צו פאַרשפּיצט... ראשית, האָט זיך גאַנץ גיך פון זיך אַלײן אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיגע צעשוואומענע גוזעלשאַפטליכע קאַטעגאָריע, וואָס נעמט פאַקטיש קיין שום אָנטייל ניט אין פּראָדוקטיוון ווירטשאַפטליכן לעבן, איז ניט גאָר קיין פּאַסנדיגע באַזע פאַר דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור. והשנית, האָט געדראָט די געפאַר ווידער אַריינשלעפן צוריק אין קאָן אַריין כל ישראל, וואָרום ווער וואָלט דאַן אונטער דער קאַטעגאָריע ניט אונטערגיין?

איז מען בײ זיך ניט אַראָפּגעפאַלן און ווייטער געזוכט. געזוכט און געפונען: די האַראָפּאַשנע מאַסן, אַלס הוספה צום פּראָלעטאַריאַט. בײ „זײ“ דאָס פּויערטום, און בײ אונז — די האַראָפּאַשנע מאַסן. נישקשה, מיר זיינען אויך ניט אַבי ווער... דער גלגול פון באַרימטן ד"ר סירקינס „המון“ איז דאָך צונויף געקומען... מ'טאָר קיין זאַך ניט פאַרוואַרפן און קיין זאַך ניט פאַרמיאוסן. אויף אַלץ קומט אַ צייט.

אָבער וואו נעמט מען זיי? און ווי אַזוי אָרגאַניזירט מען זיי? אוממיטלבאַר, מיט די אייגענע פאַראײדלטע קאָמוניסטישע הענט? ווי פּאַסט עס? דער סאַמע כשרער, דער סאַמע ריינער קאָמוניזם, אויף וועמען קיין שפּרינקעלע טאָר חלילה ניט פאַלן, און די מוטנע קלייןבירגערליכע המון־סטיכיע — וואָס פאַר אַ זיווג וואָלט דאָס געווען? מ'קאָן דאָך חלילה פון דרך הישר אַראָפּ און אַ חשד אויף זיך אויפוועקן: ניט פאַרגעסט, די קופּה של שרצים הייגגט נאָך פון הינטן... נאָר, ווידער אַמאָל, שאַרפע מוחות, גמרא־קעפּ, מ'גיט זיך אַן עצה.

האָט מען אויפגעזוכט אַ רבל, הרב זשיטניק — שוין איין מאָל אַ פאַרשוין! — וואָס איז ווי געבוירן דערויף. נאָך אָנהויב רעוואָלוציע האָט הרב זשיטניק געכאַפּט דעם שניט און גענומען גרינדן אין קיעוו אַ „טרוד־פּאַרטיי“ — איז ער דען ניט ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער גרויסער אויפגאַבע? ממש אַ שליח פון גאָט. און אין איין

שיינעם פריהמאָרגן האָט מען אים געזאַלבט פּאַר אַן אָנפירער איבער די האָראָפּאַשנע מאַסן — „סעטמאַס" בלע"ז — און מיט דער קאָמו־ניסטישער ברכה, אונטערן שוץ פון דער קאָמוניסטישער פּאָן אַרויפ־געלייגט אויף זיינע פּלייצעס די גרויסע היסטאָרישע מיסיע פון שאַפן די באַזע...

און אַ לאַנגע צייט האָט מען זיך מיט אים אַרומגעטראָגן, גע־צאַצקעט, אַ וואַרע פּאַר אים געמאַכט, אויבן אָן גערוקט. אַ קלייניקייט: דער רעטער, דער באַזע־שאַפער... נאָר, אַפּנים, ניטאָ קיין מזל, און אָהן מזל זאָל מען בעסער ניט געבוירן ווערן... ס'איז לאַנג צו ריידן, נאָר דער קורצער זין פון די אַלע רייד איז: עס האָט זיך ניט געפידלט, עפּעס ניט געווען וואָס אָנצוטאַפּן, קיין ממשות ניט געווען. ווידער אַ שטאַב אָהן חיל... אַ רענדל פּאַר אַ האָראָפּאַשנעם יידל, וואָס זאָל זיין גרייט צו שטעלן זיך אונטער דער פּאָן פון „סעטמאַס", און ניט צו געפינען, און זוכט מען אים שוין יאָ אויף, ווערט ער עפּעס צע־קראָכן אונטער די פינגער...

און דאָ האָבן גאָר נייע ווינטן אַ בלאָז געטאָן: דער „נעפּ" בכבודו ובעצמו איז אָנגעקומען, און איבער דער לייַנג און ברייט פון לאַנד האָט זיך אַ נייער בת־קול געטראָגן: „לערנט זיך האַנדלען!"... „ווערט גוטע סוחרים!"... און די יידעלאַך אונזערע, די האָראָפּאַשנע ווי די ניט־האָראָפּאַשנע, די קאָמוניסטיש־פּאַרדבקהטע ווי די פּשוטע יידן פון אַ גאַנץ יאָר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָכן בת־קול, וואָס האָט אין זייערע אויערן, ווי דער שופר של משיח, געקלונגען... איר פאַר־שטייט: אַז מען לאַדט איין דעם יידן האַנדלען, וועט ער זיך לאָזן בעטן? און לערנען זיך די מלאכה באַדאַרף ער אויך ניט... אַ נייע הויט האָט זיך אויף אים אָנגעטאָן... ניט דאָ, פאַרשטייט זיך, איז דער אָרט צו באַשרייבן, ווי אַזוי איז דאָס אַלץ פאָרגעקומען און וואָס איז ווייטער דערפון אַרויס. דאָס איז פאַר זיך אַ סדרה. נאָר ביני־לביני זיינען עפּעס די האָראָפּאַשנע מאַסן פון סצענע אַראָפּ. ניט צום סעזאָן געוואָרן. פאַרלעגנע, ניט קיין פרימע סחורה. און די הערשער אונזערע האָבן ווידער אַן אויג געוואָרפן אַרום זיך: אַ פוסטער אָרט...

צוזאַמען מיטן „נעפּ" איז צוגעקומען נאָך אַ נייע גזרה: אַראָפּ פון קעסט, פון מלוכה־קעסט! יעדע לעבעדיגע באַשעפעניש דאַרף זיך אַליין אויסהאַלטן, און קאָן מען זיך אַליין ניט אויסהאַלטן, איז אַ סימן,

אַז באה שעתו, אַז ס׳איז ניט מער ווערט, וואָס די ערד טראָגט עס. היינט, פרעגט זיך: אַז די הצטרכותן זיינען, ברוך השם, גאַנץ גרויס, מען קאָן זאָגן — אַ שטיקל מלוכה, אַנשטאַלטן, איינריכטונגען, מ׳מוז דאָך האַלטן פאַסאָן, דיקטאַטור איז דיקטאַטור, ס׳איז דאָך צו עפּעס מחייב, און דערביי איז מען אַליין, ווי אַ שטיין, און זאָל מען ממש אויסגיין פאַר אייערע אויגן, איז ניטאָ ווער עס זאָל אַ לעפל וואַסער ברייננגען, אַ גוט וואָרט אַפילו זאָגן... אַ שפּאַס: אויס קעסטקינדער! כאַטש לייג זיך און שטאַרב אַוועק. און פון אַזאַ גדולה, שיעור ניט פון כסא המלוכה מיט אַמאָל אין תהום פאַרשוואונדן?..

נאָר — מען איז דאָך צווישן יידן. ביי זיי, ביי די אומות העולם, וואָלט שוין לאַנג מסתמא אַ קבר געשטאַנען, און אפשר מיט גראָז שוין באַוואַקסן. מיר זיינען פאָרט רחמנים בני רחמנים. דאָס מאָל האָט אַמעריטשקע די לאַגע געראַטעוועט. געבענטשט זאָלן זיי זיין, די רייכע פעטערס מיט זייערע דאָלאַרס.

איין פּריווילעגיע האָבן די הערשער אונזערע ביי דער ראַטן־מאַכט אויסגעהויבן: איר זאָגט אונז אָפּ פון קעסט, גיט כאָטש אַביסל נדן, גיט מיט וואָס די הענט פונאַנדערצופירן, גיט אונז אַ קאָנצעסיע אויף די יידעלאַך. אייך וועט דאָס ניט שאַטן, און מיר וועלן דערפון אויפגעריכט ווערן. און יידן, באַדאַרפט איר וויסן, זיינען שוין פון לאַנג אָן אַ סחורה, וואָס איז עובר לסוחר. וועמעס לייב־איינגנטום זיינען זיי שוין ניט געווען? וואָסער מאַכט־האָבער האָט זיי ניט געקויפט און פאַרקויפט? און דאָס אַלץ זיינען ווילד־פרעמדע געוועזן און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן דערצו: כלערליי קינינן, הערצאָגן און ווער ווייס זיי נאָך, ווי זיי האָבן דאָרט געהייסן, מיר זיינען דאָך פאָרט אייגענע, לייבליכע ברידער, און דערצו רעוואָלוציאָנערן ביז אַריבער די אויערן...

און די קאָנצעסיע איז געגעבן געוואָרן. וואָס איז דאָ צו זשאַ־לעוען? און ווער ווייס — אפשר קאָן מען נאָך אַליין דערפון געהאָלפן ווערן?.. און זי, די קאָנצעסיע, האָט ערפאָלג געהאַט, אפשר די איינ־ציגע, וואָס האָט זיך איינגעגעבן... אמת, דאָס איז אַ קאָנצעסיע פון גאָר אַ באַזונדער מין, אַזאַ אייגנאַרטיגע, וואָס קאָן ערגעץ איר גלייכן ניט האָבן. איר בראַנזשע באַשטייט אין דעם, וואָס זי עקספּלאָאַטירט די רחמנות־געפילן פון די אַמעריקאַנער רייכע פעטערס. די דאָזיגע רייכע פעטערס קאָנען ניט איינזעהן, ווי אַזוי זייערע ברידער אָדער גלויבנס־

גענאָסן אין מזרח־אייראָפּע גייען אויס פון הונגער, עפּידעמיעס, ווערן אויסגעקוילעט אין די צענדליגער טויזנטער, און ווילן נאַטירליך זיי באַהילפיג זיין. אָט דעם רחמנות געפיל האָבן אונזערע הערשער גוט פאַרשטאַנען אויסצונוצן, ווי געהעריג איז, און פון אים קאַפּיטאַל פאַר זיך שלאָגן. אַז מ׳האַנדלט מיט „דיאַבעט״, פאַרוואָס זאָל „רחמנות״ קיין סחורה ניט זיין?.. און זיי זיינען געקומען צו די רייכע פעטערס, געשטעלט זיך, ווי דער שטייגער איז, אין אַן עכט רעוואָלוציאָנערער פּאָזע, און אַזוי געווענדעט זיך צו זיי:

— איר ווילט אייערע ברידער העלפן — פאַרוואָס ניט: מיר זיינען גרייט אָננעמען אייער הילף. וואָס איז שייך, דער בורזשוי איז טריף און דער גראָשן איז כשר. איר באַדאַרפט אָבער וויסן, אַז די יידעלאַך בילדן אונזער קאָנצעסיע. דאָס איז דאָס איינציגע שטיקל פּרנסה אונזערע, און אָהן אונז קאָנט איר צו זיי קיין שום דריסת־הרגל ניט האָבן. ובכן — איר פאַרשטייט, מיר שטעלן געוויסע פאָדערונגען... זייט איר מסכים — איז גוט, אויב ניט — צו אַלע רוחות, און זאָלן זיי זיך אויסגיין, די יידעלאַך אייערע, איר וועט אָבער פאַר רחמנות צע־פּלאַצט ווערן...

אַ ברירה האָבן זיי געהאַט, די רייכע פעטערס. די פּערספּעקטיוו צעפּלאַצט ווערן פאַר רחמנות האָט זיי ניט געשמייכלט. איר געדיינקט אין ספּעקטאָרס סקיצע דעם שטרייק פון די בעטלערס, וואָס האָבן ניט מסכים געווען צו פאָרן צום גביר אויפן אָרים־מאָלצייט, סיידן ער זאָל יעדן דערפאַר פאָראויס באַצאָלן אַ מזומן קערבל. ווי אויפגערעגט דער גביר איז ניט געווען, ווי באַליידיגט ער האָט זיך ניט געפילט, האָט ער פאָרט געמוזט דערויף איינגיין. אַ בעטלער־שטרייק, — דאָך אַ שטרייק, אַ רעוואָלוציאָנערער מיטל...

איז דאָך אין פלוג — „אָל רייט״. מענטשן באַקומען אין די הענט אַזאַ גאָלדן געשעפט, ווי יידישע רחמנות — קאָן מען זיך גאָר ווינשן אַ בעסערע פּרנסה?.. אָבער, לא על הלחם לבדו... מ׳מוז דאָך פאָרט האָבן עפּעס אַ שטיקל געזעלשאַפטליכן באָדן אונטער די פיס. מ׳קאָן דאָך אייביג מיט פיקציעס ניט לעבן. און וואָס וועט זיין, אַז אין איין שיינעם פרימאָרגן וועלן די אמתע בעלי־בתים אויפעפענען די אויגן און דערזעהן, אַז ס׳איז גאָר קיין דופק ניטאָ, אַז די גאַנצע קאַסרילאָווקער דיקטאַטור שטעלט מיט זיך פאָר ניט מער ווי אַ וויסטן געמייזעכץ,

וואו עס באָמבלען זיך אַרום, ווי טויטע שאָטנס, איינזאַמע, פאַרקריפּלטע, פאַרהויקערטע ברואים מיט פּוסטע מוחות און אויסגעלאָשענע נשמות, וואָס נאָר אין אַזאַ וויסטן געמייזעכץ קאָנען זיי זיך ווידמען און אויפ־האַלטן — וואָס וועט דאַן זיין?..

און צו אַל די צרות וואַקסט די גוזעלשאַפטליכע איינזאַמקייט און פּוסטקייט אַרום פון טאָג צו טאָג אַלץ מער. און דאָ האָט זיך פּלוצלינג נאָר אַ שפּאָגל נייער בלאָטער אַנטפּלעקט — דער בלאָטער פון „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" — און פאַר דער קאַסרילאָווקער דיק־טאַטור האָט דער פינסטערער תהום זיין בית־הבליעה געעפנט.

נאָר די „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" איז אַזאַ אינטערעסאַנטער און פּיקאַנטער קאַפּיטל, אַז ס'איז כדאי ספּעציעל אויף אים אָפּצושטעלן זיך.

III

דער בלאָטער פון „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" האָט זיך אויפגע־דעקט און אָנגעהויבן אייטערן ניט גאָר לאַנג. אייגנטליך, דאָס וואָרט „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" פּאַסט אַהער ווי אַן אַרבעס צו וואַנט. אלא וואָס דען, די קאַסרילאָווקער דיקטאַטור, וואָס איז אַזאַ באַשיידענע באַשעפעניש, בטבע אַ גרויסע צנועה, קאָן קיין גראָב וואָרט פון מויל ניט אַרויסריידן, און באַנוצט דערפאַר אַ פּרעמדס, אַבי אַ שיין, אַ קלינ־גענדיג וואָרט... דער ערשטער, וואָס האָט אָפן אויף די שפּאַלטן פון „עמעס" פאַרפירט אַ שמועס וועגן „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" איז געווען איינער אַלטשולער, — ווידער אַ באַשיידענער, אַ שעמעוודיגער, אַ צנוע אַ יונגערמאַן, האָט זיך פון אָנהויב דאָס „גראָב וואָרט" ביי אים אין האַלז געשטעלט, האָט ער זיך פאַררויטלט, געפּרובט שטאַמ־לען: „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע"... צום סוף אָבער ניט איינגעהאַלטן זיך און דאָס קינד מיטן נאָמען אָנגערופן — אַסימילאַציע, אָדער גע־נויער, רוסיפיקאַציע...

ביי יידן, ד. ה. ביים יידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, קומט פאָר אַצינד אַ פּראָצעס פון רוסיפיקאַציע, און דאָס איז פּראָגרעסיוו, קאָמוניסטיש, אַנטינאַציאָנאַליסטיש א. א. וו. ובכן איז קלאָר, וואָס מיר האָבן דאָ צו טון — אַזוי טענהט אַלטשולער. און מ'דאַרף מודה זיין, אַז די רוסיפיקאַטאָרישע טענדענצן זיינען ווירקליך קיינמאָל ניט

אַזוי שטאַרק געווען ביים יידישן קיבוץ אין רוסלאַנד ווי אַצינד. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ נאַטירליכן, אָביעקטיוו-נויטווענדיגן פּראָצעס. ס'איז שוין לאַנג פעסט-געשטעלט געוואָרן, ממש אין אַ סאָציאָלאָגישן אַלף-בית פאַרוואַנדלט געוואָרן, אַז די נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אויפ-לעבונג פון די מאָדערנע פעלקער, וואָס בילדעט מיט זיך דעם אוניווער-סאַלן, כאַראַקטעריסטישן שטריך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויק-לונגס-שטופּע פון דער מענטשהייט, איז אַ אָרגאַנישער פועל-יוצא פון די פאָלגנדיגע הויפּט-מאָמענטן: די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פירט אַרויס אויף דער געזעלשאַפטליכער און פּאָליטישער אַרענע די ברייטע פאָלקס-שיכטן, פאַרטיפט און אינטעסיפיצירט זייערע געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע באַציהונגען, זי רוימט אָפּ פון וועג די פילפאַכע צוימען און גרעניצן, וואָס שטיקן דאָס לעבן, פענטען די באַוועגונג, און שאַפט די פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע פרייהייטן, וואָס בילדן דעם גרונד-יסוד פאַר דער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטליכקייט בכלל, וואָס גיבן די מעגליכקייט די ברייטע פאָלקס-שיכטן זיך אָרגאַניזירן, צוזאַמענעמען און פונאַנדערוויקלען זייער מאַסן-אַקטיווקייט און קאָלעקטיווע זעלבסטע-טיגקייט. און ווען מאַסן נעמען זיך צוזאַמען, ווערן אָרגאַניזירטע און אַקטיווע טרעגער פון געזעלשאַפטליך-פּאָליטישן פּראָצעס, מוזן גלייכ-צייטיג, האַנט ביי האַנט מיט דעם, אַנטוויקלען זיך די נאַטירליכע, אייגנ-טימליכע נאַציאָנאַלע פאָרמען פון זייער לעבן און שאַפן. דאָס איז אַ אומפאַרמיידליכער סאָציאָלאָגישער געזעץ, וואָס אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער מענטשהייט ווערט ער כסדר באַשטעטיגט אויף יעדן טריט און שריט.

אין רוסלאַנד אָבער האָט מען די קאַפּיטאַליסטישע לעבנס-פאָרמען צעשטערט, און ס'האָט זיך דווקא ניט איינגעגעבן צו שאַפן נייע, העכערע סאָציאַלע פאָרמען. פאַרקערט, פאַקטיש האָט מען זיך אומגעקערט צו דער פאַרקאַפּיטאַליסטישער תקופה מיט אירע פּרימיטיווע ווירטשאַפט-ליכע און געזעלשאַפטליכע באַציהונגען. דאָס טרעט דאָרט באַזונדערס שאַרף און בולט אַרויס אין לעבן פון דעם יידישן קיבוץ. דער ווירטשאַפט-ליכער און געזעלשאַפטליכער חורבן האָט אונז אַוועקגעשליידערט אויף פיל צענדליגער, שיעור ניט הונדערטער יאָרן צוריק, מיט דעם אונטער-שייד, וואָס אפילו זעלבסט דער אַלטער לעבנס-שטייגער איז גרונדליך צעשעדיגט און צעשטערט געוואָרן. די געזעלשאַפטליכקייט איז געטייט.

די גרויסע סאָציאַלע און קולטורעלע וועבונג איז צעשמעטערט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צעריסענע, צעפּליקטע שמאַטעס. די פּאַראָרימטע, רעכטלאָזע, נידערשלאָגענע און פאַרצווייפלטע מאַסן זיינען צעבּרעקלט, צעשפּליטערט, בּילדן מיט זיך אַ מענטשן־שטויבּ, אַ קאָנגלאָמעראַט פון אַטאָמיזירטע יחידים, אָהן געזעלשאַפטליכן לייבּ און לעבּן, אָהן אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג און צוזאַמענבּונד.

אין אַזאַ אַטמאָספער פון צעבּראָכנקייט און צעשפּליטערקייט, אין אַטמאָספער פון טויטער געזעלשאַפטליכער פּאַסיווקייט, וואו ס׳הערשט אומבּאַגרעניצט דער ווילדסטער דעספּאָטיזם, וואו עס פעלן לחלוטין די עלעמענטאַרסטע פרייהייטן, ווערט אוממעגליך די געזעלשאַפטליכע אַנטוויקלונג און, נאַטירליך, צוזאַמען מיט דעם — אויך די אַנטוויקלונג פון פרייע, געזונטע נאַציאָנאַלע לעבּנס־פאָרמען. נידערגעשלאָגענע, צעשטויבּטע יחידים בּילדן דעם בּעסטן מאַטעריאַל, פון איין זייט — פאַר דער שוואַרצער רעאַקציע, פאַר דער שטרעבּונג אַוועק פון רעאַלן לעבּן צוריק אין מיטלאַלטער אַריין, און פון דער אַנדער זייט — פאַר „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע“, פאַר אַסימילאַציע, רוסיפיקאַציע א. א. וו.

אַלטשולער איז דורכאויס גערעכט: דער בּאָדן פאַר „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע“ פון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד איז גוט צוגעגרייט, מיסט אויפגעאַקערט און פעט בּאַמיסטיגט... צי איז דאָס פּראָגרעסיוו און קאָמוניסטיש — דאָס, זעהט איר, איז שוין אַן אַנדער שאלה. אויבּ פּראָגרעס און קאָמוניזם איז דאָס זעלבּע, וואָס צעשטערונג און צעשפּליטערונג, וואָס דעמאָראַליזאַציע און פאַרדאָרבּנקייט, וואָס יאוש און אָפּהענטיגקייט, — דאַן איז דאָסווירקליך פּראָגרעסיוו און קאָמוניסטיש, ווייל ס׳איז קלאָר, אַז אָט דער „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע“־פּראָצעס איז דער נאַטירליכסטער און שאַרפסטער אויסדרוק, דער אומפאַרמיידליכער פּועל־יוצא פון צעפאַלונגס־פּראָצעס, וואָס דער יידישער קבּוץ אין רוסלאַנד לעבּט אַצינד איבּער.

בּכל אופן, קאָן קיין שום ספק ניט זיין, אַז ווי לאַנג ס׳וועט זיך האַלטן די סיסטעם, וואָס מאַכט מעגליך די הערשונג פון קאַסרילאָווקער דיקטאַטור אויף דער יידישער גאַס, וועט די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג פון צעפאַלונגס־פּראָצעס מיט זיינע נאַטירליכע בּאַגלייטער — דעם צווילינג פון שוואַרצער רעאַקציע און „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע“ — זיין געזיכערט.

אָבער דאָ דערגרייכט די טראַגעדיע פון קאַסרילאָווקער דיקטאַטור דעם העכסטן שטאַפּל. איר לאַגע ווערט ממש האָפענונגסלאָז. ערקלערן אַ קאַמף קעגן „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" איז פאַר דער קאַסרילאָווקער דיקטאַטור לחלוטין אויסגעשלאָסן. ערשטנס, וואָלט עס אומפאַרמיידליך געפירט צו דעם, זי זאָל אויפהויבן אַ קאַמף קעגן דער גאַנצער סיסטעם, קעגן מקור, פון וואַנען די „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" שטאַמט, ד. ה. אַ קאַמף קעגן זיך זעלבסט, והשנית, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז פאַר די קאַסרילאָווקער דיקטאַטאָרן איז ניטאָ קיין שרעקליכערע געפאַר, ווי אויפ־וועקן, חלילה, אַ חשד אויף זיך, אַז זיי זיינען ניט גענוג כשרה, כּפל־שמונהדיגע, אויסגעלייטערטע „„קאָסמאָפּאָליטן": איבער וועמען פון זיי היינגט ניט דער חלף פון פאַרדאַכט און אומצוטרוי, די סכנה „אויס־נעריינינט" צו ווערן פון פאַרטיי צוליב „נאַציאָנאַליסטישע" חטאת נעורים? פאָרט בּירגער פון צווייטן גראַד, ניט קיין אמתע, ניט קיין פולבאַרעכ־טיגטע. אַ קליינינקייט, אַזאַ צווייפלהאַפטער, פאַרדעכטיגטער עבר...
און ווי מ'לייגט זיך ניט אין דער לייננ און דער ברייט, כּדי צו דערווייזן, אַז מ'איז ניט אין אַן ערך פּויפּסטליכער פון פּויפּסט זעלבסט, ווי מ'ריינינט זיך ניט, מ'כּשרט זיך ניט אין זיבן וואַסערן, העלפט דאָך דאָס ניט. קיינע קרבנות זשאַלעוועט מען ניט, מ'טרייסלט זיך אָפּ מיט די הענט און די פיס פון זיך זעלבסט, פון דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט, וואו ביי יעדן פון זיי ליגן דאָך באַהאַלטן די בעסטע און שענסטע זייטלאַך פון זיין לעבנס־געשיכטע, באַגאָסן מיט פרישן טוי פון פריהלינגס־ענטוזיאַזם, פון צאַפּלדיגן יוגנטליכן אידעאַליזם, מ'פאַרשווערט די געטער, וועמען מ'האָט לעבנסלאַנג געטריי געדינט, — און די אַלע קרבנות זיינען דאָך ניט גענוג, די בעלי־תשובה זאָלן דערגרייכן צו דער מדרגה פון צדיקים גמורים... היינט פרעגט זיך, ביי וועמען פון זיי קאָן אין אַזאַ לאַגע כאַפּן דער געהעריגער מוט אַרויסצוטרעטן קעגן „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע"?

אָבער, פון דער אַנדער זייט, באַטייט דאָך „אינטערנאַציאָנאַלי־זאַציע" פּשוט אַ טויט־אורטייל פאַר דער קאַסרילאָווקער דיקטאַטור! מיט עקאָנאָמישע פראַגן פון יידישן לעבן האָט זי זיך, כּידוע, ווייניג וואָס אָפּגעגעבן. דעם שרעקליכן עקאָנאָמישן חורבן, וואָס די יידישע מאַסן האָבן דורכגעלעבט אין אַ סך שאַרפערער פאָרם, איידער די ניט־יידישע, האָט זי קוים באַמערקט אפילו. און לא דאי וואָס זי האָט גאָרנישט געטאָן, כּדי ווי ווייט מעגליך, ווי ווייט עס לאָזט זיך, דערלייכטערן אַביסל

דעם שוידערהאַפטן קריזיס, האָט זי פאַרקערט, וואו נאָר ס׳האָט זיך איר איינגעגעבן, די לאַגע נאָך מער פאַרשאַרפט. כדי אַרויסווייזן איר אויסערגעוויינליכע געטריישאַפט און איבערגעבענקייט דעם קאָמוניזם, ממש עד כלות הנפש, איז זי אויף אַלץ גרייט געווען... די מיטלען, וואָס זי פלעגט אָננעמען, למשל, ניט דערלאָזן, חלילה, יידן זאָלן פאַר־לאָזן אוקראַינע אין די שרעקליכע פאָגראָם־יאָרן, ווען וואָס די אויסערע וועלט האָט זיך ערשט דערוואוסט דורך אַ פאַרשפעטיגטער פאַרעפנט־ליכונג פון געהעריגן מאַטעריאַל, — זיינען ווייט ניט די איינצלנע פאַלן אין דעם פרט... אָבער אין אַלגעמיין דאַרף מען זאָגן, אַז דער „גראָבער חומר“ האָט זי כלל ניט אינטערעסירט. ניט אומזיסט זיינען מיר דאָך אַן עם־הספר... אַלע כוחות אירע האָט זי קאָנצענטרירט אויפן „רוח“, די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווידמעט דעם גייסט. און דוקא דאָ לויערט דאָך איר די גרעסטע סכנה פון „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע“! וואָרום נעמט אָפ ביי יידן דאָס ביסל יידישקייט, — און אויס מיט קאַסרילאָווקער דיקטאַטור! דאָס ביסל יידישקייט — דאָס איז דאָך איר איינציגער אָביעקט, די לופט, מיט וואָס זי אָטעמט. פאָמפעט אויס די לופט, און זי ווערט פאַרשטיקט. דער „אינטערנאַציאָנאַליזירטער“ ייד איז שוין אויסער איר ממשלה. זי האָט שוין אויף אים קיין שליטה ניט. אָט אַזוי גליטשט זיך דער באָדן ביי איר אַרויס פון אונטער די פיס, און זי מוז אין פינסטערן תהום פאַרשווינדן. און דאָ וועט שוין קיין טאַטער איר מער ניט העלפן...

איז מילא יענע דיקטאַטאָרן, וואָס האָבן באַוויזן צו פאַרלאָזן באַ־צייטנס דעם עמק־הבכא, דאָס קליינע און אָרימע יידישע וועלטל, און אַריינוואַרפן זיך אַהין, אין גרויסן רוסלענדישן ים אַריין, און דאָרט אַרויסשווימען אויפן שפּיץ פון דער כוואַליע, — זיי קערן זיך שוין וויניג אָן מיט דעם, וואָס קומט פאָר דאָרט ערגעץ, אין ווייטן עמק־הבכא. פון די עולמות העליונים, וואו זיי זיינען פאַרטון, פון העכסטן שפּיץ־באַרג, וואוהין זיי האָט זיך איינגעגעבן אַרויפצוקלעטערן, — ווי קליין און נישטיג עס זעהט פאַר זיי אויס דאָרט, העט־ווייט אין דער נידער, מ׳סשטיינסגעזאָגט, דאָס יידישע לעבן, די יידישע געזעלשאַפטליכקייט, די יידישע פאַרטייען און די יידישע צרות... זיי וואונדערן זיך אַצינד, זיי קאָנען גאָר ניט באַגרייפן, ווי אַזוי האָט דאָס אַמאָל געקאָנט פאַרנעמען

בײַ זײ אַן אָרט.. אפּנים, נאַציאָנאַליזם, מעשׂי־נערות, ס׳איז פּשוט אַ בושה דערמאָנען זיך...

ניט אַלעמען אָבער האָט גאָט געבענטשט מיט גרויסע און מעכטיגע פליגלען, זײ זאָלן קאָנען פליהען הויך און ווײַט. פאַראַן אַזוינע, וואָס זײַנען אין יידישן טאָל געבוירן געוואָרן און אין יידישן טאָל מוזן זײ שטאַרבן. דאָרט זײַנען זײ עפּעס, דאָרט קאָנען זײ אפילו דיקטאַטאָרן ווערן, און אויסער אים — גאָר נישט. און אַז זײ דערשפּירן מיט אַמאָל, אַז די לופט אין טאָל ווערט אויסגעשעפּט, — וואָס פאַר אַ שרעק, וואָס פאַר אַ שווידער דאַרף זײ אָנכאַפּן?..

מאַי, 1923

# פון בריוו צו חברים

## I

### דער שוים פון דער כוואַליע

די עלטערע חברים, פון פאַר 1905=טן יאָר, וואָס זיינען אויך שפּעטער, אין דער צייט פון פינסטערער פּאָליטישער און געזעלשאַפטליכער רעאַקציע, געטריי געבליבן זייער רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטישן אני=מאמין, געדיינקען נאָך מסתמא עד היום זעהר גוט דעם געפיל פון טיפער פאַרביטערונג, וואָס פלעגן אַרויסרופן ביי זיי די פאַרשיידענע „עוואָלוציעס“, וואָס די כל=ערליי גאַנצע און האַלבע אינטעליגענטן אונזערע האָבן דעמאָלט, אין דער צייט פון דער רעאַקציע, דורכגעמאַכט. דוכט זיך, גאָר ניט לאַנג זיינען מיט זיי, מיט אָט די גאַנצע און האַלבע א'נטעליגענטן, פול געווען אונזערע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע פאַרטייען, ווען זיי האָבן אין פלוג ערליך, מיט דער העכסטער איבערגעגעבנקייט געדינט, גרייט צו ברייגנען די גרעסטע קרבנות. דוכט זיך, גאָר ניט לאַנג זיינען זיי געווען דורך און דורכגעדרונגען מיט אידייען פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, נאָר מיט זיי געלעבט און מיט זיי געאָטעמט, פון דאַנען האָבן זיי געצויגן זייער גייסטיגע חיונה, פון דאַנען האָבן זיי געשעפּט באַגייסטערונג און פּאַטאָס, דאָ האָבן זיי געזוכט און געפונען דעם זין און טעם פון לעבן...

נאָר אָט האָבן אַ בלאָז געטאָן קאַלטע און שטרייגנע ווינטן, דער הימל האָט זיך באַדעקט מיט אַ פינסטערע כמאַרע, — און דער רעוואָלוציאָנער סאָציאַליסטישער פייער ווערט ביי זיי אויסגעלאָשן, דער הוי=

כער אידעאַליזם אויסגערונען און איינער נאָכן אַנדערן פאַרלאָזן זיי די קעמפנדיגע רייען און פאַרזינקען ערגעץ אין תּהום פון גראָער, וואָכע־דיגער אַלטעגליכער נישטיגקייט.

איז געקומען דער קלוגינקער און גוטמוטיגער אַלטעטשקער — דער שׂר, וואָס איז ממונה אויף דער געשיכטע, וואָס אַלץ ווייס ער און אַלץ פאַרשטייט ער — נאַטירליך, לאחר המעשה — און האָט כּדרכּו, אָבּ־יעקטיוו רוהיג און קאַלטבּלוטיג דערקלערט:

— די כוואַליע האָט דעם שוים אויף אירע שפּיצן געבּראַכט, און ווען די כוואַליע איז פאַרשוואונדן, האָט אויך דער שוים געפּלאַצט און איז צעשוואומען געוואָרן.

נאָר אַזאַ אָבּיעקטיווע רוהיגקייט און קאַלטבּלוטיגקייט פאַרמאָגט בּלויז אָט דער קלוגינקער און גוטמוטיגער אַלטעטשקער, וואָס שטייט פון דער זייט, ווייס ניט פון קיינע ליידנשאַפטן, גייט פון אייבּיגקייט צו אייבּיגקייט און אונז, צייטווייליגע דורכגייער, מיט אַלע אונזערע ליידן און פריידן, מיט אונזער פאַלן און דערגרייכונגען, בּאַטראַכט ער בּלויז אַלס נויטיגע רינגען אין דער לאַנגער געשיכטליכער קייט, אַלס געזעצמעסיגע שטריכן אין דער אומענדליכער געשיכטליכער וועבּונג...

פאַר אונז אָבער, לעבּעדיגע, צאַפּלדיגע נשמות, אַקטיווע סובּיעקטן פון געזעלשאַפטליכן פּראָצעס, וואָס שטייען ניט מן הצד, נאָר געפינען זיך אין מיטן, אין דער געדיכטעניש פון ליידנשאַפטליכן קאַמף, — פאַר אונז איז דעמאָלט אַזאַ בּאַציהונג לחלוטין אוממעגליך געווען, און מיר האָבּן די דאָזיגע דערשיינונג ניט געקאָנט בּאַנעמען אַנדערש ווי אַ שרעק־ליכע קאַטאַסטראָפע. בּיי אונז האָט זי געמוזט אַרויסרופן די טיפסטע אויפטרייסלונג, וואָס פלעגט צייטנווייז דערגרייכן בּיז צו פאַרצווייפלונג, בּיז צו אַ יאוש־שטימונג. אין די פּסיכאָלאָגישע איבּערלעבּונגען פון אַקטיוון געזעלשאַפטליכן טוער און קעמפער איז דער אידעאַל תּמיד אָרגאַניש צוזאַמענגעבּונדן מיט די טרעגער פון אידעאַל. אָט די פּסיכאָ־לאָגישע איבּערלעבּונגען גיסן זיך צונויף, שמעלצן זיך צוזאַמען מיט די פּסיכאָלאָגישע איבּערלעבּונגען פון די איבּעריגע חברים. אין דער געמיינזאַ־מער אַרבּעט, אין געמיינזאַמען קאַמף קריסטאַליזירט זיך אויס, שמעלצט זיך צוזאַמען, בּאַקומט בּלוט און פלייש די אַלגעמיינע, די קאָלעקטיווע נשמה פון אידעאַל, וואָס פילט מיט זיך אָן דאָס אינעווייניגסטע וועזן און בּיל־דעט די קדשי־קדשים פון דעם יחיד, פון יעדן איינצלנעם טוער און קעמ־

פער. און ווען אין איין טרויעריגן פריהמאָרגן כאַפּט מען זיך אויף און מען דערשפּירט, אַז די דאָזיגע קאָלעקטיווע נשמה איז בּיי די חברים אויס־געלאָשן געוואָרן, אַז אָט דאָס גאַנצע אינעווייניגסטע וועזן, דאָס קדשי־קדשים איז פאַר זיי געווען ניט מער, ווי אַ אויסערליכער לבוש, וואָס מען קאָן לויטן סעזאָן נאָך, לייכט בּייטן, און אָפּט אפילו אַוועקשליידערן מיט אַ צינישער חוצפּה, — איז דען אַ וואונדער, וואָס איר הויבּט אָן פילן, ווי די ערד וויגט זיך בּיי אייך אונטער די פיס, דער בּאָדן פון עצם אידעאַל גליטשט זיך אַרויס, און איר זינקט אין אַ פינסטערן תּהום?..

ווען אָבּער דער ערשטער שאַרפער ווייטאָג פון דער פרישער וואונד איז דורכגעגאַנגען, און איר האָט זיך אָנגעהויבּן בּאַפרייען פון די אוממיטלבּאַרע פּסיכאָלאָגישע איבּערלעבּונגען, און מיט ניכטערע אָפענע אויגן אַ בּליק געגעבּן אַרום, האָט איר דאָך געמוזט סוף כּל סוף איינ־זעהן, אַז אין תּוך אַריין איז דורכאויס גערעכט דער קלוגינקער און גוט־מיטיגער אַלטעטשקער, און דער עצם אידעאַל איז דאָ ממש גאָט די נשמה שולדיג.

— די כוואַליע האָט דעם שוים אויף אירע שפּיצן געבּראַכט, און ווען די כוואַליע איז פאַרשוואונדן, האָט אויך דער שוים געפּלאַצט און איז צעשוואומען געוואָרן...

ווייל סוף כּל סוף זיינען דעמאָלט אַזוי לייכט אַוועק נאָר די, וואָס זיינען אין דער אמתן געווען ניט מער, ווי צופעליגע געסט אויף אַ פרעמ־דער חתונה, זיי האָבּן אייגנטליך מיט זיך פון זייער אייגנס גאָרנישט גע־בּראַכט, זיי האָבּן דעם אידעאַל ניט דורכגעטראַכט, אינעווייניג אין זיך ניט דורכגעלעבּט, ניט בּאַהעפטעט זיך מיט אים אָרגאַניש. ס'איז געווען בּלויז אַ פאַרבּלענדעניש, אַ ריין אויסערליכער היפּנאָטישער צושטאַנד, אַ מין מאַסן־פּסיכאָז, וואָס אַזוי לייכט, ווי ער קומט אָן, אַזוי לייכט פאַר־שווינדט ער. אונז און זיי גופא האָט זיך בּלויז געדוכט, אַז דאָ שלאָגט אַ טיפער קוואַל, ס'איז אָבּער בּאמת ניט מער ווי שוים געווען...

דערפאַר אָבּער די, וואָס האָבּן מיט זיך מיטגעבּראַכט זייער גאַנץ אייגנס, דאָס גאַנצע גייסטיגע האָב און גוטס און מאָראַלישע פאַרמעגן זייערס, די, וואָס האָבּן דעם אידעאַל בּאמת דורכגעטראַכט,אינעווייניג, אין זיך דורכגעלעבּט, אָרגאַניש זיך מיט אים בּאַהעפּט, — די זיינען דאָך טאַקע דעמאָלט פאַרבּליבּן, די זיינען ניט אַוועק, זיי האָבּן

גאָרניט נעקאָנט אַוועקגיין, וואָרום וואוהין און פון וועמען זאָלן זיי אַוועקגיין — פון זיך זעלבסט?..

פון יענער צייט זיינען פיל וואַסערן אין די טייכן דורכגעלאָפן. מיר אַלע זיינען אַלט געוואָרן פון איבערלעבונגען און דערפאַרונגען, און דאָס, וואָס אין דער יוגנט האָבן מיר געהאַלטן פאַר אוממעגליך, פאַר דורכאויס אויסגעשלאָסן,, איז אונז אויף דער עלטער באַשערט געווען צו זעהן מיט אונזערע אייגענע אויגן.

אַ נייע כוואַליע, אַ סך אַ גרעסערע, ניט אין אַן ערך מעכטיגערע האָט פאַרפלייצט די געזעלשאַפט. עס האָט אויסגעזעהן אַזוי, ווי דער סטיכישער-געזעלשאַפטליכער ים אין גאַנצן, ווי ער איז גרויס, איז אַרויס פון די ברעגן און די וועלט פאַרטרונקען. און פון דער פאַרפלייצונג זיינען אַרויסגעשוואומען אַזוינע בילדער און געשטאַלטן, וואָס די מענטשליכע פאַנטאַזיע האָט גאָרניט געקאָנט אויסמאָלן, וואָס זי האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אפילו די טיפענישן פון דעם ביז גאָר צערודערטן און אויפגעטרייסלטן ים זאָל אַזוינס קאָנען אַרויסברייגען...

נאָר ניט דאָס בין איך אויסן.

די נייע כוואַליע האָט אויף אירע שפיצן ווידער שוים געבראַכט, זעהר פיל רוישנדיגן און ברויזנדיגן שוים, אָבער דאָס מאָל האָט איר אין דעם שוים צעריבענע פעלזן און צעשטויבטע פעסטונגען באַמערקט, אָדער, בכל אופן, דאָס, וואָס איר האָט פאַר פעלזן און פעסטונגען געהאַלטן... די נייע כוואַליע האָט מיט אַזאַ לייכטקייט, ממש שפילנדיג, אַרונטערגעריסן, צעריבן און צעשטויבט פיל פון יענע אַלטע שטאָל-אייזערנע מאָנומענטן, וואָס מיר האָבן געמיינט, קיין שטורעמווינט וועט זיי ניט נעמען, קעגן דער מעכטיגסטער סטיכיע וועלן זיי ביישטיין... אויסגעפרובטע קעמפער, וואָס האָבן זייער גאַנצן לעבן דער באַוועגונג אָפגעגעבן, זיך איינגאַנצן אויפן מזבח פון דער באַוועגונג מקריב געווען, וואָס האָבן בלויז אין דער באַוועגונג דעם זין פון לעבן געזעהן, און דער עיקר — די, וואָס האָבן דער באַוועגונג מתוך שמחה, אָפגעגעבן דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס זייער נשמה פאַרמאָגט נאָר — די פּאָעזיע און טרוים פון זייער יוגנט, דעם גייסטיגן און מאָראַלישן „איך“ זייערן, — אָטאָ די אויסגעפרובטע קעמפער האָבן פלוצלינג אויף דער עלטער מיט איין קלאַפּ דעם מזבח צעשטערט און זייער גאָט צעשמע-

טערט, און דערצו נאָך, ניט זעלטן, מיט צינישער חוצפה באַשמוצט און באַשפּייט אים... מיטן רוקן אַ קער געטאָן זיך צום אייגענעם עבר, צעריסן און צעפליקט, ווי אַ נישט ווירדיגע שמאַטע די בעסטע און שענסטע בלעטלאַך פון דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט און זיי אין ברודיגן רינשטאָק אַוועקגעשליידערט... און אָטאָ די „סאַלטאָ־מאָרטאַלעס" פון די זקנים, וואָס די יונגסטע און פיפיגסטע אַקראָבאַטן וואָלטן זיי באַדאַרפט מקנא זיין, האָבן באמת ווי אַן עכטער שדים־טאַנץ אויסגעזעהן...

און אַצינד ליגן זיי צעריבענע און צעשטויבטע צווישן דעם שוים אויף די שפיצן פון דער כוואַליע, וויגן זיך און וואַקלען זיך אינאיינעם מיט איר און וועלן מסתמא אין גיכן, ווי די טבע פון שוים איז, צעפּלאַצט און צעשוואומען ווערן, און קיין זכר וועט פון זיי ניט בלייבן...

אָט האָט איר פאַר זיך אַ פריש־צאַפלדיג קאָנקרעט בילד פון אונזער אייגענער נאָהענטער חברשער סביבה.

II

## דער „וידוי הגדול"

עס ליגט פאַר מיר אַ קליין בראָשורל פון ח' ב. זעליקאָוויטש: „די פאַראייניגטע אויפן שייד־וועג". אַ קליין בראָשורל... דאָס האָט אָבער געזאָלט זיין ניט קיין פשוטע בראָשור, ניט קיין געוויינליכע פאַרטיי־אויסגאַבע „פון אַ גאַנץ יאָר", נאָר „אַ מענטשליכער דאָקומענט", עפּעס אַ מין „וידוי הגדול" פון איינעם, וואָס האָט יאָרן־לאַנג נאָכאַנאַנד געפירט און פאַרפירט, ווי ירבעם בן נבט, חטא ומחטיא את הרבים געווען, און אויף דער עלטער פלוצלינג אויפגעעפנט די אויגן און דערזעהן דעם תהום, וואו ער איז פאַרזונקען און וואוהין ער האָט פאַרשלעפּט זיינע חברים און נאָכפאָלגער...

דער חבר ב. זעליקאָוויטש האָט זיך געפונען נאָך ביי דעם וויגעלע פון דער „ס. ס.־ישער פאַרטיי". נאָך גאָר אין די יונגע, אין די פריהלינגס־יאָרן זיינע האָט אים די ערשט אויפגעקומענע פרישע און זאַפטיגע סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג פאַרכאַפּט, און דאָס האָט באַ־

שטימט דעם גורל פון זיין ווייטערדיג לעבן. מיטן גאַנצן אימפּעט און באַגייסטערונג האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אין די אָרעמס פון דער כוואַליע, וואָס האָט אים אַזוי ווי פאַרצויבערט. און אין משך פון לאַנגע־לאַנגע יאָרן האָט ערווירקליך אַלץ דער באַוועגונג אָפּגעגעבן. די פאַרטיי האָט איבערפולט דעם גאַנצן גייסטיגן וועזן פון דעם מאַן, וואָס האָט באמת נאָר מיט איר געלעבט. און אַלע האָבן געוואוסט, אַלע זיינען זיכער געווען, אַז אָט דער איבערגעגעבענער פאַרטיי־מאַן איז אפילו אויף קיין איין מאָמענט ניט מסיח דעת חלילה פון דער פאַרטיי, הערט ניט אויף צו וועקן די פאַרשלאָפענע, רופן די אָפּגעשטאַנענע און מונטערן די פאַרצווייפלטע, אַז פאַר קיין פאַל און ביי קיין שום אומשטענדן וועט ער זיין פאַראַנטוואָרטליכן פּאָסטן ניט פאַרלאָזן, און אַז ער וועט אפילו בלייבן גאָר אַליין, דער לעצטער, וועט ער, דער איינציגער, סימבאָליזירן מיט זיך די פאַרטיי...

און מיט אַמאָל, — ויקלל את יומו, דער מאַן פאַרשילט דעם טאָג, ווען ער איז אין דער דאָזיגער באַוועגונג אַריינגעטראָטן, שטייט פאַר דער עדה, קלאַפּט זיך אין האַרצן און שרייט ככרוחיא: חטאתי, עויתי ופשעתי, איך האָב געזינדיגט און שווער געזינדיגט קעגן פּראָלעטאַריאַט, וועמעס רייען איך האָב אומזיסט און אומנישט געשפּאָלטן און דעזאָרגאַניזירט אָנשטאָט זיי צו פאַרשטאַרקן און צוזאַמענגעמען, קעגן סאָציאַליזם, וועמען איך האָב פאַרביטן מיטן „בלאַסן אָפּשיין פון דער ציוניסטישער ראָמאַנטיק". דאָס גאַנצע לעבן האָב איך בלויז געבלאָנדזשעט אין די וויסטע מדבריות, און דער עמוד־האש, וואָס האָט זיך פאָראויס געטראָגן און באַלויכט מיר דעם וועג, איז ניט קיין הייליגער פייער געווען, נאָר פּשוט אַ פאַרפירעניש פון „בעל דבר"...

ווי אַזוי זשע פאָרט איז עס אין אים פאָרגעקומען די דאָזיגע געוואַלטיגע איבערקערעניש? וואָס פאַר אַ אויסערגעוויינליכע גייסטיגע אויפטרייסלונג האָט דער מאַן איבערגעלעבט ביז ער איז דערגאַנגען צו אַזאַ שרעקליכן חשבון־הנפש? די טראַגעדיע פון מאָדערנעם סאָציאַליסטישן „עדיפ" דאַרף דאָך פאַרמאָגן געוויס גרונדן, דאַרפן דאָך האָבן איר אויפקלערונג און פולע באַרעכטיגונג.

אַן ענטפער דערויף זאָל אונז געבן דאָס „תשובה־ביכל", וואָס ליגט פאַר אונז, אָט דער „וידוי הגדול", וואָס דער מאַן האָט פאַרעפנטליכט.

איך האָב פאַרן ביכל גענומען זיך, נאַטירליך, מיט אַ שפּאַנענדיגן אינטערעס און האָב אים איינגעשלונגען ,ווי די העברעאישע בעלי־מליצה זאָגן, כביכורה בטרם קיץ, ווי אַ פריה־צייטיגע פרי פאַרן זומער־אָנקומען. און — איך מוז זאָגן דעם אמת, — איך בין ערשטווינט גע־בליבן: אַזוי אומערוואַרטעט איז פאַר מיר געווען דאָס, וואָס איך האָב דערזעהן און דערפילט... יאָ, מיר האָבן ווירקליך דאָ פאַר זיך אַ טראַ־געדיע, אָבער פון. גאָר אַ באַזונדער מין: ניט די טראַגעדיע, וואָס דער מחבר האָט געזאָלט איבערלעבן, נאָר די טראַגעדיע, וואָס מיר לעבן איבער, לייענענדיג דאָס ביכל, זעהענדיג און פילנדיג דערביי, צו וואָס פאַר גייסטיגער אָרימקייט און נישטיגקייט אַ מענטש קאָן דערגיין...

אין גאַנצן ביכל געפינט איר ניט קיין איין געדאַנק, אָבער טאַקע לחלוטין קיין איינציגן געדאַנק ניט, וואָס זאָל נאָך מיט 15—20 יאָר צוריק ניט זיין אויסגעדראָשן ביזן לעצטן קערנדל אויף די „בירזשעס" פון גרויס־ און קליין־„בונד" אין וואַרשע און ווילנע, אין דווינסק און אין וויטעבסק... און אָט אָ די „גרויסע אַנט־פלעקונגען", אונטערגעקליבענע מיט אַ פאַר־צענדליג־יאָריגער פאַרשפּע־טיגונג אויף די דאָזיגע גרויס־ און קליין־בונדישע „בירזשעס", האָבן עס אַצינד ערשט אויפגעעפנט די אויגן דעם אויסגעפּרובטן דורך אַלערליי פּרובונגען, סאָלידן און ערפאַרונגס־רייכן פאַרטיי־טוער, און געבראַכט אים צום צוזאַמענברוך, און אַרויסגערופן דעם גרונדליכן שנוי־ערכין, וואָס ער האָט אָקאָרשט דורכגעפירט!... און באַוואָפנט מיט די דאָ־זיגע שפּאָגל־נייע און מעכטיגע האַרמאַטן שטורמעוועט ער דאָס אַצינד די אַלטע אייגענע פּאָזיציעס...

איך בין כלל ניט קיין אָנהיינגער פון די פאַרשיידענע טעאָריעס, מיט וואָס מ'האָט אין די ס"סישע רייען געפּרובט אין די יאָרן פון 1905—7 באַגרינדן דעם טעריטאָריאַליזם. בשעתם איז מיר ניט איינמאָל אויסגעקו־מען גאַנץ שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן פיל פון זייערע הנחות. און אויך היינט קלויב איך זיך ניט זיי אַלע צו פאַרטיידיגן, אַזוי „ווי זיי שטייען און גייען". אָבער צו וואָס פאַר אַ גייסטיגער פלאַכקייט דאַרף קומען דער מענטש, וואָס האָט אין משך פון יאָרן איינגעזאַפּט אין זיך די טעריטאָריאַ־ליסטישע אויפפאַסונג פון אונזער געשיכטליכן לעבן, פון אונזער געגנ־וואַרט און צוקונפט, וואָס האָט זיך איינגעלעבט מיט דער, איך וואָלט

געזאָגט, באַזונדערער טעריטאָריאַליסטישער אידייען־וועלט, אַז מיט אַמאָל זאָל די סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע פראָבלעם, אין איר גאַנצער גרויס און פאַרנעם, ביזן דעק אויסשעפן זיך אין אָט יענע אָפּט צווייפל־האַפטע און געוויכטלאָזע סברות און גריבלערייען. און אַז ווי באַלד מ'באַמערקט חלילה אין זיי אַ פגימה, איז דערמאָלט שוין במילא אויס פראָבלעם...

פאַראַן באַשטימטע קרייזן, פאַר וועלכע די סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע פראָבלעם האָט בכלל ניט עקסיסטירט, זייער האַרץ און מח האָט, אַדאַנק פאַרשיידענע סבות, ניט רעאַגירט אויף געוויסע זייטן פון לעבן, האָט זיך ניט אָפּגערופן אויף געוויסע קלאַנגען, טענער און פאַרבן. זיי האָבן ניט באַנומען די אומגעהויערע אייגנאַרטיגקייט און קאָמפּליצירטקייט פון יידישן לעבן און זיין געשיכטליכער אַנטוויקלונג און האָבן דעריבער ניט אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון אָט יענע אומגעהויער אייגנאַרטיגע פאַרוויקלטע און קאָמפּליצירטע פראָבלעמעס, וואָס שווימען דאָ פאַר אונז אַרויס. און אַ קמיעלע האָבן זיי פאַרמאָגט, אַ קמיעלע פון גרייטע שאַבלאָנען און פאַרטיגע סכעמעס, וואָס האָט זייער מאָראַלע רוהיגקייט און געזעלשאַפטליכן „אומשולד“ פאַרהיט, פאַרהיט פון די פילפאַכע שטרויכלונגען, וואָס די רעאַלע ווירקליכקייט פלעגט כסדר אַרויסשטעלן אויף יעדן טריט און שריט...

דער ח' ב. זעליקאָוויטש האָט אָבער געהערט ניט אָט צו יענע קרייזן, נאָר דוקא צו די, וואָס האָבן די דאָזיגע מאָראַלע רוהיגקייט און געזעלשאַפטליכן „אומשולד“ שוין לאַנג פאַרלוירן און די קמיעלע פון די גרייטע שאַבלאָנען און פאַרטיגע סכעמעס שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן... זיי האָבן געוואַגט אויפהויבן דעם פאָרהאַנג און אַריינקוקן דער ווירקליכקייט גלייך אין די אויגן, און דערפאַר האָבן זיי געמוזט באַצאָלן מיט זייער רוה און אומשולד... ווייל דער, וואָס „היציץ ונפגע“, קאָן זיך שוין צוריק צום פרימיטיוון צושטאַנד ניט אומקערן, דער, וואָס האָט אינטואיטיוו, מיט די פאַרשאַרפטע חושים דערפילט און אַרומגענומען דעם גרויסן און באַזונדערן טראַגיזם פון יידישן לעבן מיט זיינע גרויסע און באַזונדערע פראָבלעמעס, — דער קאָן זיי שוין מער ניט אויסמיידן, דער קאָן זיך שוין פון זיי ניט באַפרייען, און אין צענטער וועט פאַר אים שטענדיג שטיין די גרונד־פראָבלעם — די סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע,

ווייל וואוהין ער זאָל זיך נאָר ניט ווענדן, וועט ער זיך כּסדר אויף איר אָנ־שטויסן, ווייל זי איז דער סינטעז פון אַלע איינצלנע פּראָבּלעמעס, די פּריזמע, דורך וואָס ס'בּרעכן זיך איבּער אַלע איינצלנע שטראַלן, דער קנויל, וואו עס טרעפן זיך צוזאַמען אַלע בּאַזונדערע פעדים.

נאַטירליך, אַז אין די ראַמען פון מיינע קורצע בּריוו קאָן איך ניט בּאַ־האַנדלען אויספירליך די דאָזיגע פּראָבּלעמעס. איך וויל נאָר זאָגן, אַז דער קאָמפּלעקס פון אידייען און איבּערלעבּונגען, וואָס אין זיין גאַנצן בּילדעט ער די סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע אויפפאַסונג פון יידישן לעבּן, קאָן מען בּשום אופן ניט אָפּשאַפן אויפן סמך פון דעם, וואָס די אָדער יענע חקירה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט געלונגען, וואָס די אָדער יענע סבּרה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. אין אונטער־גרונד פון דער סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער פּראָבּלעם, ווי בּיי אַלע גרויסע און טיפע, פאַרוויקלטע און קאָמפּליצירטע געשיכטליכע פּראָבּ־לעמעס, טרעפט איר זיך כּסדר מיטן אוממיטלבּאַרן פילן דעם דופק פון דער געשיכטע, מיטן אינטואיטיוון בּאַנע־מען, וואָס פירט צו די קוואַלן פון געשיכטליכן אמת דורך זיינע בּאַזונדערע דרכים, דורך זיינע פּילפּאַכע און געהיימניספולע צנורות און קאַנאַלן. און איך חזר איבּער: דער, וואָס האָט אויפגעהויבּן דעם פּאָרהאַנג, און אין די טיפענישן פון דאָזיגן אונטערגרונד אַריינגעדרונגען, דער קאָן זיך שוין צוריק צום פּרימיטיוון צושטאַנד ניט אומקערן. פאַר אים קאָן די טרוי־קענע סכעמע אין קיין פאַל ניט פאַרטרעטן דאָס לעבּן, פאַר אים איז גאָר קיין ספק ניט, וואו איז דער מקור, פון וואַנען עס שלאָגט דער קוואַל פון געשיכטליכן אמת, און וואו איז די ניטגעלונגענע פאָרמולירונג אָדער די ניטריכטיגע בּאַגרינדונג, וואָס מוזן פאַרבּיטן ווערן מיט אַנדערע, — געלונגענע און ריכטיגע. בּכל אופן, די עצם פּראָבּלעם קאָן פאַר אים דורך דעם זי־כער ניט אָפּגעשאַפט ווערן, איר זין און וועזן קאָן דורך דעם זיכער ניט פאַרלוירן גיין...

אָבּער מיטן חבר ב. זעליקאָוויטש האָט דוקא דאָס אוממעגליכע געשען: ער האָט זיך גראָד צוריק צום פּרימיטיוון צושטאַנד אומגעקערט, און נאָך, — צו וואָס פאַר אַ פּרימיטיוון צושטאַנד!.. און געשען איז עס דוקא אין אַזאַ צייט, ווען די פּראָבּלעמעס, וואָס האָבּן אים געשטויסן

אין די טעריטאָריאַליסטישע רייען, אַריינגעבראַכט אין דער טעריטאָריאַליסטישער אידייען־וועלט, זיינען אומגעהויער פאַרשאַרפט געוואָרן, טרעטן אַזוי בולט, אַזוי שרייענדיג בולט אַרויס.

די וועלט־אויפטרייסלונגען האָבן געוואָרפן אַ אויסערגעוויינליכן בליץ־שיין אויף אָט דעם גרויסן און באַזונדערן טראַגיזם פון יידישן לעבן. איר זעהט פאַר זיך באַשיימפערליך דעם קרומען שפיגל, וואו אַלץ, אַלע פּראָצעסן, געשעהענישן און פּאַסירונגען, באַקומען אַזאַ אומנאַטירליכן, קראַנק און פאַרהויקערט אויסזעהן, וואו אַלץ אַנטפּלעקט זיך אין שרעקליך־פאַרקריפּלטע און אָפט העסליכע גרימאַסן. ערגעץ נאָך האָט די מלחמה און די רעוואָלוציע ניט אַריינגעבראַכט אַזוינע גענצליכע צעשטערונגען און חורבנות, ערגעץ נאָך האָבן זיי ניט אונטערגעגראָבן אַזוי גרינדליך דעם עצם יסוד פון מאַטעריעלן און גייסטיגן קיום ווי ביי אונז. און דאָ טרעפט איר זיך אומפאַרמיידליך פנים אל פנים מיט דעם סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישן שטאַנדפּונקט און מיט זיין ספּעציעלן דיאַגנאָז פון יידישן לעבן, וואָס זיינען נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי באַרעכטיגט, קיינמאָל ניט געשטאָכן אַזוי שאַרף די אויגן, ווי אַצינד.

איך וועל זיך דאָ ערלויבן בלויז אין איניגע ווערטער אָנווייזן אויף אַ פּאָר גרונד־מאָמענטן.

מיר פלעגן שטענדיג באַטראַכטן אונזער אומנאָרמאַלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור — דאָס פעלן פון ערד־אַרבעטער־קלאַס, און דאַגעגן די אומגעהויערע אַנטוויקלונג פון קליין־בירגערטום מיט די ספּעציפישע לופט־פּרנסות פון די אַלערליי מנחם־מענדלס, — אַלס דעם הויפּט־מקור, פון וואַנען עס שטאַמען אַלע קראַנקע אומנאָרמאַלע פּראָצעסן און ערשיינונגען אין אונזער לעבן. און דער סאָציאַליסטישער טעריטאָריאַליזם האָט הויפּטזעכליך געזאָלט זיין אַ ענטפער אויף אָט דער גרונד־פּראָבלעם. נאָר אויב אין נאָרמאַלע צייטן, ווען דאָס לעבן פליסט באַמעליך און רוהיג, איז נאָך אפשר מעגליך געווען פאַרן צוגעוויינטן אויג דורכגיין פאַרביי דעם און ניט פיקסירן דערויף די אויפמערקזאַמקייט, איז עס אָבער לחלוטין אוממעגליך אַצינד, אין שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָד, ווען די פּראָצעסן און געשעהענישן יאָגן איינע די אַנדערע מיטן טייוואָלישן אימפּעט, ווען אַלץ ווערט ביז לעצט פאַרשפּיצט און פאַרשאַרפט, ווען די

ווידערשפּרוכן דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון אינטענסיווקייט און אָנגע־שטרענגטקייט.

די מלחמה און דערנאָך די רעוואָלוציע מיטן בירגער־קריג האָבן רואי־נירט רוסלאַנד, וואו, כידוע, האָט זיך אויך געפונען דער גרעסטער און באַדייטנדסטער יידישער צענטער. אָבער וואָס פאַר אַ תהום, וואָס פאַר אַ גרינדליכער אונטערשייד צווישן „זייער“ און „אונזער“ חורבן! סוף כל סוף זיינען דאָך די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון פּויערטום, וואָס בילדעט ביי זיי דעם רוב בנין פון פאָלק, ווייניגער פון אַלץ צע־שעדיגט געוואָרן. פאַרקערט, ווען איר באַטראַכט די זאַך פון ברייטערן, היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, מוזט איר אָנערקענען, אַז ניט קוקנדיג אויפן צייטווייליגן שווערן קריזיס און אַזאַ סטיכישן אומגליק, ווי דער הונגער, וואָס דאָס פּויערטום לעבט אַצינד איבער, זיינען דאָך זיינע סאָציאַל־עקאָ־נאָמישע פּאָזיציעס גאַרנט אין אַן ערך פאַרפעסטיגט געוואָרן, עס איז דאָך פאַרווירקליכט געוואָרן דער טרוים פון דורות: די ערד, די גאַנצע ערד זאָל זיך געפונען אין די הענט פון פּויערטום! דאַגעגן אָבער, דער יידישער קבוץ, וואָס בילדעט כמעט אַ אויסשליסליך שטאָטישע באַפעל־קערונג, האָט דאָך אין גאַנצן, ווי ער איז גרויס, טאַקע בפועל ממש פאַרלוירן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן באָדן פון אונטער די פיס. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפּעס אַ דעקלאַסירטער מאַסע, וואָס שוועבט ערגעץ אין לופטן, אין עקאָנאָמישן עולם־התוהו, וואו כמעט דער איינציגער מקור פון חיונה איז ספּעקולאַציע אין ערגסטן, אין העסליכסטן, אַנטיסאָציאַלן זין פון וואָרט.. וואָס זיינען און וואָס וועלן נאָך זיין די פאָלגן דערפון, וואָס פאַר אַ פּערספּעקטיוון ערוואַרטן אונז — איז איבעריג צו זאָגן...

און נאָך איין מאָמענט, וואָס מיר פלעגן שטענדיג אונטערשטרייכן, — דאָס איז אונזער באַזונדערע, ספּעציפישע עמיגראַציע־סטיכיע. אַז די אויסערגעוויינליכע סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפע האָט אומבאַ־דינגט געדאַרפט אַרויסרופן אַן אַנטשפּרעכנדיגן אויסערגעוויינליכן עמי־גראַציע־שטראָם, — דאָס איז קלאָר פאַר יעדן. אין די קריטישע מאָמענטן פון אונזער געשיכטליכן לעבן איז דער וואַנדער־שטעקן שטענדיג געווען אונזער אויסלייזער, אונזער מלאך־מושיע. אָבער דאָס מאָל האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אָן אַ דיקער וואַנט: די טויערן פון די אימיגראַציע־לענדער, באַזונדערס — פון די אינדוסטריעלע לענדער, זיינען פעסט פאַר־

האַקט און פאַררינגלט, און די הונדערטער טויזנט, אפשר גאַנצע מיליאָנען פּאַטענציעלע עמיגראַנטן, וואָס רייסן זיך לויפן, וואוהין די אויגן טראָגן, געפינען זיך פאַקטיש ווי אין אַ שטייג, אַרומגערינגלט מיט אייזערנע גראַטעס אַרום און אַרום, און ווער ווייס, אויב זיי זיינען ניט פאַרמשפּט בּוכשטעבּליך אויסגיין פון הונגער, עפּידעמיעס און אַנדערע קאַטאַסטראָפעס...

אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע האָבּן אָט די אָנגעוויזענע הויפּט־מאָמענטן ניט פאַרמאָגט אפילו קיין צענט חלק פון דער פאַרשאַרפטקייט און פאַרשפּיצטקייט, וואָס זיי פאַרמאָגן אַצינד, און דאָך האָבּן זיי כּסדר געוועקט דעם געזעלשאַפטליכן געדאַנק און סאָציאַליסטישן געוויסן, געצוואונגען פּאַרטיפן זיך אין די בּאַזונדערע און אייגנאַרטיגע פּראָבּלעמעס פון יידישן לעבּן, ניט געלאָזן בּאַרוהיגן זיך אויף די פלאַכע און טעמפּע שאַבּלאָנען און געשטויסן אין די רייען פון דער שטענדיג אומרוהיגער, שטענדיג זוכענדיגער סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער בּאַוועגונג...

און אַצינד?

אַצינד האָבּן זיך אַפילו פיל לידער פון דער בּאַוועגונג בּאַרוהיגט, איינגאַנצן בּאַרוהיגט... פּראָבּלעמעס?.. זוכענישן?.. דאָס איז דאָך אַן עסק פאַר יינגלאַך, אָבּער ניט פאַר סאָלידע, פּראַקטישע לייט, וואָס לעכצן אַזוי נאָך אַ גייסטיגן „מעמד“, גאַרן שוין קומען סוף כּל סוף אל המנוחה ואל הנחלה... גענוג „טומלען“ זיך, גענוג „האַוועון“, לאָזט כאָטש אויף דער עלטער אָפּרוהען. און כ׳לעבּן, דער סאָציאַליזם וועט שוין אַליין פאַרענטפערן... תשבּי יתרץ קשיות ועבאיות... און ווי האָט איר פּשוט קיין רחמנות ניט? מ׳איז דאָך אַזוי אויסגעמוטשעט, אויסגעמאַטערט ממש בּיז אויסצודרייען... אין האַרץ, אין מח איז פּוסט און וויסט, בּלויז ווינטן סווישטשען, די נשמה בּיזן דעק אויסגעליידיגט... לאָזט צורוה, האָט רחמנות...

און אינאיינעם מיטן רחמנות־געפיל, נעמט אייך אַ שוידער אָן:
אַ בּית עלמין פון לעבּעדיגע מתים...

מאַי, 1922

---

# באָלשעוויזם, פאַשיזם און סתם רעאַקציע

## (סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פּאַראַלעלן)

באָלשעוויזם און פאַשיזם — דאָס זיינען צוויי שאַרף אויסגעשפּראָכענע, אויסגעקריסטאַליזירטע טענדענצן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער ממש קינסטלערישער בילדליכקייט און פולקאָמענהייט. ביידע זיינען זיי קינדער פון אונזער עפּאָכע, פּראָדוקטן פון דער מלחמה און דער רעוואָלוציע. אָבער דער באָלשעוויזם האָט זיך אַנטוויקלט און דערגרייכט די העכסטע שטופּע פון מאַכט און הערשאַפט אין פּעריאָד פון רעוואָלוציאָנערן באַרג־אַרויף, און נעגאַנגען איז ער אונטערן צייכן פון פאַרברייטערן און פאַרטיפן די רעוואָלוציע ביז די לאָגיש מעגליכע קאָנסעקווענצן. פאַרקערט, דער פאַשיזם איז געקומען צו דער מאַכט אין מאָמענט, ווען די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע איז אינגאַנצן אָפּגעפאַלן, און נעגאַנגען איז ער כסדר אונטערן אויסדריקליכן צייכן פון דער שוואַרצער רעאַקציע. אין פלוג — צוויי קעגנזעצליכע פּאָלוסן, וואָס זייער אינעווייניגסטע שיכות קאָן באַשטיין נאָר דרינען, וואָס איינע שליסט לגמרי אויס דאָס צווייטע. נאָר אַזוי קאָן דאָס זיך אויסווייזן נאָר דעם אויבערפלעכליכן באַאָבאַכטער, וואָס האָט פאַר זיינע אויגן בלויז דעם אויסערליכן לבוש, און ניט די אינעווייניגסטע נשמה פון די ערשיינונגען. ווען אָבער איר פאַרטיפט זיך אין די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע יסודות פון ביידע באַוועגונגען, מוזט איר דערפילן בחוש די נאָהענטע, אינטימע קרובהשאַפט, וואָס איז דאָ צווישן זיי.

קודם כל, בשעת איר באַצייכנט דעם פאַשיזם מיטן אַלגעמיינעם נאָמען רעאַקציע, גיט איר אין אמתן ניט קיין ריכטיגע, בכל אופן —

קיין גענויע און צוטרעפנדיגע כאַראַקטעריסטיק פון זיין ספּעציפישן מהות. אַט האָט איר, למשל, אין אונגאַרן די ווילדסטע רעאַקציע — אויך אַ פּראָדוקט פון מלחמה און רעוואָלוציע, אַן אוממיטלבאַרן רעזולטאַט פון בעלאַקונס ראַטן-רעזשים. און דאָך מוזט איר אָנערקענען, אַז צווישן דער אונגאַרישער רעאַקציע פון כאָרטי און דער איטאַליענישער פון מוסאָליני איז דאָ אַ טיפער אינעווייניגסטער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער אונטערשייד. אין אונגאַרן האָט איר פאַר זיך דעם אַלטן גוט-באַקאַנטן קלאַסישן טיפּ פון פּריציש-ביוראָקראַטישער און בורזשואַזער רעאַקציע, וואָס ווערט אָנגעפירט פון די נאַטירלעכע און געזעצליכע פאָרשטייער פון די הערשנדיגע קלאַסן. אין איטאַליע איז די רעאַקציע פון אַ גאַנץ באַזונדער אַרט, אַ דורכאויס מאָדערנע, אַזוי צו זאָגן — „אַ רעוואָלוציאָנערע" רעאַקציע, אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, וואָס אין איר שפּיץ שטייט אַ געוועזענער רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסטישער פירער און וואָס אין אַ באַדייטנדיגער מאָס שטאַמען אירע אַקטיווע אָנטיילנעמער פון סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע רייען. סיי דאָ, סיי דאָרט ווערט געפירט דער אַנטשיידנסטער און פאַרביסנסטער קאַמף קעגן סאָציאַליזם און קעגן דעמאָקראַטיע. דער א ב י ע ק ט י װ ע ר  ז י ן פון בײדע רעאַקציעס איז איינער און דער זעלבער און באַשטייט אין פאַרניכטן די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע און פאַרפעסטיגן די ממשלה פון די הערשנדיגע קלאַסן, אָבער דער ס ו ב י ע ק ט י װ ע ר  ג י י ס ט, וואָס דרינגט זיי דורך, די אַטמאָספער, מיט וואָס זיי אָטעמען, איז גאַנץ פאַרשיידן.

די טיפּישע, קלאַסישע בורזשואַזע רעאַקציע איז תמיד צום שאַרפסטן און אַנטשיידנסטן געווענדט קעגן די הויפּט-זיילן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — קעגן די פּרינציפּן פון פולער פּאָליטישער פרייהייט און פאָלקסהערשאַפט. פאַר דער בורזשואַזיע איז שוין לאַנג קלאָר געוואָרן, אַז ווי ווייט די דאָזיגע פּרינציפּן ווערן ווירקליך דורכגעפירט אין לעבן, איז אומפאַרמיידליך דער סיסטעמאַטישער אומאויפהערליכער וואוקס פון איר געפערליכסטן שונא — פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דאָס איז די אָביעקטיוו-נויטווענדיגע טענדענץ, דער אומפאַרמיידליכער געזעץ פון מאָדערנעם געזעלשאַפטליכן לעבן, וואָס ווערט כסדר באַשטעטיגט אויף טריט און שריט. ובכן, איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז זי איז גרייט צו באַקעמפן די פרייהייט און די דעמאָקראַטיע עד חרמה, און ס'איז גאַנץ נאַטירליך איר ביטערער האַס און טיפע פאַראַכטונג צו זיי. אָבער אין דער

זעלבער צייט טראָגט איר קאַמף קעגן זיי אַ כאַראַקטער פון פאַרצווייפלונג. אפילו ביים בעסטן זיג איז ניטאָ די זיכערקייט אין ענדגילטיגן נצחון און ס'פעלט די ערהויבענע טריאומף־שטימונג. פאַרקערט, טיף אין האַרצן נאָגט דער טרויעריגער געפיל, אַז דער קאַמף גייט פאַרלאָרן און די צוקונפט געהערט דעם שונא. און דאָס לייגט אַרויף אַן אויסדריקליכן שטעמפל אויף אירע קאַמפס־מעטאָדן און גיט צו גאָר אַ באַזונדער טאָן איר גאַנצן האַלטן זיך. ווען זי שיט פעך און שוועבל אויף די פרייהייטן, וואָס שטעלן אין געפאַר די בירגערליכע זיכערקייט און דאָס הייליגע אייגנטום, און פאָדערט די שטאַרקע האַנט און פעסטע אָרדענונג; ווען זי מאַכט צו שפאָט און צו שאַנד די דעמאָקראַטישע „טויגעניכץ־אינסטיטוציעס" און „בטלנישע שפּרעך־הייזער" פון פאַרלאַמענטאַרישע „לא יוצלחס" אָדער אומפאַרשעמטע קאַריעריסטן (דרך אגב: די שאַרפסטע קריטיק פון פאַרלאַמענטאַריזם האָבן שוין לאַנג געגעבן די בורזשואַזע אידעאָלאָגן, און אונזערע לינקע ראַדיקאַלן אין זייער העכסט רעוואָלוציאָנערן פאַטאָס זיינען דאָס רוב בלויז מעלה גורה די טיפזיניגע איינפאַלן פון אָט די לערער זייערע...); — אפילו דעמאָלט איז ערגעץ ווייט, הינטערן שוועל פון איר באַוואוסטזיין, ביקט כסדר אַ אומרוהיגער, מטושטשער געדאַנק און געפיל (אפשר אַן אָפּקלאַנג פון אירע אייגענע פריהלינגס־טעג), אַז אין די אידעאַלן פון פרייהייט און פאָלקס־הערשאַפט, צו וואָס די מענטשהייט דערנעהענט זיך, ניט געקוקט אויף קיין זאַך, מיט אַ ריין אָביעקטיווער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט, ווערן פאַרקערפערט די העכסטע געזעלשאַפטליך־מאָראַלע ווערטן און ווערן פאַרווירקליכט די אידעאַלסטע פאָרמען פון מענטשליכן צוזאַמענלעבן. און אָטאָ דער פאַרבאָרגענער הינטער די קוליסן פון באַוואוסטזיין אומקלאָרער, מטושטשער יראת־הרוממות־געפיל פאַרלינדערט, מאַכט אין אַ געוויסער מאָס ווייכער, אַזוי צו זאָגן, מענטשליכער די ברוטאַלסטע מעשים תעתועים פון דער סאַמע שוואַרצער רעאַקציע און שאַפט אָט יענע באַזונדערע, אייגנאַרטיגע באַציהונגען צווישן דעם פייניגער און געפייניגטן, וואָס שטאַרקן דעם העלדישן מוט און שטאָלץ פון מאַרטירער און וואַרפן זייער אידעאַליסטישן אָפּשיין אפילו אויפן תלין. דאָס, וואָס ניט ווילנדיג און בלא יודעים דערשפירט דאָך דער תלין אין קרבן אַ מ אַ ר ט י ר ע ר, אַ מענטשן פון אַ העכערן גייסט און אַ העכערער מאָראַל, בילדעט דאָס פינטעלע מענטשליכקייט, וואָס פאַר־

איינגט זייערע בּיידנס נשמות און וואָס הינטער איר עפֿנט זיך שוין דער פֿינסטערער תּהום פֿון ריין־טייוואָלישן גיהנם...

אָטאָ דאָס פֿינטעלע געפֿינט איר שוין ניט אין דער פֿאַשיסטישער רעאַקציע. אמת, די איז אפשר ווייט ניט אַזוי בּרוטאַל און אכזריותדיג, ווי די אונגאַרישע אָדער די רוסיש־צאַרישע, זי איז אָבער דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט דעם ספּעציפֿישן ציניש־פֿרעכן, ניהיליסטישן גייסט פֿון יענע קלוגינקע מענטשן, וואָס זיי ווע‌לן זיך שוין ניט לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון ראָמאַנטישע בּאָבע־מעשיות, וואָס האָבּן אַליין אַלץ דורכגעמאַכט, בּיזן דעק אויסגעלעבּט און אויסגעשעפּט, און ווייסן אויף קלאָר, אַז „דאָרט" איז פּוסט און וויסט, גאָרנישט מיט נישט, הבל הבלים... זיי עקלט פּשוט פֿון די כּלומרשט הויכע און הייליגע אידעאַלן, פֿון פֿרייהייט, דעמאָקראַטיע וכדומה, וואָס „נישטווערטיגע טויגעניכצן" אָדער גלאַט „צבועקעס" פֿאַרדעקן דערמיט „זייער פֿולע נישטיגקייט און פֿאַלשקייט". זיי ענטפֿערן דערויף מיט זייער ספּעציפֿישער גרעניצלאָזער פֿאַראַכטונג און בּטול... די קליינע, אָבער שטאַרקע מינדערהייט, וואָס האָט ווילן צו מאַכט, וואָס נאָר זי אַליין ווייס געגוי, וואָס צו טון און וואוהין צו פֿירן, — זי אַליין איז בּאַרופֿן און בּאַ־רעכטיגט צו הערשן בּיד חזקה, און ווי איז דעם, וואָס שטעלט זיך איר אין וועג!.. זי איז פֿעסט בּיי זיך און זיכער, אַז איר, דער אויבּערשטער פֿון שטייסל, דער סלת פֿון דער ערד, געהערט די וועלט, און איבּער איר קאָן גאָר נישט זיין און טאָר גאָר נישט זיין. אירע תּלינים זעהן שוין אין דעם געפֿאַלענעם צו זייערע פֿיס קרבּן ניט קיין מ אַ ר ט י ר ע ר, נאָר ...וט אַ פּגר...

בּיידע רעאַקציעס קעמפֿן קעגן פֿרייהייט, קעגן דעמאָקראַטיע, אָבּער איינע שטרעבּט איבּערהויפּט צו פֿאַרניכטן דעם חומר, דעם גוף, די צווייטע טויט דעם גייסט, פֿאַרשוועכט און פֿאַרסמט די נשמה. און דאָ קומט דער פֿאַשיזם אין איינגער בּאַרירונג, אין נאָהענטער, אינטימער קרובהשאַפֿט מיט זיין כּלומרשטן געזעלשאַפֿטליכן אַנטיפּאָד — מיטן בּאָלשעוויזם.

דער ווילדסטער דעספּאָטיזם און די סאַמע גרויזאַמע רעאַקציע זיינען ניט בּכח געווען געבּן אַזאַ טויטקלאַפּ דער אידייע פֿון פֿרייהייט און דעמאָ־קראַטיע — די צוויי עמודי־התּוך פֿון דער סאָציאַליסטישער בּאַוועגונג און סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט, ווי דאָס האָט געטאָן דער בּאָלשעוויזם — דער „פּאָן־טרעגער", דער „לייכט־טורעם" פֿון דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע... פֿון אָנהויבּ — אַלס צייטווייליגע, טרויעריגע נויטווענדיגקייט,

אַלס אַ געצוואונגענער טאַקטישער גאַנג. נאָר בּיסלאַכוויַיז — מחיל אַל חיל — פון נויט אַ טוגנד געמאַכט, פון טאַקטיק — א פּרינציפּ, שיער ניט — אַ הייליגן געבּאָט...

— או—טש—רע—דיל—קע!.. דע—מאָ—קראַ—טי—ע!..

דער ים־אוקינוס פון בּטול און פאַראַכטונג האָט זיך דאָ אויסגע־גאָסן. דאָס, וואָס אין משך פון דורות איז געווען דער הייליגסטער טרוים פון אונזערע בּעסטע און שענסטע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַ־ליסטישע קעמפער און מאַרטירער, איז אַצינד אין פּרעכסטע שימף־ווערטער פאַרוואַנדלט געוואָרן... דער לאַנגער וועג איז געשווינד און אַנטשלאָסן דורכגעמאַכט געוואָרן. פון קאַמף פאַר דער גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג, איבּערן אַרבּעטער־פּויערטום און סאָלדאַטן־ראַט, דורך דיק־טאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, בּיז דיקטאַטור פון קאָמוניסטישער פּאַרטיי, בּיז דיקטאַטור פון אַ קליינער געשלאָסענער גרופּע. און זי, די קליינע, אָבּער שטאַרקע מינדערהייט, וואָס האָט ווילן צו מאַכט, וואָס נאָר זי אַליין ווייס געגוי, וואָס צו טון און וואוהין צו פירן, — זי אַליין איז בּארופן און בּאַרעכטיגט צו הערשן בּיד־חזקה, און ווי איז דעם, וואָס שטעלט זיך איר אין וועג!.. און אויבּ איר אין וועג זיינען געשטאַנען און שטייען עד היום אַלטע געטער: פרייהייטן, פאָלקס־הערשאַפט, איז דאָך קלאָר, אַז מ׳דאַרף זיי פאַרטיליגן, עוקר מן השרש זיין, און ניט נאָר דעם גוף, נאָר אויך די נשמה, איבּערהויפּט — די נשמה. בּורזשואַזע ירושות — צום טייוול! לאָזן זיך פון זיי די פּיס פּענטן?.. ובכי

— או—טש—רע—דיל—קע!.. דע—מאָ—קראַ—טי—ע!..

און דער ים־אוקינוס פון פאַראַכטונג און בּטול, וואָס האָט זיך דאָ אויסגעגאָסן, האָט די וועלט פאַרפלייצט, און אויף ווייטע שטחים און אויף לאַנגע צייטן זיינען די געמיטער פאַרסמט געוואָרן...

בּאָלשעוויזם און פאַשיזם — ווער איז דער אב און ווער איז די תּולדה?

קאָן גאָר די פראַגע געשטעלט ווערן?! דאָ האַנדלט זיך ניט נאָר פון כראָנאָלאָגיע, נאָר פון עצם תּוך. פאַרשוועכן און פאַרטיליגן די נשמה פון געטער קאָן מען נאָר, סיידן בּאַנוצן דערבּיי דעם הייליגן שם־המפורש. אָט־אָ דעם דאָזיגן שם־המפורש האָט פון זיי בּיידן נאָר דער בּאָלשעוויזם בּשעתו פאַרמאָגט, און מיט זיין הילף איז ער בּאַגאַנגען דעם שרעקליכן מאָרד, אייגנטליך — זעלבּסט־מאָרד, וויל אין אַטמאָספער,

וואו עס פעלט פרייהייט, וואו עס איז ניטאָ קיין פאָלקס־הערשאַפט, מוז דער סאָציאַליזם, מוז דער קאָמוניזם פאַרשטיקט ווערן.

דער פאַשיזם האָט נאַטירליך קיינמאָל אַפילו קיין אַנונג פון שם־המפרש ניט געהאַט. ער איז אָבער שוין אויף אַלעם גרייטן געקומען און האָט גענומען מן המוכן... ער האָט שוין געפונען די געטער אַרויסגעשליידערטע אין מיסט־קאַסטן, ווי נבלות פאַרשוועכטע און באַשמוצטע, און האָט זיך בלויז גענומען אָפּריכטן אַרום זיי דעם שדים־טאַנץ...

מאַי, 1923

ÜHING „HASMONEA"
הסתדרות הסטודנטים „חשמונאי"

# צום קריזיס אין סאָציאַליזם

(אַ סאָציאַליסטישער חשבון־הנפש)

## I

## אָנשטאָט אַ הקדמה

אַ באַזונדער מזל האָט אונזער דור: מיר זיינען געבענטשט געוואָרן מיט אַ זעלטענער אריכות־ימים, ווייל אויב מ׳זאָל מעסטן די גרויס פון דער צייט לויטן סכום פון די איבערלעבונגען, איז קלאָר, אַז מיר האָבן שוין לאַנג אַריבערגעשטייגט מתושלחס יאָרן... דאָס, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט פאַרן לעצטן צענדליג יאָר, וואָלט געוויס געקאָנט סטייען אויף גאַנצע דורות פון אינטענסיוון געזעלשאַפטליכן לעבן. ס׳איז קנאַפּ צו זאָגן: „אַ טאָג — אַ יאָר“, פיל שעהן זיינען ממש צו גאַנצע עפּאָכעס געגליכן געווען. די וועלט־געשעהענישן האָבן כסדר געיאָגט איינע די צווייטע מיט אַ ווילדן אימפּעט און מיט געוואַלד אונז אַלעמען געשלעפּט אין קאָן אַריין, ווייל די דאָזיגע גראַנדיעזע וועלט־געשעהענישן זיינען געווען פון אַזאַ אַרט און אַזאַ מאַסשטאַב, אַז דירעקט צי אומדירעקט האָבן זיי אָנגערירט די זיילן, די עמודי־התוך פון גאַנצן לעבן און וועזן סיי פון פרט, סיי פון כלל. און יעדער איינציגער פון אונז, אפילו דער מענטש פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס איז בכלל ווייט געווען פון געזעלשאַפטליכקייט און פּאָליטיק, איז ווילנדיג ניט ווילנדיג אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַלגעמיינעם געזעלשאַפטליכן און פּאָליטישן שטראָם און איז געצוואונגען געווען אָפּגעבן זיך מיט געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע פראַגן.

אַ צייט פון הרת־עולם: וועלטן ווערן חרוב און וועלטן האַלטן ביי געבוירן ווערן. אַלץ איז ביז גרונד צערודערט און צעטרייסלט געוואָרן, ממש די ערד וויגט זיך אונטער די פיס. די גרעסטע מאַטעריעלע און גייסטיגע אוצרות, וואָס די מענטשהייט האָט דורות־לאַנג מיט בלוט און שוייס געזאַמלט, זיינען צערואינירט געוואָרן; מאַטעריעלע און גייסטיגע פעלזן־פעסטונגען, וואָס מיר האָבן זיי געהאַלטן פאַר אייביגקייטן, זיינען פונאַנדערגעפאַלן, חרוב ומוחרב געוואָרן.

אָבער דאָס לעבן און שאַפן, פונקט ווי די צייט זעלבסט, שטעלן זיך דאָך אויף איין מאָמענט ניט אָפ, און אונטער דעם תהו ובהו פון חורבן, ווייט באַהאַלטן ערגעץ אין די טיפענישן, הינטער די קוליסן פון דער געשיכטע, ווערט דאָך עטוואָס נייעס באַשאַפן, וועבן זיך נייע וועבונגען, בילדן זיך אויס נייע קאָמבינאַציעס פון געזעלשאַפטליכע כוחות און מענטשליכע באַציהונגען און ס'קומען אויף נייע ווערטן און נייע שאַטירונגען. די אומגעהויערע אָנשטרענגונג פון די כוחות, וואָס די מענטשהייט האָט דורכגעמאַכט, איז דאָך ניט אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען. אמת, אַלץ איז געווען געווענדט איבערהויפט אויף צו פאַרניכטן און צעשטערן און ניט אויף בויען און שאַפן, אָבער דערינען באַשטייט, אַזוי צו זאָגן, די דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע, דער „אין רע בלא טוב", וואָס די אָנשטרענגונג פון די כוחות גופא מוז אָנהאַלטן אין זיך געוויסע פאָזיטיווע, שאַפנדיגע מאָמענטן. אין דער גרויזאַמער, שרעקליכער פעלקער־שלאַכט אויף לעבן און טויט, האָט יעדער צד געמוזט ליידנשאַפטליך זוכן הילף ביי דער נאַטור, זי זאָל אים אירע סודות אַנטפּלעקן, די סודות פון מאַכט און הערשאַפט; און זי האָט דעם נסיון ניט געקאָנט ביישטיין, און זיי פילע באַהאַלטענע סודות אויפגעדעקט. געוויס, ווען די דאָזיגע וואונדערבאַרע, אומגעהויערע אָנשטרענגונג פון די כוחות וואָלט געווען געווענדט ניט אויף צו פאַרניכטן און צעשטערן, נאָר טאַקע אויף בויען און שאַפן, וואָלט די מענטשהייט איצט שוין אַזוי ווייט געהאַלטן, אַזאַ ריזנטריט פאָראויס געמאַכט, אַז גאָר אַ סך פון דעם, וועגן וואָס אונזערע בעסטע און שענסטע האָבן געוואַגט צו טרוימען, וואָלט אין לעבן פאַרווירקליכט געוואָרן. אָבער אויך אַצינד איז קיין ספק ניטאָ, אַז נאָכדעם, ווי דער צערודערטער געזעלשאַפטליכער ים וועט סוף כל סוף אַריין אין זיינע ברעגן, האָבן מיר זיכער צו דערוואַרטן, אַז ס'וועט

אַנטשטיין אַ גלענצנדיגע עפּאָכע פון גרויסע שאַפונגען און ס'וועלן זיך אַרויסווייזן די רעזולטאַטן פון דער פריהערדיגער פיבערהאַפטער כוחות-אָנשטרענגונג.

אמת, אין דער ספערע פון מאָראַלן, ריין גייסטליכן לעבן איז די לאַגע פיל ערגער איידער אויפן געביט פון מאַטעריעלער קולטור. דאָ זיינען ניט נאָר די אָנגעזאַמלטע אוצרות, די „טויטע גיטער" פאַרניכטעט געוואָרן, נאָר אין אַ געוויסן זין זיינען פאַרסמט געוואָרן די לעבעדיגע קוואַלן, די מקורים פון שאַפן. מיר האָבן זיך אומגעקערט צו די גאָר גרוי-אַלטע צייטן פון בלוטדורשטיגן מענטשנפרעסערישן באַרבאַריזם, וואָס מיר האָבן גערעכנט, אַז ער איז שוין אינגאַנצן און אויף אייביג פאַרשוואונדן. אָבער אויך דאָ איז צו זעהן בחוש דעם „אין רע בלא טוב". דער מעכטיגער סטיכישער שטראָם האָט אינאיינעם מיט דעם העכסטן אין שענסטן אַראָפּגעשווינקט אויך אַ היפּש פּעקל שימל, צעפוילטקייט און פאַרגליווערטקייט, פיל פון דעם אָפּגעשטאַנענעם און אָפּגעלעבטן, וואָס איז געלעגן ווי אַ שטיין אויפן וועג פון דער ווייטערדיגער מענטשליכער אַנטוויקלונג.

זעהר אַ שווערן, אויב ניט דעם סאַמע שווערסטן אידייען-קריזיס לעבן איבער דוקא די געזעלשאַפטליכע עלעמענטן, וואָס זיינען אין פלוג מער פון אַלע אַנדערע אידעאָלאָגיש צוגעפּאַסט צום געזעלשאַפטליכן צוזאַמענבּרוך, וואָס קומט פאָר פאַר אונזערע אויגן. איך רייד וועגן די געזעלשאַפטליכע שיכטן, וואָס זיינען שוין לאַנג אַרויסגעטראָטן קעגן די עקסיסטירנדיגע סאָציאַלע פאָרמען אין נאָמען פון אַ נייעם סאָציאַלן סדר — וועגן די סאָציאַליסטן. דוכט זיך, זייער שאַרפע, אַנטשיידענע קריטיק, זייער דורכאויס נעגאַטיווע באַציהונג צו אָט די געזעלשאַפטליכע פאָרמען, וואָס האַלטן איצט אין איין וואַקלען זיך, האָט זיי באַדאַרפט ביישטיין, זיי זאָלן איצט אויסמיידן דעם אידייען-קריזיס, וואָס אַלע אַנדערע לעבן איבער. נאָר אַזאַ טבע האָט שוין די אָהן אַ שיעור פאַרוויקלטע און קאָמפּליצירטע ווירקליכקייט, אַז זעהר אָפט פירט זי זיך גאָר להיפּוך פון דעם, וואָס מען ערוואַרט פון איר... אָט טאַקע דאָס גופא, וואָס זיי, אַלס די הויפּט-טראָגער און בויער פון דער צוקונפט-געזעלשאַפט, פאַרקערפּערן אין זיך די עצם אידייע פון דער ווייטערדיגער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג, לייגט אויף זיי אַצינד אַרויף די הויפּט-אַחריות פאַרן גורל פון דער געזעלשאַפט און פאַרן

גאַנג פון דער געשיכטע, און דאָס מוז פירן צו זעהר שווערע און טיפע אידעאָלאָגישע איבערלעבונגען. און דערצו איז דאָס רעאַלע לעבן, ווי געזאָגט, טאַקע אומגעהויער פאַרוויקלט און קאָמפּליצירט, אַזוי אַז אַפילו די געניאַלסטע סכעמע איז סוף כל סוף ניט בכח אַלזייטיג אַרומצונעמען עס, און ס׳האָט זיך ווירקליך אַרויסגעוויזן, אַז דער קאָמפּלעקס פון אידייען און פאָרשטעלונגען, וואָס האָט געהערשט ביי אונז ביז איצט, הן בנוגע צום כאַראַקטער און נאַטור פון דעם קלאַס, וואָס איז באַרופן צו בויען די צוקונפטס-געזעלשאַפט, הן בנוגע די וועגן, וואָס פירן צו איר פאַרווירקליכונג, מוז פיל פאַרבּרייטערט און פאַרטיפט ווערן, און אַ געוויסער טייל פון אים נויטיגט זיך טאַקע אין אַ גרינדליכער רעוויזיע.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אין שטורעם און דראַנג פון היינטיגן טאָג איז זעהר שווער אָפּצוגעבן זיך מיט אַזאַ גרויסער פאַראַנטוואָרטליכער אַרבעט, וואָס פאָדערט אַ קלאָרע, רוהיגע באַטראַכטונג און אַ דורכאויס אָביעקטיווע, אָהן פּניותדיגע באַציהונג צו אַלץ, וואָס קומט איצט פאָר און וואו מיר זעלבסט נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל. נאָר אויב ס׳איז אין איצטיגן מאָמענט כמעט ווי אויסגעשלאָסן צו פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ גרויסער אָביעקטיווער, סיסטעמאַטישער אַרבעט, איז דאָך מעגליך אַריינצודרינגען אַביסל טיפער אין דער אייגענער נשמה, באַטראַכטן, ווי ווייט עס לאָזט זיך, פון דער זייט דאָס, וואָס דאָרט קומט פאָר, און מאַכן לכל הפחות אַ געוויסן סאָציאַליסטישן חשבון הנפש. בכל אופן איז אַזאַ חשבון הנפש אַצינד אומבאַדינגט נויטיג, כדי פשוט ניט דערטרונקען ווערן אינם מבול פון געשעהענישן און איבערלעבונגען, און דורכשלאָגן כאָטש אַ וואָסערע ס׳ניט איז סטעזשקע אין דעם אומגעהויערן פלאָנטער פון דער היינטיגער געזעלשאַפטליכער ווירקליכקייט.

אַ פּרוב פון אַזאַ מין חשבון-הנפש בנוגע געוויסע גרונד-פּראָבלעמעס פון סאָציאַליזם שטעלן מיט זיך פאָר די פאָלגנדיגע קאַפּיטלאַך. מער ווי אויף אַ חשבון-הנפש פּרעטענדירן זיי ניט, און מער קאָן מען פון זיי ניט פאָדערן...

## II

## וועגן עקספּערימענט

איינגנטליך, אין אַ געוויסער הינזיכט, זיינען דוקא אַצינד באַשאַפן געוואָרן די גינסטיגע באַדינגונגען פאַר דער סאָציאַלער וויסנשאַפט,

ס׳האָבן זיך געעפנט גרעסערע מעגליכקייטן אויסצופאָרשן די פּראָצעסן פון געזעלשאַפטליכן לעבן, פונאַנדערצוקלייבן זיך אין דעם פאַרפּלאָנטערטן קנויל פון דער סאָציאַלער ווירקליכקייט.

אין אַ רעוואָלוציע, אין אַ צייט פון געוואַלדיגע איבערקערענישן, ווען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבן פליסט מיט אַ ווילדן אימפּעט, טרעטן בכלל אַרויס ניט אין אַן ערך שאַרפער און בולטער די באַהאַלטענע פרוזשינעס פון געזעלשאַפטליכן פּראָצעס. יאָרן לאַנג זאַמלען זיך ניט באַמערקטער־הייט, טיף באַהאַלטן אין שויס פון דער געשיכטע, די מאָלעקולאַרע פּראָצעסן פון געזעלשאַפטליכן לעבן. טאָג־איין, טאָג־אויס טראָגן זיי אַריין קליינטשקע, אומבאַמערקבאַרע שינויים אין דער גרויסער סאָציאַלער וועבונג. פּאַמעליך, טאָג־איין, טאָג־אויס, ענדערן זיך דער צושטאַנד פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, די כחות־פאַרהעלטענישן פון די פאַרשיידענע קלאַסן, די געזעלשאַפטליכע באַציהונגען און דאָס מענטשליכע באַוואוסטזיין. יאָרן־לאַנג קלייבן זיי זיך איינע צו איינע די דאָזיגע קליינטשקע אומבאַמערקבאַרע שינויים, און ווען זיי וואַקסן אויס ביז צו אַ געוויסער מדרגה, ווען אַזוי אַרום ענדערן זיי פאַקטיש דעם גאַנצן תוך פון דעם עקסיסטירנדיגן סאָציאַלן סדר, דעמאָלט רייסן זיי מיט אַ סטיכישער קראַפט דורך די אָפּגעלעבטע, פאַרגליווערטע פאָרם פון דער אַלטער אָרדענונג, און אין משך פון חדשים לויפט דורך פאַר אונזערע אויגן די היסטאָרישע אַרבעט פון גאַנצע דורות. ביי אַזאַ געשיכטליכן קפיצת־הדרך אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז מיט אַמאָל, ווי דורך אַ בליץ־שיין, דער גאַנצער מעכאַניזם פון סאָציאַלן פּראָצעס, און מיר זעהען באַשיימפּערליך, מיר פילן מיט אַלע חושים, ווי אַזוי ס׳ווערט „געמאַכט" די געשיכטע.

דערפאַר בילדן שטענדיג די רעוואָלוציעס דעם רייכסטן און פרוכטבאַרסטן מאַטעריאַל פאַר דער סאָציאַלער פאָרשונג. און, ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם זין איז די באַדייטונג פון דער איצטיגער רעוואָלוציע, וואָס, לויט איר היסטאָרישן געוויכט און סאָציאַלן פאַרנעם, שטייגט זי אַריבער די אַלע ביז אַהער געוועזענע רעוואָלוציעס, געוויס זעהר גרויס, אָבער ניט נאָר אין דערין באַשטייט איר הויפּט־ראָלע און באַדייטונג פאַר דער סאָציאַלער וויסנשאַפט. דער עיקר איז, וואָס אין דער איצטיגער רעוואָלוציע האָט מען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע *באַוואוסטזיניג* און *פּלאַנמעסיג* אָנגעווענדט דעם אַזוי גערופענעם *עקספּערימענטאַלן מעטאָד*, וואָס מ׳האָט ביז איצט

גערעכנט, אַז ער קאָן גאָר קיין שום אָרט ניט געפינען אין סאָציאַלן לעבן.

הוץ דער אויסערגעוויינלעכער פאַרוויקלטקייט און קאָמפּליצירטקייט פון די געזעלשאַפטלעכע ערשיינונגען, איז די הויפּט־סבה, פאַר וואָס די סאָציאַלע וויסנשאַפט קאָן זיך ניט דערהייבן ביז צו דער מדרגה פון די נאַטור־וויסנשאַפטן, באַשטייט דערינען, וואָס די מעטאָדן פון סאָציאַלער פאָרשונג זיינען שטאַרק באַגרעניצט. מיר זיינען געצוואונגען באַגענוגענען זיך מיט דעם געשיכטלעכן מאַטעריאַל אין דעם צושטאַנד און אין דער פאָרם, אַזוי ווי עס איז אונז פאַקטיש געגעבן געוואָרן, און זיינען בכלל ניט ביכולת, לויט אונזער ווילן און באַגער, צוזאַמענשטעלן פון די געגעבענע עלעמענטן פאַרשיידענע אַנדערע קאָמבינאַציעס, שאַפן קינסטלעך אַזאַ סביבה, וואָס זאָל אונז געבן די מעגלעכקייט איזאָלירן די ווירקונג פון דעם אָדער יענעם פאַקטאָר פון אַלע אַנדערע ווירקונגען, כדי אויספאָרשן זיין ספּעציעלע נאַטור, זיין באַזונדער מהות. אין די נאַטור־וויסנשאַפטן גיט דער דאָזיגער מעטאָד די בעסטע און די זיכערסטע רעזולטאַטן, און הויפּטזעכלעך דערמיט ערקלערט זיך זייער אומגעהויערער ערפאָלג און גלענצנדיגע אַנטוויקלונג. און וואָס ברייטער עס ווערן די מעגלעכקייטן, וואָס פולקאָמענער די מיטלען, ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיטן דאָזיגן שאַרפן און זיכערן וויסנשאַפטלעכן געווער, אַלץ גרעסערע און ברייטערע האָריזאָנטן עפענען זיך פאַר דער אַנטוויקלונג פון די נאַטור־וויסנשאַפטן. אין דער סאָציאַלער וויסנשאַפט אָבער מוזן מיר זיך באַנוצן בלויז מיט דעם געגעבענעם גרייטן מאַטעריאַל, אַזוי ווי ער איז אַרויס פון דעם געשיכטלעכן פּורעם, אין זיין קאָנקרעטן, פאַרוויקלטן און קאָמפּליצירטן צושטאַנד.

און באמת, בנוגע דער טויטער נאַטור זיינען אונזערע הענט דורכאויס פונאַנדערגעבונדן. מיר זיינען איינגאַנצן פריי צו טון מיט איר, וואָס דאָס האַרץ גלוסט, בויגן און קערן זי אין אַלע זייטן, ממש אַרבעטן מיט איר מעשים, כדי אַרויסצוגעפינען ביי איר דאָס, וואָס מיר זוכן. אַפילו בנוגע דער לעבעדיגער נאַטור, ביז צום מענטשן, אָבער ניט עד בכלל, האָבן מיר זיך אויך געמאַכט אַזאַ היתר, און ניט געקוקט אויף די איינצלנע פּראָטעסטן פון געוויסע מאָראַליסטן קעגן „וויוויסעקציעס“, האַלטן מיר דאָך, אַז אין אַזוינע פאַלן פאַרהייליגן די צילן די מיטלען, און צוליב די גרויסע נוצן, וואָס עס ברייננגט, מעג מען אַביסל פאַרבויגן דעם צער־בעלי־

חיים. ס'איז אָבער קיינמאָל אויפן זין ניט אַרויפגעגאַנגען, אַז מ'קאָן זיך אַזוינס דערלויבן בנוגע מענטשן, בנוגע דער געזעלשאַפט, אַז מ'קאָן פאָרנעמען פאַרשיידענע עקספּערימענטן מיט לעבעדיגע מענטשן, מיט גאַנצע קאָלעקטיוון.

באַזונדערס איז אוממעגליך געווען צו דיינקען, אַז אַזוינס זאָלן זיך דערלויבן פאָרשטייער פון דעם קלאַס, וועמען ס'געהערט די צוקונפט, אויף וועמען ס'ליגט די אחריות פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און פאַרן גורל פון דער מענטשהייט. אויב די געזעלשאַפטליכע שיכטן, וואָס זיינען שוין פאַרמשפט פון דער געשיכטע אויף אונטערצוגיין, קאָנען נאָך, שטרייבנדיג דערלייגערן זייער קיום, לאָזן זיך אויף פאַרשיידענע אַוואַנטיורעס, פּרובן, ווי זאָגט מען עס, שפּילן „וואַ=באַנק", ווייל זיי האָבן איינגעטליך ניט, וואָס אָנצוווערן, וואָלט געווען אַ פאַרברעכן און אַן אומזין, ווען אויף אַזוינע עקספּערימענטן זאָלן איינגיין פאָרשטייער פון די שיכטן, פאַר וועמען די געשיכטע עפנט אָקאָרשט ברייט פונאַנדער אירע טויערן. זיי קאָנען און דאַרפן גיין נאָר מיט זיכערע טריט, אויף אַ פעסטן באָדן, ווייל פאַר זיי שפּרייט זיך אויס דער ברייטער היסטאָרישער שליאַך, וואו זיי קאָנען פעסט און זיכער דורכמאַכן זייער ווייטערדיגע אַנטוויקלונג, ניט זייענדיג געצוואונגען פאַרלויפן דעם וועג דער געשיכטע און שטעלן אין קאָן די שוין דערוואָרבענע פּאָזיציעס און פאַרפעסטיגטע נצחונות.

אָבער קעגן אַלע ערוואַרטונגען איז אַזאַ מין סאָציאַלער עקספּערימענט דאָך געמאַכט געוואָרן, און דוקא מצד די פאָרשטייער פון אַרבעטער=קלאַס. מען האָט געפּרובט ניט מער און ניט ווייניגער ווי מיט אַמאָל, טאַקע מיט איין קלאַפּ, אויף אַ ריין קינסטליכן אופן, אויסראָטן מיט די וואָרצלען דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר און אויפשטעלן אַ נייע, אַ פאַרטיגע מיט אַלע פּישטשעווקעס, סאָציאַליסטישע אָרדענונג.

איך בין כלל ניט נוטה חושד צו זיין, אַז דאָס אַליץ איז געמאַכט געוואָרן בלויז לשם עקספּערימענט, אָהן שום האָפענונג, אַז דעם דאָזיגן פּרוב זאָל זיך טאַקע איינגעבן צו פאַרווירקליכן און פאַרפעסטיגן אין לעבן. ס'איז אָבער קיין שום ספק ניט, אַז קיין פעסטע זיכערקייט, אַז דאָס וועט זיך יאָ איינגעבן, איז ביי קיינעם ניט געווען. מען איז טאַקע נעגאַנגען אין אַ געוויסן זין „וואַ=באַנק", לויט דער פאָרמול: „אָדער גאָר,

אָדער גאָרנישט״, אָדער געווינען גאַנצע וועלטן, אָדער פאַרלירן דאָס ביסעלע אָרימקייט...

און דער רעזולטאַט ?

ער איז אַצינד, דוכט זיך, שוין פאַר אַלעמען קלאָר: אָנשטאָט „גאָר״ האָבן מיר „גאָרנישט״, אָנשטאָט גאַנצע וועלטן געווינען, האָבן מיר טאַקע דאָס ביסעלע אָרימקייט פאַרלוירן. מיר זיצן ווידער ביי דער צעבראָכענער מולטער. הינטער זיך — טייכן בלוט, חורבנות אָהן אַ שיעור, משונה־דיגע ווילדקייט און געוואַלדיגע אכזריות, פאַרשווערכטע הייליגקייטן און פאַרשמוצטע אידעאַלן, און פאָראויס — פערספּעקטיוון פון שרעקליך־שווערער, אָנגעשטריינגטער אַרבעט אויף צוריק אויפשטעלן די פּאָזי־ציעס, וואָס מ'האָט אַליין בידים חרוב געמאַכט...

און פון רעכטס האָט מען שוין אונטערגעפירט די אונטערשטע שורה, דעם לעצטן סך־הכל: „דער סאָציאַליזם האָט דורכאויס באַנקראָטירט, ער טראָגט מיט זיך דעם חורבן פון דער קולטור, די פאַרווילדונג און פאַרוויסטונג פון דער געזעלשאַפט. ס'זעהען דאָך דאָס אַצינד אַלע באַ־שיימפערליך, דער פאַקט שטעכט דאָך ממש די אויגן״... און אויך אין דעם עקסט־לינקען פליגל, יעדנפאַלס צווישן די עלעמענטן זיינע, וואָס האָבן געגלויבט באמת ובתמים, אַז זיי פירן בפועל ממש איין אַצינד די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, וועט געוויס די ביטערע אַנטוישונג פירן צו דער זעלבער לאָגיק פון „פאַקט״: „עס האָט זיך דאָך אין דער פּראַק־טיק אַרויסגעוויזן, אַז דער סאָציאַליזם איז אַ שעדליכע אוטאָפּיע, וואָרום אָט זעהען מיר דאָס אַלע באַשיימפערליך״...

אָבער צווישן די ביידע עקסטרעמען מיט זייער פּרימיטיווער לאָגיק פון דעם ניט באַלייכטן, ניט דערקלערטן, ניט פאַרטיפטן „פאַקט״, וועלן דאָך פעסט בלייבן שטיין אויף זייערע גרונד־פּאָזיציעס יענע געזעלשאַפט־ליכע עלעמענטן, וואָס האָבן קלאָר פאָראויסגעזעהן דעם אומפאַר־מיידליכן באַנקראָט פונם עקספּערימענט, און האָבן אָבער מיט אים אויף קיין פאַל ניט צוזאַמענגעבונדן דעם גורל פון סאָציאַליזם גופא, דעם גורל פון עצם אידעאַל, אויף וועמען עס קאָן בשום אופן ניט פאַלן די אחריות פאַר אַלערליי פריהצייטיגע, אומגעלומפּערטע און דעריבער אין תוך אַריין קאַטאַסטראָפאַלע באַנקראָט־עקספּערימענטן. און דוקא פאַר די דאָזיגע עלעמענטן, פאַר וועמען דער עקספּערימענט טרעט אַרויס אין זיין ווירקליכער נאַטורעלער ראָלע, אין זיין ריכטיגער היסטאָרישער

פערספעקטיוו און אַנטפּלעקט זיין אמתן, אינעווייניגסטן מהות, — דוקא פאַר זיי באַקומט דער עקספּערימענט אין וויסנשאַפטליכן זין אַן אומ־געהויערע באַדייטונג.

דאָס ערשטע מאָל אין דער וועלט־געשיכטע איז אין אַזאַ גראַנדיעזן מאָסשטאַב, אין אַזאַ קאָלאָסאַלן סאָציאַלן פאַרנעם אָנגעווענדט געוואָרן אין געזעלשאַפטליכן לעבן דער עקספּערימענטאַלער מעטאָד. ס׳איז קינסטליך באַשאַפן געוואָרן אַ איזאָלירטע סביבה, וואו מ׳האָט באַוואוסט־זיניג און פּלאַנמעסיג דורכגעמאַכט דעם גראַנדיעזן ריזן־עקספּערימענט, און יאָרן־יאָרן לאַנג וועט די סאָציאַלע וויסנשאַפט ווענדן זיך צו אָט דעם גרויסן קוואַל, פון וואַנען זי וועט שעפּן דעם רייכסטן מאַטעריאַל פאַר אירע השערות, מסקנות און געזעצן.

טייער, שרעקליך טייער האָבן מיר באַצאָלט פאַרן עקספּערימענט, אפשר זאָל דאָס זיין אונזער טרייסט, דערין זאָלן מיר זעהן דעם „אין רע בלא טוב“, וואָס מיט די טייכן בלוט, מיט די אומגעהויערע חורבונות האָבן מיר דאָך פיל־וויינינג באַפרוכפּערט די פעלדער פון דער וויסנ־שאַפט...

## III

## ווענן מהות פון סאָציאַליסטישן אידעאַל

אין דעם גרויסן טעאָרעטישן בנין פון מאָדערנעם סאָציאַליזם איז די פּראָבלעם פון אידעאַל גופא, די פראַגן וועגן דער באַגרינדונג און באַ־לויכטונג פון אידעאַל, פון תמיד אָן געווען דער סאַמע שוואַכסטער פּונקט. וואָס איז דער מהות פון אידעאַל, זיין זין און וועזן? וואו איז דער מקור, פון וואַנען ער פליסט? וואָס אַזוינס איז דער יסוד, אויף וואָס ער שפּאַרט זיך אָן, וואָס באַרעכטיגט אים און גיט אים דעם זכות הקיום? — דאָס זיינען אַלץ פראַגן, אויף וואָס די וויסנשאַפטליכע טעאָריע פון מאָדערנעם סאָציאַליזם — דער מאַרקסיזם — האָט קיין קלאָרן ענטפער ניט געגעבן.

אייגנטליך, פאַר דער סאָציאַלער פילאָזאָפיע פון מאַרקסיזם — פאַרן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם עקסיסטירן אַזוינע פראַגן כלל ניט.

דער אידעאַל איז בלויז אַן אָפּשיין פון דער סאָציאַלער מאַטעריע, אַן אָפּשפּיגלונג פוןווירטשאַפטליכן פּראָצעס, און ניט מער. קיין

זעלבסטשטענדיגן וועזן, קיין זעלבסטשטענדיגן זין און ווערט האָט ער ניט און קאָן ניט האָבן. מיר שטרעבן צום סאָציאַליזם ניט דערפאַר, ווייל ער פאַרקערפערט אין זיך דעם אידעאַל פון צווישן־מענטשליכער באַציהונגען, דעם אידעאַל פון געזעלשאַפטליכן לעבן, נאָר דערפאַר, ווייל אַהין שטויסט אונז דער אָביעקטיווער גאַנג פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן פראָצעס. ס'איז דאָ נאָר איין גרויסער מעכטיגער כח, וואָס ווירקט זעלבסטשטענדיג, וואָס האַלט אין איין וואַקסן אימאַנענט, פון זיך זעלבסט. דאָס זיינען די פראָדוקטיווע קרעפטן פון דער געזעלשאַפט. זיי באַשטימען עס די ווירטשאַפטליכע באַציהונגען און דורכדעם אויך די געזעלשאַפטליכע באַוועגונגען און כלערליי אידעאָלאָגישע שטרעמונגען. און בלויז אילוזיעס שאַפן זיך די נאַיווע מענטשן, וואָס גלויבן, אַז דער אידעאַל, מיט וואָס זיי געבן זיך אָפ, וואָס איז אַזוי הייליג און טייער ביי זיי, איז ווירקליך אַ זעלבסטשטענדיגער „יש“ און ציהט זיך גלייך פון די הויכע, בלאָע הימלען, אין דער אמתן שטאַמט ער דוקא פון דער נידעריגער, גראָער ערד און שטעלט מיט זיך פאָר ניט מער און ניט ווייניגער, ווי אַ נאַטירליכע אָפשפיגלונג פון די ווירטשאַפטליכע באַציהונגען...

מען דאַרף זיך ניט פאַרטיפן אין ווייטע פילאָזאָפישע חקירות, כדי קלאָר צו מאַכן זיך, אַז אויב אַזאַ אויסטייטשונג פון אידעאַל קאָן נאָך אפשר באַפרידיגן דעם היסטאָריקער, איז עס אָבער אַבסאָלוט אומאָננעמבאַר פאַרן געזעלשאַפטליכן טוער.

דער היסטאָריקער באַטראַכט דעם געזעלשאַפטליכן פראָצעס מן הצד, לאחר המעשה. דער איינציגער ציל, צו וואָס ער שטרעבט, איז באַנעמען די אורזאַכליכע געזעצמעסיגקייט פון די ערשיינונגען, דעם פאַרשיידענעם און קאָמפליצירטן צוזאַמענהאַנג פון די סבות און זייערע פועל־יוצאס. דאָס איז דער איינציגער זין, דער „אלף“ און דער „תיו“ פון זיין פאָרשונג. ער שטעלט זיך נאָר די פראַגן: וואָס און ווי אַזוי איז געשען? וואָס איז אָביעקטיוו ניטווענדיג געווען? וואָס האָט געמוזט זיין? די געזעלשאַפטליכע טוערס גופא מיט אַלע זייערע שטרעבונגען און דערגרייכונגען טרעטן פאַר אים אַרויס בלויז אַלס אָביעקטן פון זיין פאָרשונג, אַלס געוויסע רינגען אין דער קייט פון סבות און פועל־יוצאס.

גאַנץ אַנדערש איז די באַציהונג צום געזעלשאַפטליכן פראָצעס מצד דעם געזעלשאַפטליכן טוער גופא. ער טרעט

דאָ אַרויס ניט אַלס פּאַסיווער אָבּיעקט, נאָר אַלס אַק־טיווער סובּיעקט, אַלס דער טרעגער און שאַפער פון פּראָ־צעס. ער שטייט ניט מן הצד, נאָר געפינט זיך אין סאַמע מיטן. דער גאַנצער זין און וועזן זיינער, אַלס אַזעלכער, אַלס געזעלשאַפטליכער טוער, באַשטייט איינציג און אויסשליסליך אין זיין אַקטיוון מיט־ווירקן אויפן געזעלשאַפטליכן פּראָצעס. דאָס איז זיין „יש“, זיין עצם נאַטור, דער אינעווייניגסטער מהות זיינער. זיין עובדא איז קעמפן און ברייננען קרבנות און רופן דעם צווייטן צו קאַמף און קרבנות.

צוליב וואָס זשע ווערט דאָס אַלץ געטאָן? וואָס איז דער לאָגישער און פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו, דער אימפּולס ,דער עצם זין פון דער אַרבעט? ס'איז קלאָר פון זיך זעלבסט, אַז דאָס אַלץ ווערט געטאָן ניט צוליב דער אָבּיעקטיווער נויטווענדיגקייט פון געזעלשאַפט־ליכן פּראָצעס, ניט צוליב דעם, אַז אין דער קייט פון סבות און פּועל־יוצאס זאָל חלילה ניט פעלן קיין רינג, און דער היסטאָריקער זאָל דער־נאָך קאָנען אויספאָרשן די אינערליכע געזעצמעסיגקייט פון די ערשיי־נונגען. צוליב דעם וואָלט געוויס קיין איין מענטש אַ פינגער אָן אַ פינגער ניט אַ קלאַפּ געטאָן; ווער רעדט קעמפן און נאָך ליידנשאַפט־ליך קעמפן, ברייננען קרבנות און רופן צו קאַמף און קרבנות — וואָלט ער אודאי און אודאי ניט. און ס'איז דעריבער קלאָר פון זיך זעלבסט, אַז דער לאָגישער און פּסיכאָלאָגישער יסוד, דער עצם זין און וועזן פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבעט באַשטייט אויסשליסליך אין דעם שטרעבן צו פאַרווירקליכן אין געזעלשאַפטליכן לעבן ניט דאָס אָבּיעקטיוו־נויטווענדיגע, נאָר טאַקע בלויז דאָס סובּיעקטיוו־גע־וואונשענע. דער גרונד־מאָטיוו, דער גרונד־אימפּולס, וואָס באַ־וועגט דעם געזעלשאַפטליכן טוער און שטויסט אים צום קאַמף, געפינט זיין אויסדרוק אין די פראַגן: וואָס דאַרף זיין? וואָס זאָל זיין? און ניט: וואָס מוז זיין? וואָס וועט זיין? ס'פאַרשטייט זיך, אַז ווען דער געזעלשאַפטליכער טוער קומט צו דער איבערצייגונג, אַז אויך די אַלע איבעריגע כחות, וואָס באַשטימען דעם גורל פון געזעלשאַפטליכן פּראָצעס, ווירקן אין דער ריכטונג פון זיין אידעאַל, גיט עס אים צו מוט און ענערגיע, באַפליגלט אים אין דער אַרבעט און קאַמף; און להיפוך, ווען ער דערפילט, אַז דער אָביעקטיוו־נויטווענדיגער געזעלשאַפטליכער פּראָצעס פליסט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, קאָן דאָס אים ברייננען צו

אַפּאַטיע און יאוש און צווינגען מאַכטלאָז אַראָפּלאָזן די הענט. אָבער דאָך איז דער דאָזיגער מאָמענט פון דער אָביעקטיווער נויטווענדיגקייט בלויז, אַזוי צו זאָגן, אַ נעבן־זאַך, אַ זייטיגער מאָמענט, וואָס פאַרשטאַרקט אָדער שוואַכט אָפּ דעם מוט און ענערגיע פון דעם געזעלשאַפטליכן טוער, אָבער ניט ער בילדעט די אינעווייניגסטע נשמה, דעם עצם זין און וועזן פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבעט.

אויב דאָס איז ריכטיג און קלאָר בנוגע דעם יחיד, דעם איינצלנעם געזעלשאַפטליכן טוער, איז עס ניט אין אַן ערך ריכטיגער און קלאָרער בנוגע דעם גאַנצן כלל געזעלשאַפטליכע טוערס, בנוגע די געזעלשאַפטליכע באַוועגונגען. און באַזונדערס שאַרף און בולט טרעט אַרויס דער דאָזיגער אמת אין אַזאַ גראַנדיעזער געזעלשאַפטליכער באַוועגונג, ווי די סאָציאַליסטישע, וואָס שטרעבט ראַדיקאַל און גרינדליך איבערבויען דעם גאַנצן סאָציאַלן סדר אויף דורכאויס נייע יסודות. ווען מ׳ווענדט זיך צו דער גאַנצער אַרבעטנדיגער מענטשהייט און מ׳רופט זי צום שווערן און ביטערן קאַמף פאַר דער צוקונפטס־געזעלשאַפט, ווען מ׳פאָדערט פון די לעבעדיגע דורות אָנשטרייגנען אַלע כוחות, ברייגנען די גרעסטע קרבנות צוליב די קינפטיגע דורות, קאָן דאָס פאַר קיין פאַל ניט געטאָן ווערן אין נאָמען פון דער אָביעקטיווער נויטווענדיגקייט, ווייל אַליין און פאַר זיך גענומען גיט זי קיין שום סטימול ניט צום קאַמף און קיין שום באַרעכטיגונג פאַר די קרבנות. פון דעם, וואָס דער אָביעקטיווער גאַנג פון לעבן פירט צום סאָציאַליזם, איז אין קיין אופן ניט געדרונגען, אַז מיר זיינען מחויב צו קעמפן דערפאַר. דאָס באַוואוסטזיין, אַז אויף אונזער זייט איז דער אָביעקטיווער גאַנג פון געשיכטליכן פּראָצעס, שטאַרקט געוויס דעם מוט און די ענערגיע און שאַפט אָט די פעסטע זיכערקייט אין קאַמף, וואָס פירט צום נצחון, אָבער דאָך איז קלאָר, אַז דעם עצם תוך, דעם סובסטראַט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איר אינעווייניגסטן זין און וועזן מוז מען זוכן אין אַ גאַנץ אַנדערן פלאַך, ניט אין דער ספערע פון אָביעקטיווער נויטווענדיגקייט, נאָר טאַקע אויסשליסליך אין דעם שטרעבן צו פאַרווירקליכן אין דער מענטשליכער געזעלשאַפט דאָס סובּיעקטיוו־געוואונשענע. דאָס אָביעקטיוו־נויטווענדיגע קאָן זיין בלויז דער רעזולטאַט, דער פועל־יוצא פון דער באַ־

ווענונג, אָבער איר נשמה, איר לעבנסנערוו איז דאָס סוביעקטיוו־גע־וואונשענע, דער אידעאַל, אַלס אַ גאַנץ באַזונדער, זעלבסטשטענ־דיגער „יש“.

מיר זעהען בכן, וואָס פאַר אַ צענטראַל אָרט דער אידעאַל פאַרנעמט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און דעריבער וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג, וואָס פאַר אַ אויסשליסליכע וויכטיגקייט ס׳האָט פאַר אונז די פּראָבלעם פון אידעאַל, די פראַגן וועגן זיין באַגרינדונג און באַלייכטונג. און ווען דער מאַרקסיזם מיידט אויס די דאָזיגע גרונד־פראַגן, איגנאָרירט זיי אינגאַנצן, איז דאָס געוויס דער סאַמע שוואַכסטער פונקט פון זיין סאָציאַלער פילאָזאָפיע. אָבער, ווען איר פאַרטיפט זיך אין דער מאַרקסיסטישער תורה, ווען איר דרינגט אַריין אין איר תוך, דערפילט איר באַשיימפערליך, אַז אויב דער היסטאָרישער מאַטעריאַ־ליזם האָט ניט געגעבן די קלאָרע און באַוואוסטזיניגע פאָרמולירונג און באַגרינדונג פון אידעאַל, ליגן דאָך אין אים באַהאַלטן, אַזוי צו זאָגן, אין פּאָטענציעלן צושטאַנד, די אַלע יסודות און עלעמענטן פון אַזאַ באַגרינדונג און פאָרמולירונג. די שעפער פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם האָט זיך איינגעגעבן, אַדאַנק דער געניאַלער אינטואיציע, אַרומנעמען אַזוינע ספערן, וואָס זיי האָבן איינגנטליך ניט געהאַט אין זינען, פון וואָס זיי האָבן זיך זעלבסט אפשר ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן דין וחשבון.

דער טיפער תהום צווישן דעם מאָדערנעם און אוטאָפּישן סאָציאַליזם ליגט ניט נאָר אין דער טעאָריע און דער פּראַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ניט נאָר אין דעם, ווי אַזוי מ׳באַנעמט דאָס געזעלשאַפטליכע לעבן און דעם געשיכטליכן פּראָצעס, נאָר אויך אין דעם, ווי אַזוי מ׳באַגרייפט דעם מהות פון אידעאַל, זיין כאַראַקטער און זיין וועזן. דער מאָדערנער סאָציאַ־ליזם, אין אונטערשייד פון אוטאָפּישן, האָט אין יסוד פון אידעאַל אַוועק־געלייגט ניט דעם עטישן פּרינציפּ, נאָר אַ גאַנץ אַנדערן מאָמענט — דעם מאָמענט פון אוניווערסאַלער מענטשליכער אַנטוויקלונג. סוף כל סוף דאַרף מען זוכן דעם הויפּט־יסוד, דעם עצם זין פון געזעלשאַפטליכן לעבן, ניט אין עטישן מאָמענט. ווי אַזוי איר זאָלט די עטיק ניט באַגרינדן און אויסטייטשן, וואו איר זאָלט ניט זוכן איר שרש, אויפן הימל אָדער אויף דער ערד, — דאָס אָבער

מוזט איר אומבאַדינגט אָנערקענען, אַז ניט זי בילדעט די סבה און ניט זי קאָן זיין דער תכלית פון דער געזעלשאַפט. נאָך איידער איר טרעט צו צו באַגרייפן דעם מהות פון דער עטיק, האָט איר שוין פאַר זיך פאַראויס די געזעלשאַפט, איר סבה און איר תכלית, ווי אַן אַ־פּריאָרי געגעבענע קאַטעגאָריע. און נאָר אויפן גרונד פון אָט דעם אַ־פּריאָרי קאָן די עטיק באַנומען ווערן, קאָן געגעבן ווערן איר באַגרינדונג און באַלייכטונג. ניט דערפאַר האָט זיך געבילדעט די געזעלשאַפט, ניט צוליב דעם עקסיסטירט זי, כּדי צו פאַרווירקליכן אין געזעלשאַפטליכן לעבן דעם עטישן פּרינציפּ, דעם אידעאַל פון צווישן־מענטשליכע באַציהונגען, נאָר, פאַרקערט, ווייל פאַרן מענטשן שטייען געוויסע צילן און אויפגאַבן, וואָס ס'איז מעגליך צו פאַרווירקליכן נאָר אין געמיינזאַמען קאָלעקטיוון שאַפן, האָט זיך גע־מוזט אויסבילדן די געזעלשאַפט, און כּדי די געזעלשאַפט זאָל קאָנען עקסיסטירן און אַנטוויקלען זיך, מוז דאָס געזעלשאַפטליכע לעבן, די צווישן־מענטשליכע באַציהונגען רעגולירט ווערן דורך דעם עטישן פּרינ־ציפּ. הייסט עס, ניט די געזעלשאַפט צוליב דעם עטישן מאָמענט, נאָר דער עטישער מאָמענט צוליב דער געזעלשאַפט.

און ווען איר שטעלט זיך די פראַגע: וואָס פאַרט פאַר אַ צילן און אויפגאַבן, וואָס קאָנען פאַרווירקליכט ווערן נאָר אין געמיינזאַמען, קאָלעק־טיוון שאַפן, צווינגען דעם מענטשן פאַראייניגן זיך אין אַ געזעלשאַפט — אין וואָס, הייסט עס, באַשטייט דער הויפּט־יסוד, דער עצם פון געזעל־שאַפטליכן לעבן, — געפינט איר קיין אַנדער ענטפער ניט, ווי דאָס ביבלישע: „מלאו את הארץ וכבשוה“. באַ־הערשן די נאַטור, באַהערשן די וועלט — דאָס איז דער אוניווערסאַלער ציל, וואָס שטייט פאַרן מענטשן פון ערשטן מאָמענט אָן, זינט ער האָט זיך דערהויבן ביז צו דער מדרגה פון מענטש, און וועט אייביג בלייבן שטיין פאַר אים. דאָס אַקעגנשטעלן זיך דער גאַנצער נאַטור, דעם קאָסמאָס, דאָס שטרעבן צו אַלמעכטיגקייט, צו דער איבערהערשאַפט איבער דער וועלט — דאָס איז דער תוך פון דער מענטשהייט, איר העכערער זין און באַרוף.

די דאָזיגע אוניווערסאַלע שטרעבונג האָט אירע טיפע וואָרצלען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם יחיד, אין עצם מקור פון זיין לעבנס־אינסטינקט. דאָס שטרעבן צו לעבן, דער קאַמף פאַר

עקסיסטענץ, וואָס בילדעט דעם גרונד־אינסטינקט פון יעדער לעבעדיגער
באַשעפעניש, האָט געפונען נאָך אויף די ערשטע שטאַפּלען פון אָר־
גאַנישן לעבן זיין דערגענצונג אין דער שטרעבונג צו קיום המין.
אין אייביגן קיום פון מין איז דער אינדיוויד גובר די באַגרעניצ־
קייט און צייטווייליגקייט פון זיין יחידישער עקסיסטענץ.
אין די יוצאי־חלציו, וועמען ער גיט איבער אַ טייל פון זיין „איך", איז
ער ממשיך זיין אייגענעם קיום. און דערפאַר פאַרמאָגט דער גע־
שלעכטס־אינסטינקט, וואָס איז אייגנטליך אַ טייל פון
פאַרברייטערטן לעבנס־אינסטינקט, אַזאַ געוואַל־
דיגע מאַכט און שפּילט אַזאַ אויסשליסליכע ראָלע אין לעבן פון אינדיוויד.

נאָר דאָס אָרגאַנישע לעבן, ביזן אַנטשטייען פון דעם
מענטשן, שעפּט זיך כמעט אינגאַנצן אויס אין די ביאָלאָגישע פּראָ־
צעסן, ובכן, קאָן אויך דער לעבנס־אינסטינקט דאָרט ניט אַרויס ווייטער
פון די ביאָלאָגישע ראַמען. אָבער מיטן אויפקומען און אַנטוויקלונג פון
דעם מענטשן, מיט דער אַנטוויקלונג פון פּסיכישן לעבן הויבן אָן
די פּסיכישע פּראָצעסן און פאַקטאָרן שפּילן וואָס ווייטער אַלץ
אַ גרעסערע ראָלע אין לעבנס־אינסטינקט, ערפילנדיג די העכסטע און
אַנטשיידנסטע פונקציע זיינע. די פּסיכישע מאָמענטן, וואָס זיינען,
לויט זייער עצם, ניט קיין רוימליכע און צייטליכע
קאַטעגאָריעס, זיינען מער ווי אַלע אַנדערע מסוגל צו ערפילן
אָט די דאָזיגע הויפּט־פונקציע פון פאַרברייטערטן לעבנס־אינסטינקט —
גובר צו זיין די רוימליכקייט און צייט־
ליכקייט פון אינדיווידועלן קיום. און ס'איז
גענוג בלויז אויבערפלעכליך איבערבלעטערן די אַנטוויקלונגס־געשיכטע
פון מענטשליכן גייסט, פון זיינע אומאויפהערליכע ליידנשאַפטליכע רע־
ליגיעזע זוכענישן, כדי פאַר אייך זאָל שאַרף און בולט אַרויסטרעטן דער
קלאָרער אמת, אַז ביי דעם מענטשן, ביי דער אַנטוויקלסטער און קאָמ־
פּליצירטער באַשעפעניש, ביי דער קרוין פון דער נאַטור, איז דאָס
רייסן זיך צו אייביגקייט, דאָס סטיכישע שטרעבן באַהערשן, איבערווינדן
די אייגענע באַגרעניצקייט — דער תוך־תוכה פון גאַנצן
וועזן, דער יסוד פון אַלע יסודות. און דער מענטשליכער אינ־
דיוויד זוכט ניט נאָר זיין ביאָלאָגישן המשך אין לעבן פון די
קינפטיגע דורות, נאָר איבערהויפּט — זיין פּסיכישע „השארת־

הנפש״ אין די שאַפונגען פון זיין גייסט. דער לעבנס־אינ־
סטינקט באַקומט דאָ זיין דערגענצונג ניט נאָר אין קיום־המין,
נאָר איבערהויפּט — אין קיום פון דער קולטור, אין די
קאָלעקטיווע פּאַרקערפּערטע שאַפונגען פון מענטשלעכן גייסט. אין די
דאָזיגע שאַפונגען, אין דער קולטורעלער ירושה, וואָס דער מענטש לאָזט
נאָך זיך איבער, געפינט זיין אינדיווידועלער „איך״ די שאַרפסטע און
בולטסטע פּאַרקערפּערונג. דערפאַר פאָדערן תמיד די שאַפונגס־
פּראָצעסן, ניט נאָר די פיזיאָלאָגישע, נאָר איבערהויפּט — די
פּסיכישע די העכסטע קאָנצענטרירטע אָנשטריינ־
גונג, דערפאַר פאַרמאָגן זיי אַזאַ סודות־פולע הערליכקייט. די מאָ־
מענטן, ווען דער אינדיוויד קומט אין באַרירונג מיט דער אייביקייט,
ווען ער רייסט איבער דעם קרייז פון אינדיווידועלער באַגרעניצקייט און
טרעט אַריין אין דער ספערע פון איין־סוף, — אַזוינע מאָמענטן פון
העכסטן איבערווינדן זיך זעלבסט מוזן זיין
וואונדערליך־דערהויבן, אומבאַגרייפליך און סודות־פול.

די שטרעבונג פון מענטשן באַהערשן די נאַטור, פאַרשפּרייטן די
ממשלה פון זיין גייסט איבער דער וועלט, איז אין תוך אַריין אַ שטרע־
בונג גובר צו זיין די באַגרעניצקייט פון
אינדיווידועלן קיום, אַ שטרעבונג צו אייביג־
קייט, צו גייסטיגער „השארת הנפש״. איבער־
אַרבעטן די נאַטור אין פורעם פון מענטשנס גייסט הייסט שאַפן זי
פון דאָס ניי בצלמו ובדמותו, הייסט צו־
נויפגיסן זיך, באַהעפטן זיך מיט איר און
אויף אייביג בלייבן אין איר לעבן, און
אָט אָ די גראַנדיעזע אויפגאַבע, אָט דער טי־
טאַנישער ציל צווינגט די מענטשן פאַראייניגן
זיך אין אַ געזעלשאַפט, דאָס שטויסט זיי צו גע־
מיינזאַמען, קאָלעקטיוון לעבן און שאַפן.

נאָר ווי אַזוי איר זאָלט די דאָזיגע אַלגעמיינע שטרעבונג, דעם אוני־
ווערסאַלן ציל פון דער מענטשהייט ניט באַגרינדן: רעאַליסטיש, מע־
טאַפיזיש, אָדער גאָר מיסטיש, אַליין לויט אייער אַלגעמיינער פילאָזאָפי־
שער וועלט־אָנשויאונג, אָבער קיינער פון אייך קאָן ניט צוויפלען אין
עצם־פאַקט, קאָן ניט לייקענען, אַז עס איז אַזוי, אַז

אַזוי איז פאַקטיש די מענטשהייט, לויט איר היסטאָרישער התגלות און לויט אונזער באַנעמען איר תוך און וועזן. איבער דער גאַנצער לייַג פון דער געשיכטע, איבער דער גאַנצער ברייט פון דער מענטשליכער פאַרשפרייטונג, זעהען מיר איינס און דאָס זעלבע: *די גרעסטע כוחות=אָנשטרענגונג פון דער מענטשליכער געזעלשאַפט אין קאַמף מיט דער נאַטור פאַר הערשאַפט*. דער יחיד, ווי דער כלל, די גאַנצע מענטשהייט אין איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג טרעטן *פאַקטיש* אַרויס אַלס *מיטלען* צוליב דעם דאָזיגן *הויפט=ציל*. אינסטינקטיוו, ניט אָפגעבנדיג זיך זעלבסט קיין דין וחשבון, ווי געטריבן פון אַ געהיימניספולער נאַטור=געוואַלדיגער קראַפט, געבן זיי זיך איבער אין רשות פון אָט דעם „קאַטעגאָרישן אימפעראַטיוו“, וואָס באַהערשט זייער גאַנצן וועזן און גיט זיי דעם זין פון לעבן און דעם זכות הקיום. אַ דור נאָך אַ דור, דער זינקט אין תהום פון דער געשיכטע, דער אַנדערער קומט אויף, און יעדער איינער גיט איבער דעם צווייטן די אָנגעזאַמלטע ירושה, די דערוואָרבענע פאָזיציעס און דעם גרויסן געבאָט: פירן ווייטער דעם שווערן האַרטנעקיגן קאַמף, ציהען ווייטער די אומענדליכע גאָלדענע קייט, כדי באַרעכטיגן דעם קיום פון דעם אָנגעקומענעם און געבן אַ זין דעם פאַרשוואונדענעם. און אַזוי כסדר, טויזנטער=טויזנטער דורות נאָכאַנאַנד, אָהן אויפהער. און איר פילט אינטואיטיוו, איר פילט מיט אַלע חושים, אַז דאָס איז ניט בלויז אַ *פאַקט*, אַ *הוילע נויטווענדיגקייט*, נאָר אויך אַ *נאָרם*, אַ *אידעאַל*. און ווידער אַמאָל, זאָלן קומען די פילאָזאָפן און זאָל יעדער אויף זיין שטייגער אויסטייטשן, באַרעכטיגן און באַגרינדן די נאָרם, דעם אידעאַל, אָבער קיינער פון זיי קאָן ניט פאַרלייקענען די עצם מציאות פון אָט דער נאָרם, פון אָט דעם אידעאַל, קיינער קאָן ניט צווייפלען אין דעם, אַז דאָ אַנטפלעקט זיך פאַר אונז דער העכסטער זין און באַרוף פון דער מענטשהייט, אַז אַנדערש קאָנען מיר ניט באַגרייפן דאָס געזעלשאַפטליכע לעבן.

פון אַלע סאָציאָלאָגישע סיסטעמעס האָט דער *היסטאָרישער מאַטעריאַליזם*, וואָס שטעלט אַרויס, אַלס הויפט=יסוד פון געשיכטליכן פראָצעס, דעם וואוקס פון די פראָדוקטיווע קרעפטן, ניט אין אַן ערך טיפער אַריינגעדרונגען אין תוך פון אָט דעם פראָצעס, ניט אין אַן ערך גרינדליכער באַנומען דעם מהות פון געזעלשאַפטליכן לעבן. ווארום וואָס

אַזוינס שטעלן מיט זיך פאָר די פּראָדוקטיווע קרעפטן, אויב ניט דאָס געווער אין דער האַנט פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט אין איר קאַמף מיט דער נאַטור פאַר דער איבערמאַכט, אויב ניט די פאַרקערפּערונג פון דער מענטשליכער הערשאַפט איבער דער נאַטור? און דערפאַר בילדן זיי, אָט די פּראָדוקטיווע קרעפטן, וואָס האַלטן אין איין וואַקסן אימאַנענט, פון זיך זעלבסט, דעם יסוד, דעם באַזיס פון געזעלשאַפטליכן לעבן, זיי מאַכן אונטערטעניג צו זיך דעם גאַנצן סאָציאַלן סדר, זיי פּאַסן צו זיך צו די עקאָנאָמישע סטרוקטור, די ווירטשאַפטליכע באַציהונגען, די פּאָליטישע פאָרמען, ווי אויך דאָס גייסטיגע לעבן פון דער געזעלשאַפט. אַלץ מוז זיי דינען, אַלץ און אַלעם צווינגען זיי זיך אונטערוואַרפן זייער איבערהערשאַפט. יעדע קאָנקרעטע סאָציאַלע אָרדענונג קאָן עקסיסטירן נאָר אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זי שאַפט פרייע מעגליכקייטן פאַרן וואוקס און אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער געזעלשאַפט, און ווי נאָר זי הערט אויף צו ערפילן די הויפּט-פונקציע אירע, אָט די גרונד-אויפגאַבע, צוליב וואָס זי איז אויף דער וועלט געקומען, ווערט זי אָן איר זכות הקיום, מוז זי פאַרשווינדן און אָפּטרעטן איר אָרט די נייע סאָציאַלע פאָרמען, וואָס נעמען איבער אויף זיך די דאָזיגע געזעלשאַפטליכע מיסיע.

און דאָ גיסן זיך צוזאַמען אין אַ האַרמאָנישער איינהייט, אין איין אוניווערסאַלן סינטעז דער פאַקט און די נאָרם, די אָביעקטיווע נויטווענדיגקייט און דער סוביעקטיווער ווונש, דער „מוז“ און דער אידעאַל, דאָס, וואָס *וועט* זיין, און דאָס, וואָס *זאָל* זיין. די אַלטע סאָציאַלע אָרדענונג, וואָס קאָן ניט ביישטיין דעם מעכטיגן, שטיכישן דראַנג פון די נייע אויסגעוואַקסענע פּראָדוקטיווע קרעפטן און מוז אונטערגיין, פאַרלירט גלייכצייטיג אויך איר *מאָראַלן* ווערט, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ אָפּגעלעבטן רעאַקציאָנערן כח, וואָס דאַרף באַזייטיגט ווערן, כדי אָפּרימען דעם וועג פאַר דער ווייטערדיגער מענטשליכער אַנטוויקלונג. און פאַרקערט, די נייע סאָציאַלע פאָרמען, וואָס *מוזן* מנצח זיין אין קאַמף מיטן אַלטן סדר, ווייל זיי שאַפן דעם באָדן, דעם פרייען פלאַץ פאַרן וואוקס פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, ווערן דורך דעם גופא פאַרוואַנדלט אין אַ *אידעאַל*, צו וואָס עס שטרעבן, פאַר וואָס עס קעמפן די בעסטע און די שענסטע, די, וואָס פאַרקערפּערן אין זיך די טענדענץ פון דער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג.

יעדע עפּאָכע האָט זיך איר געזעלשאַפטליכן אידעאַל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די קאָנקרעטע התגלות, די געשיכטליכע פאַרקערפּערונג פון דער אוניווערסאַלער מענטשליכער שטרעבונג צו דער איבערהערשאַפט איבער דער וועלט. פון איר, פון אָט דער אוניווערסאַלער מענטש־ליכער שטרעבונג, באַקומט יעדער קאָנקרעטער געזעלשאַפטליכער אי־דעאַל זיין העכערן זין און מאָראַלע סאַנקציע, און אויך דורך איר פאַר־לירט ער זיין זכות הקיום, ווען ער לעבט אָפּ זיין צייט און הערט אויף צו׳ ערפילן זיין געזעלשאַפטליכע פונקציע. געווען, למשל, אַ צייט, ווען דער אינסטיטוט פון קנעכטשאַפט, וואָס מיר האַלטן פאַר אַ ווילדן באַרבאַריזם, איז געווען אַ פּראָגרעסיווע ערשיינונג, ווייל ער האָט דאַן מיטגעהאָלפן דעם וואוקס פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, און דעמאָלט האָבן די גרעסטע מאָראַליסטן ניט געקאָנט פאָרשטעלן זיך די מענטש־ליכע געזעלשאַפט אָהן קנעכטשאַפט. אָדער נעמט די נאָהענטסטע צו אונז געשיכטליכע עפּאָכע, ווען די גרויסע אָנזאָגערס פון דער בורזשואַזער אָרדענונג האָבן צוגעגרייט דעם אידעאָלאָגישן באָדן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט: זיינען דען דאָס ניט געווען אונזערע בעסטע און שענסטע, ממש די סלת פון דער מענטשהייט? האָבן דען דעמאָלט די הויפּט־יסודות פון דער בורזשואַזער אָרדענונג, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין דער באַרימטער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט, ווי אויך די אומבאַגרעניצטע הערשאַפט פון פּריוואַט־אייגנטום־פּרינציפּ מיטן באַקאַנטן laissez fair, laissez posser, וואָס האָבן באַשאַפן אַזאַ ברייטן און פרייען פּלאַץ פאַרן קאָלאָסאַלן וואוקס פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, ניט פאָרגעשטעלט מיט זיך ווירק־ליך די אידעאַלסטע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכן לעבן? און אויף וויפיל זיי האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלעבט, אויף וויפיל זיי ערפילן נאָך מיט ערפאָלג זייער הויפּט־פונקציע צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט אין קאַמף מיט דער נאַטור פאַר דער איבערהערשאַפט, און ביז וואַנען די אַלע אַנדערע געזעלשאַפטליכע פאָרמען זיינען נאָך ניט בכח איבער־נעמען אויף זיך די דאָזיגע אָרגאַניזירנדיגע פונקציע פון דער געזעל־שאַפט, האָבן זיי דעם זכות־הקיום ניט פאַרלוירן, ניט נאָר אַלס מוז־זאַך, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער קראַפט, וואָס זאָל זיי אונטער־ברעכן און זאָל זיי קאָנען פאַרבייטן, נאָר זיי זיינען אויך באַרעכטיגט

אין אידעאַל, ווי טראָגן אין זיך די העכסטע מאָראַלע סאַנקציע.

און דאָ ליגט דער טיפער אונטערשייד, דער אידעאָלאָגישער תהום צווישן מאָדערנעם סאָציאַליזם און אַלע אַנדערע לייזונגען פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָבלעם, וואָס באַזירן אויפן ריין-עטישן מאָמענט. אַרויסגייענדיג פון ריין-עטישן פּרינציפּ איז, למשל, די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט פון די גלילער פישערס ניט אין אַן ערך העכער און אידעאַלער איידער די סאָציאַליסטישע ציוויליזאַציע. און טאָלסטאָי איז געווים געוועזן דורכאויס אויסגעהאַלטן, לאָגיש און פּסיכאָלאָגיש, ווען אין נאָמען פון זיין ריין-עטישן אידעאַל האָט ער אַזוי ליידנשאַפטליך געקעמפט קעגן דער מאָדערנער ציוויליזאַציע און פאַר די פּרימיטיווע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכן לעבן. אויב דער עטישער מאָמענט איז אַלץ, און די מאָדערנע ציוויליזאַציע, אַליין און פאַר זיך גענומען, איז גאָרנישט, דעמאָלט איז דאָס נאַטירליכע דאָרפישע לעבן, וואו די באַדערפענישן זיינען מינימאַלע און די שליטה פון יצר-הרע איז דעריבער קליין און באַגרעניצט, ניט אין אַן ערך מער צוגעפּאַסט צו דער אידילע פון אַ צדיקים- און נזירים- געזעלשאַפט, איידער דאָס מאָדערנע פּילפאַכע און פּילפאַרביגע, פאַרוויקלטע און קאָמפּליצירטע רוישנדיגע לעבן, וואו די באַדערפענישן און דער יוצר פון מענטשן האַלטן אין איין וואַקסן. דער מאָדערנער סאָציאַליזם אָבער וואַרפט קאַטעגאָריש אָפּ דעם דאָזיגן אידעאַל פון אַ צדיקים- און נזירים-געזעלשאַפט, וואָס איז דורכאויס מאַכטלאָז אין קאַמף מיט דער נאַטור, ביי וועמען זי איז אינגאַנצן פאַרקנעכטעט. זיין אידעאַל איז — די אומבאַגרעניצטע הערשאַפט פון מענטשן, פון מענטשליכער געזעלשאַפט איבער דער נאַטור, זיין אידעאַל איז— די אומבאַגרעניצטע רייכקייט, זאַפטיגקייט, פּילפאַכקייט און פּילפאַרביגקייט פון לעבן.

און אין דעם זין איז דער מאָדערנער סאָציאַליזם זעהר נאָהענט צו דער ניטשעאַנישער אידעאָלאָגישער שטרעמונג, הגם ניטשע זעלבסט האָט דעם סאָציאַליזם געהאַלטן פאַר זיין ערגסטן שונא, פאַרן קעגנזעצליכן פּאָלוס פון זיין אידעאָלאָגיע. ווען מ׳זאָל ניטשעס אידייען וועגן „איבערמענטש" מיט זיין לעבנס-לוסט און דורשט צו מאַכט און הערשאַפט

אַריבערטראָגן פון דער אינדיווידואַליסטישער אין דער גע־זעלשאַפטליכער ספערע, — וועלן מיר באַקומען די שאַרפסטע און בולטסטע כאַראַקטעריסטיק פון מאָדערנעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. גאַנץ ריכטיג האָט, דוכט זיך, אַמאָל אחד־העם באַמערקט, אַז פון דער אידייע פון „איבער־מענטש“ ביז דער אידייע פון „איבער־געזעלשאַפט“ איז גאָר ניט קיין ווייטער מהלך, און אַז דער עצם פון סאָציאַליסטישן אידעאַל איז טאַקע די „איבער־געזעלשאַפט“ — דערינען קאָן ניט צווייפלען קיינער, ווער ס'האָט נאָר אַריינגעדרונגען אין תוך פון מאָדער־נעם סאָציאַליזם. ווען מיר זאָלן וועלן אין איין פראַזע איבערגעבן דעם תמצית פון מאָדערנעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, וואָלטן מיר געזאָגט, באַנוצנדיג זיך מיט ניטשעס אַפאָריזם, נאָר אַביסל איבערגעאַנדערשט: „די מענטשהייט איז עטוואָס אַזוינס, וואָס מוז אַריבערגעשטייגט ווערן“. און אין יעדער עפּאָכע זיינען נאָר יענע געזעלשאַפטליכע פאָרמען די געוואונשענע, די אידעאַלע, וואָס פירן צו דער „זעלבסט־אַריבערשטייגונג“ פון דער מענטשהייט, וואָס זיינען בכח אויפהויבן זי אויף אַ העכערער מדרגה, וואָס פאַרגרעסערן איר מאַכט, פאַרשטאַרקן איר הערשאַפט איבער דער וועלט.

פון די קורצע און אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן פאָרמעלן מהות פון סאָציאַליסטישן אידעאַל וועלן מיר אַצינד אַריבערגיין צו באַטראַכטן אייניגע פּראָבלעמעס פון סאָציאַליזם אין תוך אַריין.

## IV

## וועגן דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און דעם נייעם מענטשן

די בורזשואַזע אָרדענונג האָט מיט איר אַנטשטייען באַפרייט אומ־געהויער מעכטיגע סאָציאַלע כוחות, זיי אויפגעוועקט, אינטענסיפיצירט, געשטויסן צום אַקטיוון בויען און שאַפן, אָרגאַניזירט און קאָנצענטרירט זיי צום קאַמף מיט דער נאַטור. זי האָט צעשטערט די פילפאַכע צוימען און קייטן פון דעם אָפּגעלעבטן פעאָדאַלן סדר, וואָס האָבן אויף יעדן טריט און שריט געבונדן דאָס לעבן, געפּענטעט די קרעפטן און געליימט די ענערגיע. זי האָט אַרויסגערוקט אויף דער סאָציאַלער פאָדער־סצענע אַ נייעם פרישן און מונטערן, פול מיט ברויזנדיגער ענערגיע קלאַס, וואָס האָט ווירקליך געבילדעט די הייוון פון דער געזעלשאַפטליכער אַנטוויק־

לונג. פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע פרייהייט און גלייכהייט, פרייהייט פאַר אַרבעט, אויס צוואַנג־ און שקלאַפן־אַרבעט, אויס שטאַנד־באַגרעני־צונגען און יחוס־פּריווילעגיעס, די וועלט איז אָפן פאַר יעדן, גיי, נעם זי איין, — דאָס איז דער רײַכער געזעלשאַפטליכער נדן און אויסשטייער, וואָס די יונגע בורזשואַזיע האָט ביים אויפטרעטן אויף דער סאָציאַלער אַרענע מיט זיך מיטגעבראַכט און וואָס האָט ווירקליך דאָס לעבן וואונדערליך באַפרוכפּערט און געפירט צום גלענצנדיקן טריאומף פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן.

די בורזשואַזיע האָט מיט זיך אויך מיטגעבראַכט אַ נייע אידעאָלאָגיע, זי האָט אַריינגעגאָסן אין דער געזעלשאַפט אַ נייעם שטראָם פון פסיכישע איבערלעבונגען, נייגונגען, געוויינהייטן און צופּאַסונגס־פייהיקייטן. דאָס האָט אָבער ניט באַטייט קיין *איבערברוך*, קיין ראַדיקאַלן *אָפּגאַנג* פון די *גרונד־יסודות*, אויף וואָס ס'האָט באַזירט די געזעלשאַפטליכע פסיכאָלאָגיע, וואָס האָט ביז דעמאָלט געהערשט. פאַרקערט, זי האָט נאָר שאַרפער און אויסדריקליכער איידער פריהער געווענדט זיך צו די סאַמע אַלגעמיינע, עלעמענטאַרע, פּרימיטיווע אינסטינקטן, וואָס מ'בּרויכט זיי נאָר ניט וועקן, זיי זיינען פון זיך זעלבסט תמיד וואַך, און קולטיווירן זיי, אויפבלאָזן און אויפרייצן זיי איז תמיד זעהר לייכט. זי האָט גערעדט צום פאַשקלאַפטן פויער אין נאָמען פון עלעמענטאַרסטער פרייהייט, וואָס איז אַזוי איינפאַך קלאָר און פאַרשטענדליך פאַר יעדן און וועקט אויף ביי אים דעם פשוטסטן און פרימיטיווסטן מענטשליכן געפיל. זי האָט זיך געווענדט צו זיינע טיף איינגעוואָרצלטע אינדיווידואַליסטישע, אייגנטימערישע אינסטינקטן און געזאָגט: דער פרעמדער יאָך, וואָס שטיקט דיך, וואָס זויגט אויס דעם מאַרך פון דיינע ביינער, אָט דער, כלומרשט, אַדעליגער פריץ, וואָס האַלט דיך זעלבסט פאַר זיין לייב־אייגנטום און באַהאַנדלט דיך ווי אַ שקלאַף, קער זיך כלל וכלל ניט אָן ניט מיט דיר און ניט מיט דיין ווירטשאַפט, ער רויבט נאָר ביי דיר די פּראָדוקטן פון דיין פראַצע און שטערט דיר אין דיין אַרבעט, וואַרף אים אַרונטער, אָט דעם פרעמדן און בייזן יאָך, און דו ביסט פריי, דו זעלבסט ווערסט דער איינציגער בעל־הבית איבער זיך און דיין אייגנטום — דיין ערד און אַרבעטס־קראַפט, און קאָנסט מיט דעם טון, וואָס נאָר דיין האַרץ גלוסט. מיר ווייסן, די בורזשואַזיע האָט עס געפריידיגט ניט לשם שמים, ניט אויס בלויזן יושר און געפיל פון גערעכטיגקייט, דורך

אַט דעם האָט זי געזאָלט פרייע אַרבעטס־הענט פאַר זיך שאַפן, אָבער פאַרן שקלאַף האָט דער דאָזיגער עלעמענטאַרער פרייהייטס־רוף געדאַרפט קלינגען ווי אַ שופר של משיח און אַרויסרופן בײַ אים דעם לעבּ־האַפטיגסטן אָפּקלאַנג. מ׳האָט אָנגעטאַפּט דעם צאַפּלדיגן דופק, און ס׳איז ניט קיין וואונדער, וואָס מ׳האָט דערפילט בחוש דאָס קלאַפּן פון האַרצן. דאָס זעלבע מיט איר אוניווערסאַלן הויפּט־לאָזונג: enriches-sez vous (ווערט רייך !). האָט זי דען ניט געטראָפן אין סאַמע פּינטל פון די עגאָאיסטישע, אינדיווידואַליסטישע אינסטינקטן, וואָס דאָס האַרץ איז מיט זיי אָנגעפילט ביז אַריבער די ברעגן? ווען מ׳שטעלט זיך אַזוינע דיינקבאַרע אויפגאַבן, ווי אויפרייצן די אייגנטימערישע תאוות און ליידנ־שאַפטן, אַרויסרופן דאָס עכצן און לעכצן נאָך רייכטום, נאָך מאַכט פון געלט, איז דער פולער נצחון פאָראויס פאַרזיכערט.

דער באָדן פאַר דער געזעלשאַפטליכער פּסיכאָלאָגיע פון דער בור־זשואַזיע איז פאָראויס געווען גוט צוגעגרייט, טיף אויפגעאַקערט און פעט באַמיסטיגט. די בורזשואַזיע האָט געבראַכט אין באַוועגונג אַזעלכע געוואַלדיג־מעכטיגע פּסיכישע הויבלען, וואָס האָבן ממש וואונדער באַוויזן. פאַר דער קורצער צייט פון איר ממשלה האָט די מאַטעריעלע קולטור, די מאַכט פונם מענטשן איבער דער נאַטור אַזאַ ריזן־מהלך דורכגעמאַכט, וואָס שטייגט נאָר ניט אין אַן ערך אַריבער דעם גאַנצן לאַנגען וועג פון דער פריהערדיגער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע בײַם סאָציאַליזם. צווישן דער פּסיכאָלאָגיע פון דער בורזשואַזער און דער סאָציאַליסטי־שער געזעלשאַפט ליגט אַ טיפער תהום. דער סאָציאַליזם פאָדערט ניט נאָר אַ אויסערליכע איבערקערעניש אין סאָציאַלן סדר, אין די סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישע באַציהונגען און פאַרהעלטענישן, אין געזעלשאַפטלי־כער סטרוקטור און לעבנס־שטייגער, נאָר אויך אַ ראַדיקאַלן אי־בערבּרוך אין דעם גאַנצן אינעווייניגסטן פּסי־כישן לעבן, אין דער עצם נשמה פון יעדן יחיד: דעם ארט פון די עלעמענטאַרסטע, ביאָלאָגיש־פּרימיטיווע און דורך לאַנגע דורות פון געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג טיף איינגע־וואָרצלטע, שיעור ניט אין בלוט און פלייש פאַרוואַנדלטע אינדיווי־דואַליסטיש־אייגנטימערישע אינסטינקטן, נייגונגען און באַגריפן דאַרפן פאַרנעמען די דורך און דורך סאָציאַ־

לע, די הונדערט־פּראָצענט־קאָלעקטיוויסטישע, און נאָר זיי דאַרפן דאָס בילדן די טרייב־קראַפט פון לעבן, דעם קוואַל, פון וואַנען דער פּרט, ווי דער כּלל, זאָלן שעפּן דעם אימפּולס פאַר זייער טעטיקייט. דערצו איז אומבאַדינגט מחייב דער עצם מהות פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. ווען אָנשטאָט דער קאַפּיטאַליסטיש־בורזשואַזער ווירטשאַפט, וואו יעדער יחיד פאַרפאָלגט זיינע אייגענע, סעפּאַראַטע, אינדיווידואַליסטישע צילן און אויפגאַבן, וואָס געפינען זיך אָפט אין אַ פולער סתירה מיט די צילן און אויפגאַבן פון די אַנדערע יחידים, ווען אָנשטאָט דעם, טרעט אַרויס די פּלאַנמעסיג־אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטליכע, קאָלעקטיוויסטישע ווירטשאַפט, וואָס האָט אין אויג בלויז די אַלגעמיינע צילן און אויפגאַבן פון גאַנצן כּלל און וואו עס גיסן זיך האַרמאָניש צוזאַמען די איינצלנע שטרעבונגען פון די יחידים, — קאָנט איר עס אַנדערש ניט דיינקען, סיידן האַנט ביי האַנט מיט אָט דעם פּראָצעס קומט פאָר אַן אַנטשפּרעכנדיגע גרינדליכע איבערקערעניש אין דער פּסיכאָלאָגיע, אין דעם ארט פילן און באַנעמען פון די פירער און טיילנעמער פון דער דאָזיגער ווירטשאַפט. און דאָס באַטייט, אַז ניט די אינדיווידואַליסטיש־אייגנטימערישע אינסטינקטן און שטרעבונגען בילדן די טרייב־קראַפט, דעם אימפּולס פאַר דער ווירטשאַפטליכער טעטיגקייט, נאָר דורכאויס די סאָציאַלע, די קאָלעקטיוויסטישע. וואָרום מיר מוזן דאָך דערביי אַרויסגיין פון דעם, אַז ביים קאָלעקטיוויזם טאָר פאַר קיין פאַל ניט געמינדערט ווערן דער אַלגעמיינער סכום כּוחות און ענערגיע, וואָס די מענטשליכע געזעלשאַפט ווענדט אָן אין קאַמף מיט דער נאַטור, ד. ה. עס טאָר ניט אָפּגעשוואַכט און פאַרקלענערט ווערן דער וואוקס פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן. פאַרקערט, אין פאָריגן קאַפּיטל האָבן מיר באַוויזן, אַז דער סאָציאַליזם געפינט זיין הויפּט־באַרעכטיגונג אין דעם, וואָס זיין פאַרווירקליכונג וועט פירן צו דער פאַרברייטערונג און פאַרשטאַרקונג פון דעם מענטשנס הערשאַפט איבער דער נאַטור, צו דער ווייטערדיגער אינטענסיווער און שטייגנדיגער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כּוחות.

אָטאָ דאָ האָבן מיר פאַר זיך די וויכטיגסטע גרונד־פּראָבלעם פון סאָציאַליזם, דעם אבן־הפּנה פון גאַנצן בנין. און טאַקע אָט דעם צענטראַלן פונקט האַלטן די פאַרשיידענע בורזשואַזע קעגנער פון סאָציאַליזם

פאַרן סאַמע שוואַכסטן און נאַטירליך, אַז איבערהויפּט קענען אים ווענדן
זיי אָן זייער אידעאָלאָגישע שווערע אַרט־לעריע. פאַרשטייט זיך, קענען
עצם אידעאַל פון סאָציאַלן יושר, קענען דער שטרעבונג צו פאַרניכטן די
הערשאַפט פון איין קלאַס איבערן צווייטן, די עקספּלאָטאַציע פון די
שוואַכע און אָרימע מצד די שטאַרקע און רייכע איז אייגנטליך שווער
וואָס צו זאָגן, בכל אופן, אָפן אַרויסצוטרעטן קעגן דעם וואַגט קיינער ניט.
פאַרקערט, זיי, די בורזשואַזע אידעאָלאָגן, זיינען גרייט צען מאָל אַ
טאָג זינגען שירה דעם דאָזיגן אידעאַל פון סאָציאַלן יושר און גלייכ=
הייט, אַזוינע לויב=געזאַנגען זשאַלעווען זיי ניט, ווארום, אויב איר ווילט,
עטיק, מאָראַל — „לאָזט מיך“,וואָרום ווער, אויב ניט זיי, זיינען דאָס די
אמתע, די כשרע אייניקלאַך פון ישעיהו הנביא און יהושע הנוצרי...
נאָר במה דברים אמורים, ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן — אין אידעאַל פון
ימות=המשיח, אין פאַנטאַסטישן חלום, אין טרוים פון באחרית=הימים.
דאַן — פאַרוואָס ניט, אדרבה, דאָס איז דאָך אייך סוף כל סוף צו גאָר
נישט מחייב, אַזאַ ראָמאַנטישער טרוים פאַרשיינערט אייך נאָר דאָס לעבן,
וואָס איז דאָך אָהן דעם צייטנווייז אַזוי טעמפּ און זינלאָז... אָבער
*פשוט סאָציאַליזם, ווי אַ קאָנקרעטע פּראָבלעם*
*פון אונזער טאָג=טעגליכן מאָדערנעם לעבן און*
*קאַמף* — דאָס איז דאָך אַזאַ ווילדע און שעדליכע אוטאָפּיע, וואָס
נאָר בלינדע פאַנטאַזיאָרן קאָנען פון דעם ערנסט ריידן. אויב נאָר איר
שוועבט ניט אין די עולמות העליונים, ערגעץ אין די ווייטע הימלען, נאָר
שטייט מיט די פיס אויף דער האַרטער ערד, מוזט איר איינזעהן
בחוש, וואָס פאַר אַ אומגעלומפּערטער אומזין עס איז צו דיינקען, אַז
דער דורכשניטליכער מענטש איז בכח, ניט אין אויסנאַם=פאַלן, אין מאָ=
מענטן פון באַזונדערער נשמה=התעוררות און גייסטיגער אָנשטריינגונג,
נאָר אין זיין טאָג=טעגליכן לעבן דערשטיקן אין זיך די עגאָאיסטישע, אינ=
דיווידואַליסטיש=אייגנטימערישע אינסטינקטן און נייגונגען, וואָס פילן אָן
זיין גאַנץ וועזן, וואָס בילדן די איינציגע טרייב=קראַפט, און געבן דעם
הויפּט=אימפּולס פאַר זיין טעטיגקייט. און זאָל עס זיך אייך יאָ איינ=
געבן, ד. ה. זאָל זיך אייך איינגעבן צו שאַפן קינסטליך אַזאַ סאָציאַלע
סביבה, אַזוינעווירטשאַפטליכע באַדינגונגען, וואו די דאָזיגע אינסטינקטן
און נייגונגען וועלן מוזן פאַרבלייבן אין אַ געליימטן צושטאַנד, ניט האָבנ=
דיג קיין מעגליכקייט אַרויס מכח אל הפועל, דעמאָלט וועט עס הייסן,

אַז איר האָט בײַ דער געזעלשאַפט צוגענומען ניט מער און ניט ווייניקער, ווי די נ ש מ ה אירע, די אינעווייניקסטע קראַפט, וואָס באַלעבט און באַוועגט זי, און זי פאַרוואַנדלט אין אַ וויסטן בית־עולם.

און אויב ביז איצט האָט נאָך ווער געקאָנט דרינען צווייפלען, איז עס אָבער לחלוטין אויסגעשלאָסן אַצינד, נאָכן רוסלענדישן עקספּערי־מענט, נאָך אָט דער לעבעדיקער, גלענצנדיקער אילוסטראַציע, וואָס איז אַזוי ווי ספּעציעל צוליב דעם באַשאַפן געוואָרן, כדי אויף די סאַמע איבערצייגנדיקע, שרייענדיקע פאַקטן פון לעבן דעמאָנסטרירן דעם פשוטן און קלאָרן אמת.

וואָס אייגנטליך שטעלט מיט זיך פאָר דער רוסלענדער עקספּע־רימענט ?

מ׳האָט באַשאַפן אַזאַ סאָציאַלע סביבה, אַזעלכע קינסטליכע באַ־דינגונגען, וואו צענדליגער מיליאָנען מענטשן זיינען געצוואונגען געוואָרן דערשטיקן אין זיך די אינדיווידואַליסטיש־אייגנטימערישע אינסטינקטן און שטרעבונגען זייערע, ד. ה. דערשטיקן דעם לעבנס־נערוו און די טרייב־קראַפט פון זייער ווירטשאַפטליכער טעטיגקייט. צענדליגער מיליאָנען גרעסערע און קלענערע שטראָמען פון ווירטשאַפטליכער ענערגיע, וואָס פלעגן זיך צוזאַמענגיסן אין איין ריזן־מעכטיגן פאָלקס־ווירטשאַפטליכן קוואַל, זיינען מיט אַמאָל פאַרשטאָפּט געוואָרן, און דער אומפאַרמיידליכער פועל־יוצא האָט זיך גלייך באַוויזן: דאָס ווירטשאַפטליכע לעבן איז דורכ־אויס פאַראַליזירט געוואָרן, דער פאָלקס־ווירטשאַפטליכער אָרגאַניזם איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן בר־מינן... קאָן גאָר ווער וואַגן נאָך דעם ריידן ערנסט וועגן סאָציאַליזם און קאָלעקטיוויזם?... די גלייכ־הייט פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט הייסט גלייכהייט אין דלות, גלייכהייט אויף אַ בית־עולם...

דאָס האָט באַשיימפּערליך באַוויזן דער ערשטער טייל פון רוסישן עקספּערימענט—דער ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר. נאָך פיל איבערצייגנדיגער און באַלערנדיגער איז דער צווייטער טייל—דער ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ע ר ק אָ נ ט ר־ע ק ס פּ ע ר י מ ע נ ט, דער אַזוי גערופענער „נעפּ“. נאָך דעם, ווי דער קאָמוניסטישער מלאך המות האָט דאָס לאַנד פאַרוואַנדלט אין אַ מדבר, וואו אויפן וויסטן איבערפלאַך זיינען געלעגן צעשפּרייט בלויז אויסגעטריקנטע ביינער, האָט זיך דער „נעפּ“ מיט זיין קאַפּיטאַ־ליסטישן שם־המפורש באַוויזן, און עס איז געשען דער זעלבער נס, ווי

אין דער געוויסער זעהונג פון יחזקאל הנביא: דער אינדיווידואַליסטיש־אייגנטימערישער גייסט פון קאַפּיטאַליסטישן „נעפּ“ האָט אַ בלאָז געטאָן אין די אויסגעטריקנטע ביינער, און זיי האָבן זיך אַ ריר געגעבן, אָנגעהויבן באַוועגן זיך, אַרומוואַקסן מיט פלייש, אָדערן און הויט, צוזאַמענגלידערן זיך און אויפלעבן. און כאַראַקטעריסטיש — זיי לעבן אויף נאָר אויף אַזוי פיל, ווי ווייט דער דאָזיגער אינדיווידואַליסטיש־אייגנטימערישער גייסט גיסט זיך, ווי אַ באַלזאַם, אין זיי אַריין און גיט זיי חיות... זעלטן וואו דער דירעקטער צוזאַמענהאַנג פון סבה און פועל־יוצא טרעט אַרויס אין אַזאַ בולטער פאָרם, ווי דאָ!

קאָן מען זיך נאָר אויסמאָלן שאַרפערע און אויסדריקלעכערע באַווייזן, וואָס שטעכן ממש די אויגן? דער סאָציאַליזם האָט דאָ, לכל הדעות, דעם לעצטן טויט־קלאַפּ באַקומען!

דאָס איז אין אַלגעמיין דער געדאַנקען־גאַנג, וואָס באַהערשט אַצינד ניט נאָר די מוחות פון די בורזשואַזע אידעאָלאָגן, נאָר פאַרשפרייט זיך אַלץ טיפער צווישן די ברייטע פאָלקס־שיכטן און פאַרכאַפּט איבערהויפּט די אַנטוישטע, פאַרביטערטע און פאַרצווייפלטע קאָמוניסטישע אַרבעטער־מאַסן און שטויסט זיי אין די רייען פון פאַשיזם און סתם־רעאַקציע אָדער אין תהום פון פּאָליטישער אַפּאַטיע און גלייכגילטיקייט. קיינמאָל נאָך האָבן די קעגנער פון סאָציאַליזם ניט געפילט אונטער די פיס אַזאַ פעסטן און זיכערן אידעאָלאָגישן באָדן ווי אַצינד. און אָט־אָ די באַזונדערע פעסטקייט און זיכערקייט איז דורכאויס כאַראַקטעריסטיש פאַרן פאַשיזם און מאָדערנער רעאַקציע בכלל.

ס'וואָלט געווען לייכטזיניג אַוועקמאַכן אָט דעם געדאַנקען־גאַנג כלאחר יד, דורכגיין פאַרביי אים מיט אַ ביטול־שמייכל. ער פאַרדינט אַ ערנסטערע באַטראַכטונג אין ליכט פון די נייע איבערלעבונגען און ערפאַרונגען.

קיינער קאָן ניט לייקענען, אַז ווי ווייט מ'האָט אין אונז די בורזשואַזיע און קליינבירגערלעכן המון און אפילו געוויסע טיילן פון רויען, ניט־געשולטן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט ניט נאָך באַוויזן איבערצורייסן די פעדים, וואָס בינדן אים צונויף מיט זיין קליינבירגערלעכן שורש, שטעקט אין דאָזיגן געדאַנקען־גאַנג אַ שטיק אמת, אָבער דאָך, אפילו אין דעם פאַל, ניט דער גאַנצער אמת. די כאַראַקטעריסטיק פון רוסישן עקספּערימענט איז דאָ דורכאויס ריכטיג געגעבן געוואָרן. יעדער ערלעכער און אויפריכטיגער מענטש, וואָס האָט נאָר אוממיטלבאַר דורכ־

געמאַכט די דאָזיגע גרויסע ערפאַרונג, מוז עס באַשטעטיגן. ס'איז אָבער
אין גרונד פאַלש, ווען איר ווילט דאָ זעהן ניט די קאָנקרעטע
התגלות פון דער בורזשואַזער און קליינביר=
גערליכער קלאַסן=פסיכאָלאָגיע, נאָר אַזוי צו זאָגן, די
אייביגע אוניווערסאַלע סובסטאַנץ, דעם עצם
וועזן פון דער מענטשליכער פסיכאָלאָגיע בכלל. און נאָך מער —
אפילו אין דער ספערע פון ריין=בורזשואַזער פסיכאָלאָגיע
קאָן מען ביי אַביסל טיפערן אַנאַליז לייכט אויפדעקן אַזוינע שטריכן
און איינגשאַפטן, וואָס לאָזן זיך אין קיין אופן ניט איינשליסן אין די
שמאָלע גרעניצן פון אינדיווידואַליסטיש=איינגנטימערישן אינסטינקט.

אין תוך אַריין, איז דער אינדיווידואַליסטיש=איינגנטימערישער אינ=
סטינקט אַ טייל פונם אַלגעמיינעם אוניווערסאַלן לעבנס=אינ=
סטינקט. די שטרעבונג צו איינגנטום איז אַ שטרעבונג צו פאַרזאָרגן
און פאַרזיכערן דאָס לעבן. מיר האָבן אָבער שוין אין פאָריגן קאַפּיטל
אָנגעוויזן, אַז דער דאָזיגער לעבנס=אינסטינקט איז גאָר ניט אַזוי פרימי=
טיוו און איינפאַך, אַז ער באַשטייט ניט בלויז אין דער שטרעבונג פון
יחיד פשוט אונטערצוהאַלטן דאָס אינדיווידועלע לעבן, די אייגענע עק=
סיסטענץ, נאָר אַז ער איז ניט אין אַן ערך קאָמפּליצירטער און פאַר=
וויקלטער און שליסט אין זיך איין אַזוינע מאָמענטן, וואָס שטייגן ווייט אַרי=
בער די איינגע ראַמען פון יחידישן קיום. דאָס איז די שטרעבונג גובר צו זיין
די צייטווייליגקייט און באַגרעניצטקייט פון אייגענעם לעבן, די שטרעבונג
צו קיום המין און דער עיקר — די טיף מענטשליכע שטרעבונג צו אייביג=
קייט, צו גייסטיגער השארת=הנפש. און וואָס גרעסער עס ווערט די מאַכט
פון מענטשן איבער דער נאַטור, וואָס רייכער און ברייטער דאָס לעבן,
וואָס זיכערער די עקסיסטענץ פונם יחיד, אַלץ טיפער דרינגט אַריין די
דאָזיגע שטרעבונג אין מענטשנס נשמה, אַלץ אַ גרעסערן פלאַץ פאַרנעמט
זי דאָרט, אַלץ מערער און שטאַרקער באַהערשט זי זי. די געשיכטע
פון דער מענטשליכער אַנטוויקלונג איז אין עצם די געשיכטע וועגן דעם,
ווי אַזוי צוזאַמען מיטן וואוקס פון די פראָדוקטיווע קרעפטן באַפרייט זיך
דער מענטש וואָס ווייטער אַלץ מער פון אוממיטלבאַרן קאַמף פאַרן אינ=
דיווידועלן קיום און קאָנצענטרירט וואָס ווייטער אַלץ מער זיינע כוחות,
אַזוי צו זאָגן, אויפן קאַמף פאַר אייביגקייט, אויף דער שטרעבונג גובר צו

זיין זיין יחידישן קיום. דאָס איז דער תּמצית, די גרונד־טענדענץ פון דער געשיכטליכער אַנטוויקלונג.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די קאַפּיטאַליסטישע תקופה, וואָס האָט געבראַכט צו אַזאַ מעכטיגער שטייגערונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, שטעלט מיט זיך פאָר אין דער הינזיכט אַ גרויסן טריט פאָראויס, און דאָס געפינט, נאַטירליך, זיין אָפּשפּיגלונג אין דער פּסיכאָלאָגיע פון הערשנדיגן קלאַס — אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער בורזשואַזיע, וואו דער מאָמענט פון אוממיטלבאַרן קאַמף פאַרן אינדיווידועלן קיום פאַרנעמט נאָר אַ קליין אָרט. אָנשטאָט דעם שפּילן דאָרט די הויפּט־ראָלע גאַנץ אַנדערע מאָמענטן. שוין גופא אין דעם אומגעזעטיגטן דורשט פון קאַ־פּיטאַליסט נאָך אומבאַגרעניצטן רייכטום, אין זיינע כסדרדיגע אוממידליכע יאָגענישן צו פאַרגרעסערן אָהן אויפהער זיינע ריזן־קאַפּיטאַלן און צו פאַרכאַפּן די וועלט, איז לעכערליך צו זעהן בלויז די פּשוטע שטרע־בונג אונטערצוהאַלטן דאָס לעבן, פאַרזיכערן די אייגענע עקסיסטענץ. בכל אופן, פאַר די ריזן־קאַפּיטאַלן פון דער מאָדערנער גרויס־בורזשואַזיע וואָלטן אַזוינע אויפגאַבן אויסגעזעהן צו קליין און נישטיג. ניט נאָר פאַר די ראָקפעלערס און די סטינעסעס, נאָר אַפילו פאַר די צענדליגער טויזנטער קלענערע קאַפּיטאַליסטן שטייט כלל וכלל ניט די פראַגע וועגן פאַר־זיכערן זייער אייגענע עקסיסטענץ, און ניט דאָס רופט ביי זיי אַרויס די כוחות־אָנשטריינגונג, ניט דאָס באַהערשט דורכאויס זייערע געמיטער, רייצט זיי אויף און מאַכט זידן און קאָכן זייער בלוט. די שטרעבונג פון דער בורזשואַזיע צו אייגנטום, צו רייכטום איז אין תּוך אַריין נאָר אַ **שטרע־בונג צו מאַכט און הערשאַפט.**

אָבער וואָס אַזוינס שטעלט מיט זיך פאָר די דאָזיגע שטרעבונג צו מאַכט און הערשאַפט? ווען איר אַבסטראַהירט פון די פאַרשיידענע זייטיגע מאָ־מענטן, מיט וואָס זי פלעכט זיך צונויף און קניפּט זיך צוזאַמען אין קאָמ־פּליצירטער לעבנס־נעץ, ווען איר טיילט זי אויס באַזונדער און באַטראַכט איר אייגענעם, ריינעם וועזן, דאַן מוזט איר קומען צום באַשלוס, אַז אין עצם שטעלט זי מיט זיך פאָר אַ שטרעבונג פון אינדיוויד „אַרויסצו־שפּרינגען פון דער אייגענער הויט“, גובר צו זיין די אייגנע יחידישע ראַ־מען און אַרויפלייגן דעם שטעמפּל פון אינדיווידועלן „איך“ אויף דעם אַרומיגן. ווען אייער ווילן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ געזעץ, אייערע פאַרלאַנגען ווערן פאַרווירקליכט אין אויסערן לעבן, פאַרקערפּערט אין

אויסערע מעשים, הייסט עס, אַז איר פאַרברייטערט אייער „איך“ אויף אויסן, פאַרקערפערט אים אין דער אויסערער סביבה.

נאַטירליך, דאָ האָבן מיר פאַר זיך די נידעריגע שטופע, דעם פּרימיטיוון דרך, וואָס פירט צום ציל. דורך מאַכט און הערשאַפט, וואָס האָבן אונטער זיך בלויז א מאַטעריעלן יסוד, וואָס ווערן דורכגעפירט בלויז מיט דער הילף פון מאַטעריעלע צוואַנגס=מיטלען, קאָנט איר נאָר אויסערליך, אויף אַ ריין מעכאַנישן אופן אָנבינדן אייער „איך“ דער אַרומיגער וועלט, אָבער ניט אויף אַ אינעווייניגסטן אָרגאַנישן דרך צוזאַמענשמעלצן זיך מיט איר און אויסגיסן זי אין פורעם פון אייער „איך“. דערצו פירט נאָר דער וועג פון אידייאישער מאַכט און גייסטיגער הערשאַפט. ס׳איז גענוג אַוועקשטעלן איינעם קעגן דעם צווייטן, דעם דעספּאָט און דעם גאון, און די זאַך זאָל פאַר אייך קלאָר ווערן. ביידע זיינען זיי הערשער. נאָר דער ערשטער, וואָס זעצט דורך זיין ווילן דורך מעכאַנישער געוואַלט און אויסערן צוואַנג, קאָן צו זיך אונטערמעניג מאַכן אייערע מעשים און האַנדלונגען, ער האָט אָבער קיין שליטה ניט איבער אייער גייסט און איז ניט בכח צו באַפרוכפערן אייערע שאַפונגס=פּראָצעסן. ער לאָזט נאָך זיך דעריבער בלויז טויטע דיינקמאָלער און פריי אויפגעעטעמטע קנעכט.. פאַרקערט, די מאַכט פון גאון, ווער ס׳איז באַרופן, אַזוי צו זאָגן, איבערצודיכטן דאָס לעבן בצלמו ובדמותו, אויפצודעקן און אַוועקלאָזן איבער דער וועלט נייע שאַפונגס=שטראָמען, — זיין מאַכט איז דורכאויס אַ אינעווייניגסטע. ער פאָרמירט אייער גייסט, אייער ווילן און באַנעמען, באַרייכערט און באַפרוכפערט אייער נשמה און לאָזט נאָך זיך דערפאַר נייע מקורים פון שאַפן, נייע וועלט=האָריזאָנטן, באַגייסטערטע תלמידים און באַפליגלטע נאָכפאָלגערס.

נאָר חוץ דעם, שטעקט אין עצם פּרינציפּ פון בורזשואַזן פּריוואַטאייגנטום אַ באַגרעניצונג פאַרן אויסלעבן זיך פונם יחיד. ער צוימט אָפּ דעם פּרט פון כלל, שאַפט מחיצות צווישן זיי און שטערט דער פאַרברייטערונג און פאַרטיפונג פון שמאָלן און פלאַכן אינדיווידועלן שטראָם אין ברייטן און טיפן קוואַל פון קאָלעקטיוון שאַפונגס=פּראָצעס. דער שאַפונגס=דראַנג פונם יחיד ווערט פאַרעלנט און פאַרשטיקט אין די יחידישע ד׳ אמות, געניסט ניט פון דער שפע, וואָס קוואַלט פון קאָ=

לעקטיוון לעבן. פאַר דער בורזשואַזיע איז אָבער קיין אַנדער דרך ניטאָ. די אינדיווידואַליסטיש־אייגנטימערישע ווירטשאַפטס־פאָרמען, וואָס זי פאַר־קערפּערט אין זיך, בילדן אויס איר פּסיכאָלאָגיע און באַשטימען פאָראויס די וועגן פון איר לעבן און שאַפן. באַזייטיגן די אַלהערשנדיגע מאַכט פון די ווירטשאַפטס־פאָרמען איז פאַר איר אוממעגליך.

דער איינציגער קלאַס, וואָס איז הגם אויסגעוואַקסן גופא אין שויס פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און וואָס דער ווירטשאַפטס־פּראָצעס שטעלט אים דאָך אין שאַרפן קעגנזאַץ צו די אינדיווידואַליסטיש־אייגנטימערישע פאָרמען און, להיפוך צו אַלע אַנדערע קלאַסן, רופט אַרויס און אַנטוויקלט ביי אים געמיינשאַפטליכע, קאָלעקטיוויסטישע אינ־טערעסן און נייגונגען, — דאָס איז ד ע ר פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט. פאַר יעדן איינצלנעם פּראָלעטאַריער איז דער ווירטשאַפטס־פּראָצעס דורכאויס אַ פּראָצעס פון געמיינשאַפטליכן, קאָלעקטיוון בויען און שאַפן. דער פּראָלעטאַריער בילדעט מיט זיך, דורך זיין אוממיטלבאַרער ווירטשאַפט־ליכער טעטיגקייט, לויט דעם עצם פון זיין ווירטשאַפטליכן וועזן, אַן אָרגאַניש־צוזאַמענגעשמאָלצענעם טייל פון אַן איינהייטליכן קאָלעקטיוו. און אַזוי מוז ער זיך פילן און באַנעמען אין זיין טאָג־טעגליכער אַרבעט, אין זיין טאָג־טעגליכן לעבן. ער מוז אויך פילן און באַנעמען, אַז זיין לעבן און וואויל, זיין געגנוואַרט און צוקונפט זיינען איינג צוזאַמענ־געקניפּט און צוזאַמענגעפלאָכטן מיטן לעבן און וואויל, געגנוואַרט און צוקונפט פון קאָלעקטיוו. אָהן אים איז ער גאָרנישט און מיט אים איז ער אַלץ. און ניט ער פאַרמאָגט אייגנטום און ניט ער קאָן אפילו שטרעבן דערצו: די וועגן און פּערספּעקטיוון פון אינדיווידועלן אייגנטום זיינען פאַר אים אויסגעשלאָסן, ער האָט פאַר זיינע אויגן בלויז דאָס געמיינ־שאַפטליכע, דאָס קאָלעקטיווע, און אַלץ, וואָס ער בויט און שאַפט, בויט ער און שאַפט ניט פאַר זיך זעלבסט, נאָר פאַרן גאַנצן כלל, פאַר דער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין.

דאָס איז דער גרונד־מאָמענט, וואָס באַשטימט די געזעלשאַפטליכע פּסיכאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט, אַ מאָמענט, וואָס טראָגט אין זיך זוימען פון אַ נייער געזעלשאַפט און אַ ניי לעבן. אין דער מאָדערנער ווירט־שאַפטליכער לאַבאָראַטאָריע פאָרמירט זיך דער נייער קלאַס, געקנאָטן פון גאַנץ אַנדער טייג, אויסגענאָסן לויט אַ גאַנץ אַנדער מאָדעל, ווי אַלע איבעריגע קלאַסן. פּונקט ווי די בורזשואַזיע אין אירע פריהלינגס־טעג,

איז ער אויך פריש און מונטער, פול ברויזנדיגער ענערגיע און שאַפנדיגע
כוחות. נאָר דער הויפּט=אימפּולס פון זיין טעטיגקייט, די טרייב=קראַפט,
וואָס זאָל אים באַוועגן און אָנפילן מיט זין און אינהאַלט דאָס לעבן
זיינס, קאָן זיין ניט דאָס אינדיווידואַליסטיש=איינגנטי=
מערישע, נאָר דאָס געזעלשאַפטליך=קאָלעקטיוויס=
טישע. אין אָט דער געמיינשאַפטליכער אַרבעט, אין אָט דער קאָ=
לעקטיווער טעטיגקייט קאָן דער פאַרברייטערטער לעבנס=אינסטינקט פון
פּראָלעטאַרישן יחיד געפינען זיין פולע באַפרידיגונג. דאָ קאָן ער זיך
אויסלעבן און אויסשעפּן. דאָ קאָן דער אינדיווידער געפינען געניוג פרייען
פלאַץ פאַר זיינע פילפאַכע ליידנשאַפטן, פאַר זיין אינעווייניגסטן דראַנג
און אויסנווייניגסטע דערגרייכונגען. איינפלעכטנדיג זיך אין דער גע=
מיינשאַפטליכער וועבונג, האָט פאַר זיך דאָס אינדיווידועלע „איך“ פונם
יחיד פיל ברייטערע, זיכערע אוממיטלבאַרע דרכים, ווי אַזוי גובר צו זיין
די באַגרעניצטקייט פון יחידישן קיום און אַרויפליינגן זיין אויסדריקליכן
שטעמפּל אויפן אַרומיגן לעבן, איידער דורך יאָגעניש נאָך רייכטום,
נאָך אויסערער, מאַטעריעלער מאַכט און הערשאַפט.

אַז בכלל דער רוח=הקדש פון דער געזעלשאַפטליכער נשמה=
יתירה קאָן ממש וואונדער שאַפן און אַרויסרופן אַזאַ אומגעהויערע קאָנ=
צענטרירונג פון כוחות, צו וואָס די ריין=עגאָאיסטישע, אינדיווידואַליסטיש=
איינגנטימערישע אימפּולסן זיינען קיינמאָל ניט אימשטאַנד צו ברייננגען,
— דאָס ווייסן מיר פון דער געשיכטע, דאָס לערנט אונז דאָס לעבן פון
פיל רעוואָלוציאָנערן און מאַרטירער. אָט דער רוח=הקדש, וואָס אין דער
אַלטער וועלט האָבן אים פאַרמאָגט נאָר אויסדערוויילטע יחידים, וועט אין
דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אַדאַנק די נייע, קאָלעקטיוויסטישע
ווירטשאַפטס=פאָרמען, ווערן די גרונד=אייגנשאַפט פון די מאַסן, פון
פאָלק. און דערפאַר איז די אומגעהויערע שפע פון נייע סאָציאַלע
כוחות, וואָס די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט באַפרייען און אַרויס=
רופן צום לעבן, גאָר ניט אין אַן ערך גרעסער און באַדייטנדיגער פון יענע
סאָציאַלע כוחות, וואָס די בורזשואַזע געזעלשאַפט האָט בשעתה מיט
זיך געבראַכט. דער סאָציאַליזם וועט מיט זיך זיכער עפענען אַ נייע
גלענצנדיגע תקופה אין דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן
און פירן צו זייער וויטערן טריאומף.

ס'איז אָבער קלאָר, אַז דער טרעגער פון סאָציאַליזם קאָן זיין נאָר דער

נייער מענטש, וואָס האַלט ערשט „אין ווערדן", דער צוקונפֿטס־מענטש. און ס'איז אויך קלאָר, אַז אַט דער נייער טיפּ מענטשן קאָן ניט געבוירן ווערן מיט איין קלאַפּ, פּלוצלינג אַרויסשווימען, ווי ווענוס פֿון ים־שוים. צווישן נייעם און אַלטן מענטשן ליגט ווירקליך זעהר אַ ווייטער מהלך. דאָ האָבן מיר פֿאַר זיך ניט קיין דירעקטן המשך, נאָר אַ אמתן איבערבּרוך, אַ ראַדיקאַלן אָפּגאַנג פֿון די יסודות, אויף וועלכע ס'האָט באַזירט די געזעלשאַפֿטליכע פּסיכאָלאָגיע ביז אַהער. און דאָס פֿאָדערט נאַטירליך אַ דויערנדיגן געשיכטליכן פּראָצעס פֿון אַנטוויקלונג. און מ'דאַרף נאָך דערבּיי האָבן אין זינען, אַז די אַנטוויקלונג און פֿאָרמירונג פֿון דעם נייעם מענטשן קומט פֿאָר ניט אין אַ איזאָלירטער סביבה, ערגעץ אויף אַן איינזאַמען אינזל, נאָר אין סאַמע מיטן פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט, אונטערן מעכטיגן און כּסדרדיגן איינפֿלוס פֿון די פֿילפֿאַכע און פֿאַרשיידנאַרטיגע פֿיינטליכע פֿאַקטאָרן און ווירקונגען. בּכלל, טאָר מען אויף קיין איין מאָמענט ניט אַרויסלאָזן פֿון אויג די עלעמענטאַרע הנחה, אַז די אינעווייניגסטע, אָרגאַנישע פּראָצעסן פֿון דער מענטשליכער פּסיכיק קומען פֿאָר זעהר לאַנגזאַם, בּהדרגה, ווייסן ניט פֿון קיין קפיצת־הדרך. ביי אַ גינסטיגער אויסערער סיטואַציע קאָן זיך אייך איינגעבן מעכאַניש ענדערן דעם סאָציאַלן סדר, די אויסערע פֿאָרמען פֿון סאָציאַלן לעבן, ווי דאָס איז, למשל, געשען אין רוסלאַנד. איר זענט אָבער פֿאַר קיין פֿאַל ניט בּכח דורך דעקרעטן און גוואַלדטאַטן אפילו פֿון דער סאַמע אַלמעכטיגסטער, אומבאַגרעניצטער דיקטאַטור באַהערשן אויפֿן זעלבן דרך די מענטשליכע פּסיכיק און אויסקנעטן פֿון איר, ווי פֿון לויזן טייג, די פֿיגורן, וואָס אייך גלוסט זיך. דער תהום צווישן דער אַלטער פּסיכיק און נייעם סדר מוז דעמאָלט פֿירן צו אַ שרעקליכער קאַטאַסטראָפֿע.

און אין דעם טאַקע באַשטייט די גרויסע סכּנה פֿון דוחק זיין דעם קץ מצד די אומגעדולדיגע, וואָס ווילן פֿאַרלויפֿן דעם וועג דער געשיכטע. פֿאַר דער בורזשואַזיע איז בשעתה אַזאַ מין געפֿאַר ניט געשטאַנען. אין דער פֿריהצייטיגער איינפֿירונג פֿון דער בורזשואַזער אָרדענונג האָט קיין שום געפֿאַר ניט געקאָנט שטעקן. ווי געזאָגט, האָט די בורזשואַזע געזעלשאַפֿט ניט געפֿאָדערט און ניט געטראָגן אין זיך קיין

גרינדליכן שינוי־עורכין אין דער ספערע פון געזעלשאַפטליכער פּסיכאָ־לאָגיע. די הערשאַפט האָט דעמאָלט באַקומען דער זעלבער אַלטער מענטש מיט די אַלטע אינסטינקטן, נאָר אַביסל אָפּגעפּרישט, אָפּגעשאָבן דעם שימל, מאָדערניזירט, מיט אַ ברייטערן און טיפערן פּאַרנעם און באַגער. דאַגעגן אָבער, די סאָציאַליסטישע אָרדענונג איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן: זי קאָן פירן די מענטשהייט פאָראויס, אויף אַ העכערער שטופע פון אַנטוויקלונג, זי קאָן זי אויך פירן צוריק צו קנעכט־שאַפט און ענטאַרטונג — אַליץ ווענדט זיך פון דעם, צו איכשר דרא. דער סאָציאַליסטישער משיח קאָן ברייננגען די גאולה נאָר דעמאָלט, ווען דער דור וועט זיין דערצו צוגעגרייט: ווען דעם ארט פון אַלטן מענטשן, ווען דער נייער סדר ליימט און סמט, וועט פאַרנעמען דער נייער מענטש, פאַר וועמען דער זעלבער סדר וועט זיין אַ פרישער לעבנס־קוואַל. און דאָס הייסט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט ווירקליך באַוויזן גובר צו זיין אין זיך די בורזשואַזע אינסטינקטן, נייגונגען, גע־וויינהייטן און באַגריפן, אויסרוימען מיט די וואָרצלען די אַלטע ירושות און טראַדיציעס, וועט פּאַקטיש ווערן דער רוב מנין און רוב בנין פון פאָלק, וועט פּאַקטיש אַריינגעמען צו זיך אין די פעסטע און מעכטיגע הענט די זיילן פון עקאָנאָמישן לעבן און וועט אַזוי אַרום זיין בכח צו באַהערשן דעם אומגעהייער פּאַרוויקלטן און קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון דער קאָלעקטיוויסטישער ווירטשאַפט. אָהן דעם מוז דער סאָציאַליזם פאַרוואַנדלט ווערן אין דער רעאַקציאָנערסטער אוטאָפּיע און ווילדסטן אומזין. און דאָס האָט דער רוסלענדער עקס־פּערימענט גלענצנדיג דערוויזן.

נאָר דאָ טרעטן מיר שוין דירעקט צו צו די פראַגן וועגן די וועגן און עטאַפּן, וואָס פירן צום סאָציאַליזם, און וועגן דער גרונד־סתירה אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

## V

### וועגן דעם וועג צום סאָציאַליזם און דער גרונד־סתירה אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג

די פראַגע וועגן דעם וועג, וואָס פירט צום סאָציאַליזם, איז, אין דער איצטיגער פּאַזע פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג, הויפּטזעכליך אַ פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי, אויף וואָסער אופן, דורך וואָסערע פּראָצעסן און

דורך וואָסערע מעטאָדן פאָרמירט זיך דער נייער מענטש, בילדעט זיך אויס זיין פּסיכאָלאָגיע, קריסטאַליזירט זיך אויס די באַזונ־ דערע נשמה זיינע. אין איר גאַנצן פאַרנעם, אין איר גרויס און טיף, קאָן און דאַרף די פראַגע געשטעלט ווערן נאָר אין די ראַמען פון דער מאַרקסיסטישער סאָציאָלאָגיע. דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם, למשל, האָט נאַטירליך מיט אַזוינע פראַגן ניט געקאָנט האָבן צו טון. פאַרן ראַציאָנאַליסטישן גדאַנקען־גאַנג, וואָס האָט אָפּערירט בלויז מיטן שכל הישר, מיט דער גלייכער סברה, מיטן פּשוטן געפיל פון יושר, האָט די זאַך, בכלל, זעלטן איינפאַך אויסגעזעהן. די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וואָס ווייס ניט פון אונטערדריקונג און עקספּלאָטאַציע, פון תהום צווישן אָרים און רייך, איז פיל בעסער, שענער און יושרדיגער פון דער בורזשואַזער, קאַפּיטאַליסטישער. דאָס איז אַזוי קלאָר און פּשוט, אַז יעדער מוז עס איינזעהן בחוש און איבערהויפּט — די אונטערדריקטע און עקספּלאָטירטע זעלבסט. ובכן—איז די פראַגע באַשטאַנען בלויז אין דעם, ווי אַזוי צוטרעטן גלייך, אוממיטלבאַר צום אָרגאַניזירן די קאָלעקטיוויסטישע ווירטשאַפט, ווי אַזוי, לויט וואָסערן פּלאַן, גלייך אוממיטלבאַר איינפירן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. וועגן דעם, וואָס קומט פאָר ערגעץ אין די טיפענישן פון געשיכטליכן קעסל, און געשיכטליכן אונטערגרונד פון שכל הישר און דער גלייכער סברה, האָט מען זיך גאָר ניט געקימערט, מ'האָט פון דעם זאָגאַר קיין שום באַגריף אָדער אַ גאַנץ מטושטשן באַגריף געהאַט.

מאַרקס און ענגעלס האָבן אַוועקגעוואָרפן אָט דעם וויסטן איבער־ פּלאַן פון ראַציאָנאַליסטישן עקר־געדאַנק, האָבן אויפגעדעקט די געשיכט־ ליכע קוליסן, אַריינגעדרונגען אינעווייניג אין דער געשיכטליכער לאַבאָראַ־ טאָריע, און פאַר זייערע אויגן האָט זיך געעפנט אַ בילד פון אומענדליכע מאָלעקולאַרע פּראָצעסן, טיפע, באַהאַלטענע, בלינדע, וואָס שטויסן זיך צוזאַמען, קרייצן זיך איבער, פלעכטן זיך צונויף אויף כלערליי אופנים און דרכים און בילדן אין רעזולטאַט אָט די מעכטיגע סטיכיע, וואָס באַשטימט דעם אָביעקטיוו־נויטוועדיגן גאַנג פון דער גע־ שיכטע. דער אונטערשייד צווישן די מאָלעקולאַרע פּראָצעסן פון סאָ־ ציאַלן לעבן און פון דער איבעריגער נאַטור באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס דאָרטן זיינען די פּראָצעסן מעכאַנישע אָדער אָר־ גאַנישע און דאָ — דורכאויס פּסיכישע, און אויך אין דעם, וואָס

דאָ זיינען זיי ניט אין אַן ערך פֿאַרוויקלטער און קאָמפּליצירטער איידער דאָרט; אָבער דורך דעם פֿאַרלירן זיי אויך דאָ ניט זייער סטיכישן כאַראַקטער, און די געשיכטע אין אַלגעמיין — דעם כאַראַקטער פֿון אַן אָביעקטיוו-נויטווענדיגן פּראָצעס. אמת, דער אויבערפֿלאַך פֿון סאָציאַלן לעבן איז דורכאויס באַדעקט מיט אַ געדיכטער נעץ פֿון כלומרשט „פֿרייע" פּסיכישע אַקטן — אַקטן פֿון מענטשליכן ווילן און באַוואוסטזיין. קיינער קאָן ניט לייקענען, אַז ס'איז ניטאָ קיין איין ערשיינונג, קיין איין אַקט אין געזעלשאַפֿטליכן לעבן, פֿון די גרעסטע ביז די קלענסטע, וואָס אוממיטלבאַר זאָל פֿאַר זיי ניט קומען דער מאָמענט פֿון באַוואוסטזיניגן מענטשליכן ווילן, וואָס האָט זיי אַרויסגערופֿן. מיר ווייסן אָבער, אַז, ראשית, ליגן שטענדיג אין אונטערגרונד פֿון די „פֿרייע" אַקטן בלינדע אינסטינקטן, סטיכישע באַגערן און נויטווענדיגע באַדערפֿענישן, וואָס פֿאָרמירן זיי און באַשטימען זייער וועזן, והשנית — גופא אָט די „פֿרייע" אַקטן באַשטייען דאָך סוף כל סוף, אין זייער לעצטן מקור, פֿון אינדיווידועלע אַקטן, ובכן הייסט עס — פֿון זעלבסטשטענדיגע, איינע לגבי די אַנדערע אומאָפּהענגיגע אַקטן פֿון איינצלנע יחידים, און ווען אַזוינע אינדיווידועלע, זעלבסטשטענדיגע אומאָפּהענגיגע אַקטן שטויסן זיך צוזאַמען, קרייצן זיך איבער און פֿלעכטן זיך צונויף, בילדן זיי אין רעזולטאַט אַ געזעלשאַפֿטליכע סטיכיע, אַן אָביעקטיוו-נויטווענדיגן פּראָצעס. באַגרייפֿן דעם געשיכטליכן פּראָצעס הייסט דעריבער באַגרייפֿן דעם גאַנג פֿון אָט דער סטיכיע, די געזעצן פֿון איר פֿאָרמירונג און אַנטוויקלונג.

מאַרקס און ענגעלס האָבן, כידוע, אָט די געזעצן קלאָר און דייטליך פֿאָרמולירט. זיי האָבן אַנטפּלעקט דעם גרונד-פֿאַקטאָר, אָט די ריכטליניע, וואָס טראָגט אַריין גאַנצקייט און איינהייטליכקייט אין כלומרשטן תהו ובהו פֿון די אין פֿלוג כאַאָטישע מאָלעקולאַרע פּראָצעסן. דאָס איז דער שוין ניט איין מאָל אָנגעוויזענער וואוקס פֿון די פּראָדוקטיווע קרעפֿטן, וואָס קומט פֿאָר אימאַנענט, פֿון זיך זעלבסט. ביסלאַכווייז, בהדרגה, טאָג-איין, טאָג-אויס קומען אויף נייע טעכנישע און ווירטשאַפֿטליכע ערפֿאַרונגען, נייע פּולקאָמענערע אופֿנים און מעטאָדן פֿון קאַמף מיט דער נאַטור. אָט די ענדערונגען רופֿן דירעקט אַרויס אַנטשפּרעכנדיגע ענדערונגען אין דער מענטשליכער אָרגאַניזאַציע פֿון דעם דאָזיגן

קאַמף — אין די ווירטשאַפטליכע באַציהונגען און געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטענישן. דאָס בילדעט דעם אייביג־פליסנדיגן רעוואָלוציאָנערן *תוך* פון סאָציאַלן לעבן, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ אויף קיין איין מאָמענט אין זיין נאַטירליכן דראַנג צו ווייטערער אַנטוויקלונג, צו העכערע דערגרייכונגען.

די ווירטשאַפטליכע באַציהונגען און געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטענישן ווערן אָבער רעגולירט דורך באַשטימטע, פעסטגעשטעלטע נאָרמען, אין די ראַמען פון אַ באַשטימטן פעסטגעשטעלטן געזעלשאַפטליכן סדר, וואָס זיינען בטבע, לויט זייער עצם, קאָנסערוואַטיוו און שטאַנדהאַפטיג און, להיפוך צום *פליסנדיגן רעוואָלוציאָנערן תוך*, בילדן זיי די *קאָנסערוואַטיווע שטאַנדהאַפטע פאָרם* פון סאָציאַלן לעבן. צווישן אָט דעם רעוואָלוציאָנערן תוך און דער קאָנסערוואַטיווער פאָרם קומט נאַטירליך פאָר כסדר אַ קאַמף, אַמאָל אַ שטילער, אַ געלאַסענער, אַמאָל אַ העפטיגער, אַ שטורעמדיגער. שטיל, אומבאַמערקט קומט דער קאַמף פאָר אַזוי לאַנג, ווי לאַנג די רעגולירנדיגע נאָרמען, דער געזעלשאַפטליכער סדר דערלאָזן דאָך אין זייערע *אַלגעמיינע ראַמען* די פאַרקערפערונג פון די ניי־אויפקומענדיגע טעכנישע און ווירטשאַפטליכע ערפאַרונגען, די פאָרמירונג פון די ניי־אַנשטייענדיגע ווירטשאַפטליכע באַציהונגען און פאַרהעלטענישן. ווען אָבער די נייע ערפאַרונגען, באַציהונגען און פאַרהעלטענישן זאַמלען זיך אָן אין אַזאַ מאָס און פאַרנעם, וואַקסן אויס אין אַזאַ גרויס, דערגרייכן אַזאַ מדרגה פון צייטיגקייט, אַז זיי קאָנען זיך שוין מער ניט צופּאַסן צו די אַלגעמיינע ראַמען פון דער פאַרגליווערטער פאָרם, וואָס שטיקט זיי און שטערט זייער ווייטערדיגן וואוקס, — דאַן ברעכט אויס די רעוואָלוציע, וואָס רייסט אויף דעם אַלטן אָפּגעלעבטן סדר, פונקט ווי דאָס עפּהלע, וואָס וואַקסט אויס פון בלוטסטראָפּן אין דעם איי, ברעכט דורך, ווען זי ווערט גענוג רייף, די שאָלעכץ פון איי, וואָס דערלאָזט ניט איר ווייטערדיגן וואוקס, און שיילט זיך פון איר אויס. די רעוואָלוציע שאַפט ניט, בכן, קיין יש מאין, זי סאַנקציאָנירט בלויז דעם שוין אַנטשטאַנענעם פאַקט, זי פאָרמולירט דאָס, וואָס איז שוין צייטיג געוואָרן אין שויס פון דער געשיכטע, פירט אונטער דעם *פאָרמעלן סך־הכל* פון דעם *פאַקטיש אָנגעזאַמלטן רעאַלן אינהאַלט*.

פאַר אַזאַ אַרט באַנעמען דעם געשיכטליכן פּראָצעס, ווי *אַ סטי*־

כישן, אָביעקטיוו־נויטווענדיגן פּראָצעס, האָט דער מאַרקסיזם געהאַט פיל אויסצושטיין פון זיינע קעגנער. מ'האָט אים באַשולדיגט אין פאַטאַליזם, מ'האָט אים געשטעלט די קלאָץ־קשיא: אם כן, אויב יאָ אַזוי, איז וואָס אייגנטליך האָבן מיר דאָ צו טון, מיר, מיט אונזערע אידעאַלן, שטרעבונגען, באַוועגונגען און פאַרטייען? אויב אַלץ, וואָס קומט פאָר, מוז פאָרקומען לויט די אייזערנע געזעצן פון דער אָביעקטיווער נויטווענדיגקייט, איז וואָס פאַר אַ זין קאָנען האָבן אונזערע שטרעבונגען און אונזער קאַמף? איז דען ניט לעכערליך אויפהויבן אַ באַוועגונג אָדער שאַפן אַ פאַרטיי, וואָס זאָל קעמפן, למשל, פאַר לקוי־חמה אָדער לקוי־לבנה, ד. ה. פאַר אַזאַ זאַך, וואָס וועט סיי ווי סיי פאָרקומען מיט דער זעלבער מאַטעמאַטישער פינקטליכקייט פון אייזערנעם געזעץ ווי מיט אונזער קאַמף, אַזוי אויך אָהן אונזער קאַמף?

די קעגנער האָבן אָבער דערביי אַרויסגעלאָזט פון אויג איין קלייניגקייט: — אַז דאָס סאָציאַלע לעבן באַשטייט ניט פון מעכאַנישע, נאָר דורכאויס פון פסיכישע פּראָצעסן און אַז אונזערע אידעאַלן, שטרעבונגען און באַוועגונגען שטעלן מיט זיך, בכן, פאָר גופא עלעמענטן פון סאָציאַלער מאַטעריע, בילדן מיט זיך נויטווענדיגע פעדים אין דער סאָציאַלער וועבונג. צו דער לקוי־חמה אָדער לקוי־לבנה האָבן מיר ווירקליך קיין שום שיכות ניט, מיר קערן זיך מיט זיי כלל וכלל ניט אָן, אָבער דאָ זיינען מיר דוקא „לייבליכע מחותנים“, מיר מיט אונזער אַרבעט און קאַמף זיינען גופא סוביעקטן פון סאָציאַלן פּראָצעס, טרעגער פון דער געשיכטליכער אַנטוויקלונג. דער מאַרקסיזם זאָגט נאָר, אַז מיר זיינען, אַזוי צו זאָגן, ניט קיין „פרייע קינסטלער“, אַז מיר שאַפן ניט פון זיך זעלבסט, פון די טיפענישן פון אונזער טראַנסצענדענטן אָדער טראַנסצענדענטאַלן גייסט, נאָר ווערן כסדר געשטויסן פון אויסערע סבות און פאַקטאָרן, וואָס בילדן אויס גופא אונזער גייסט, פאָרמירן אונזער כלומרשט „פרייען“ ווילן און באַוואוסטזיין, און אַז דאָס אַלץ קומט פאָר ניט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין אויף אַ ריין ווילקירליכן אופן, נאָר לויט אַ קלאָרער און שטרייגנער געזעצמעסיגקייט. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דער סאָציאַליזם, למשל, קאָן ניט און וועט ניט פאַרווירקליכט ווערן אָהן דער סאָציאַליסטישער באַווע־

גונג, אָהן דעם, אַז מענטשן זאָלן שטרעבן דערצו און קעמפן דערפאַר, און אַז פון דעם, ווי אַזוי זיי וועלן קעמפן, וואָס פאַר אַ מעטאָדן זיי וועלן אָנווענדן, וואָס פאַר אַ וועגן זיי וועלן אויסקלייבן, היינגט זעהר פיל אָפּ דער טעמפּ און כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג. דער מאַרקסיזם גיט אָבער די אַלגעמיינע דערקלערונג, ווי אַזוי די דאָזיגע באַוועגונג קומט אויף און אַנטוויקלט זיך און פאַרוואָס זי מוז אויפקומען און אַנטוויקלען זיך און מוז און וועט פירן צום ערפאָלג.

ער שטעלט די פראַגע: אייגנטליך, די פּראָבלעם פון אָרים און רייך, פון אונטערדריקונג און עקספּלאָטאַציע איז אַ גרוי־אַלטע פּראָבלעם, נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט אַזוי מעכטיג געקלונגען דער צערנדיגער פלאַם־פייערדיגער פּאַטאָס פון ישעיהו הנביא׳ס: „הוי מגיעי בית בבית“... פאַרוואָס זשע פאָרט איז דער סאָציאַליזם, ווי אַ קאָנקרעטע געזעלשאַפטליכע וועלט־פּראָבלעם, ווי אַ באַוועגונג, וואָס טרייסלט ווירקליך אויף די זיילן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וואָס פאַראייניגט און אָרגאַניזירט מיליאָנען אַרבעטנדיגע מאַסן אין אַקטיווען באַוואוסטזיניגן שטרעבן צום סאָציאַליסטישן אידעאַל, און סיסטעמאַטישן פּלאַנמעסיגן קאַמף פאַר זיין פאַרווירקליכונג, — פאַרוואָס איז דאָס אַליין ניט פאָרגעקומען און ס׳איז ניט מעגליך געווען, ס׳זאָל פאָרקומען, ביז דער מאָדערנער תקופה, ד. ה. ביזן אַנטשטיין און אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם? און ער גיט דערויף אַ קלאָרן ענטפער: ווייל נאָר די קאַפּיטאַליסטישע תקופה מיט איר אומגעהויערער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, מיט איר אינטערנאַציאָנאַלער ווירטשאַפט און וועלט־מאַרק, מיט איר געוואַלדיגער, אַלץ וואַקסנדיגער קאָנצענטרירונג פון קאַפּיטאַל און אַרבעט האָט צוערשט באַשאַפן דעם אָביעקטיוון באָדן פאַר דער קאָלעקטיוויסטישער ווירטשאַפט און, בכן, אויך דעם רעאַלן באַזיס פאַר אַזאַ מאַסן־באַוועגונג. ביז דעמאָלט האָט דער סאָציאַליזם אפשר געקאָנט זיין אַ מטושטשער טרוים פון איינצלנע יחידים, אָבער ניט קיין רעאַלער אָביעקט פאַר אַ מאַסן־באַוועגונג. ווי שלעכט, ווי אומערטרעגליך שווער מענטשן האָט זיך פריהער ניט געלעבט, און וואָס פאַר גלענצנדיגע פּערספּעקטיוון, וואָס פאַר אַ צויבער־בילדער פון אַ נייעם סאָציאַליסטישן לעבן וואָלטן דעמאָלט ניט אויסגעמאָלט זיי די אָדער יענע גרופּע באַגייסטערטע אידעאַ־

ליסטן, וואָלטן די דרשות פון די אידעאַליסטן געמוזט אומפאַרמיידליך בלייבן אַ קול קורא במדבר, כל זמן דער *ווירטשאַפטליכער תוך* פון דעם נייעם לעבן איז ניט געוואַקסן אין שויס פון דעם אַלטן, כל זמן די ציגל פאַרן נייעם בנין האָבן זיך ניט געזאַמלט אויפן אַלטן באָדן. די מאַסן וואָלט געפעלט ניט נאָר גלויבן, אָרגאַניזירטקייט, נאָר אַפילו גענוג *ווילן*, כדי נאָכצוגיין די דאָזיגע אידעאַליסטן. ווייל דער *ווילן* פון די מאַסן, ניט דער *אַבסטראַקטער* ווילן גלאַט אין דער וועלט אַריין, ווי עס גלוסט זיך אַמאָל אַ טעלערל פון הימל אָדער וואַרימע קויליטשן זאָלן אייך פאַלן גלייך אין מויל אַריין, נאָר דער *פעסטער, אַקטיווער, קלאָרער* און *צילבאַוואוסטער געזעלשאַפטליכער* ווילן, וואָס קאָאָרדינירט און שליסט צוזאַמען די איינצלנע ווילנס פון די יחידים, וואָס ווירקט בתמידות און פירט אָן מיטן טאָג־טעגליכן לעבן און קאַמף — אָט דער פאָזיטיווער, שאַפנדיגער ווילן פון די מאַסן קאָן זיך אויסבילדן נאָר ביי די דאָזיגע תנאים: ראשית, איז אומבאַדינגט נויטיג, אַז אין זייער טאָג־טעגליכן לעבן, גופא אין פראָצעס פון אַרבעט און קאַמף פאַרן באַפרידיגן זייערע טאָג־טעגליכע באַדערפענישן זאָלן זיך די מאַסן כסדר אָנשטויסן אויפן *לעבנס־אמת* פון אידעאַל, צו וואָס זיי שטרעבן, אַז די צוקונפטס־קערנדלאַך, וואָס שפראָצן אַרויס אויפן באָדן פון דער קאָנקרעטער ווירקליכקייט, זאָלן שטענדיג אויפן בולטסטן אופן דערמאָנען זיי אָן נייעם לעבן, זאָלן אַריינדרינגען אין אַלע ווינקעלאַך פון זייער באַוואוסטזיין און אונטערטעניג מאַכן צו זיך אַלע באַוועגונגען פון זייער גייסטיגן וועזן; והשנית — איז ניט ווייניגער נויטיג, אַז די זעלבע מאַסן זאָלן זיך אוממיטלבאַר אָרגאַניזירן, פאַראייניגן און צוזאַמענשליסן גופא אין דעם דאָזיגן פראָצעס פון אַרבעט און קאַמף פאַר דעם באַפרידיגן זייערע טאָג־טעגליכע לעבנס־באַדערפענישן. אַבסטראַקטע אידעאַלן, ווי דערהויבן זיי זאָלן ניט זיין, ווי באַלד אָבער זיי זיינען *ניט פאַרבונדן אָרגאַניש מיטן טאָג־טעגליכן קאָנקרעטן לעבן*, מוזן זיי אומפאַרמיידליך בלייבן פרעמד די פאָלקסמאַסן, ווי לאַנג דער האַרטער, גרויזאַמער און אַלמעכטיגער קאַמף פאַרן קיום איז דער געוואַלדיגסטער פאַקטאָר פון לעבן, וואָס באַהערשט דעם ווילן און באַוואוסטזיין פון אָט די פאָלקסמאַסן.

די אַנטוויקלונג פון קאַפיטאַליזם האָט צוערשט באַשאַפן די דאָזיגע גרונדזעצליכע תנאים פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. צוזאַמען

מיט דער שטייגנדיגער קאָנצענטרירונג פון קאַפּיטאַל און אַרבעט, ד. ה. צוזאַמען מיטן וואוקס פון די אָביעקטיווע טענדענצן און מעגליכקייטן פאַר דער קאָלעקטיוויסטישערווירטשאַפט, איז פאָרגעקומען די שטייגנדיגע צוזאַמענשליסונג און קאָנסאָלידירונג פון די אַרבעטער־מאַסן, דער וואוקס פון זייערע קלאַסן־ און קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס. פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז, בכן, געשטאַנען נאָר איין צענטראַלע אויפגאַבע: אַריינציהען וואָס ברייטערע אַרבעטער־שיכטן אין אָט די קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס, אָנפירן מיט זייער עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף און אַנטוויקלען זייער סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין. און מ׳האָט זיך פאָרגעשטעלט אַזוי, אַז אין אַ מאָמענט, ווען אָט די ביידע פאַקטאָרן, וואָס גייען צוזאַמען האַנט ביי האַנט, סיי דער אָביעקטיווער, — די קאָנצענטרירונג פון קאַפּיטאַל און אַרבעט, סיי דער סובּיעקטיווער — דער וואוקס פון די סאָציאַליסטישע קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וועלן דערגרייכן די געהעריגע מדרגה פון רייפקייט און צייטיגקייט, וועט אויסברעכן די רעוואָלוציע און ס׳וועט אָנקומען דער באַרימטער צווייטער טאָג נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אמת, ניט אַלץ איז דאָ געגאַנגען גאָר אַזוי כשורה, ווי מ׳האָט זיך פאָרגעשטעלט. דוקא אין דעם קלאַסישן לאַנד פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג — אין ענגלאַנד און אַצינד אויך אין אַמעריקע — איז די קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער־מאַסן אין פּאָליטישער הינזיכט, אין סאָציאַליסטישן זין געווען שטאַרק אָפּגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט דער אַנטוויקלונג פון די איבעריגע מאָמענטן און פאַקטאָרן. מ׳האָט אָבער דערינען ניט געזעהן קיין געפאַר פאַרן סאָציאַליזם, מ׳האָט דאָס דערקלערט דורך אָרטיגע און צייטווייליגע סבות און מ׳איז געווען זיכער, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף וועט דאָך סוף כל סוף אומבאַדינגט מוזן פירן צו דער פונאַנדערוויקלונג פון פּאָליטישן קאַמף און, היוצא מזה, — צו דער געהעריגער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין. און, ווירקליך, דער אומגעהויערער וואוקס פון דער ענגלישער „לייבאָר פּאַרטיי“ פאַר די לעצטע יאָרן האָט אין אַלגעמיין באַשטעטיגט די דאָזיגע הנחה.

די סאָציאַליסטן האָבן אָבער ניט איינגעזעהן, אַז ס׳איז דאָ אַן אַנדערע געפאַר, אַ סך אַ גרעסערע, וואָס ליגט פיל טיפער. די געפאַר באַשטייט אין דעם, וואָס דער אינעווייניגסטער פּסיכישער אי־

באַגריפֿן, פֿון אַלטן צום נייעם מענטשן, דער פּראָצעס פֿון דער נשמה־איבערשמעלצונג, די גייסטיקע פּאַרמירונג און אויסבילדונג פֿונעם נייעם מענטשליכן טיפּ שטייט שרעקליך אָפּ ניט נאָר פֿון די אָביעקטיווע, ריין עקאָנאָמישע, ווירטשאַפֿטלעכע אַנט־וויקלונגס־פּראָצעסן, נאָר אויך — פֿון די סוביעקטיווע מאָמענטן — פֿונעם וואוקס פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אַפּילו פֿון סאָציאַ־ליסטישן באַוואוסטזיין ביי די אַרבעטער־מאַסן.
דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן אַזוינע פֿאַלן, ווי דער רוסלענדער עקספּערימענט, ווען מ'האָט געשטרעבט מיט געוואַלד אָנבינדן דעם סאָציאַליזם אַ באַ־פֿעלקערונג, וואָס האָט ניט געוואָלט פֿון אים זעהן און הערן, וואָס איז אים דורך און דורך, אָרגאַניש פֿרעמד און פֿיינטליך. דאָ האָבן מיר אין זין גופא די סאָציאַלסטישע באַוועגונג, די אינעווייניגסטע סתירות, וואָס אַנטפּלעקן זיך גופא אין פּראָצעס פֿון איר אַנטוויקלונג. ביז ניט לאַנג האָט מען די סתירות גאָר ניט באַמערקט. מ'האָט געמיינט, אַז פֿאַרן סאָציאַליזם איז דורכאויס געוווּנג, ווען זיינע אָנהייגער, וואָס שליסן זיך אָן אָן דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג, אָנערקענען די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע, נעמען אָן דעם סאָציאַליסטישן אני־מאמין. מ'האָט ניט באַנומען, אַז די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע, דער סאָציאַליסטישער באַוואוסטזיין בילדן בלויז איין מאָ־מענט, ווייט ניט דעם וויכטיגסטן, ווייט ניט דעם אַנטשיידנסטן, אין דעם גייסטיגן וועזן פֿון נייעם מענטשן, וואָס איז באַרופֿן און בכח צו פֿאַרווירק־ליכן דעם סאָציאַליזם, אַז אַ פּיל וויכטיגערע און אַנטשיידענערע ראָלע שפּילן דאָ די באַהאַלטענע פּראָצעסן, וואָס קומען פֿאָר אין פּסיכישן אונטערגרונד, הינטער די קוליסן פֿון באַוואוסטזיין, אַז גובר זיין אין זיך די טיפֿע, דורך לאַנגע דורות איינגעוואָרצלטע בלינדע אינסטינקטן, נייגונגען, טראַדיציעס און ירושות, איז ניט אין אַן ערך שווערער איידער אָנערקענען און אָננעמען די סאָציאַ־ליסטישע אמתן, און אַז, בכן, איז נאַטירליך אָנצושטויסן זיך דאָ אויף אַזוינע סתירות און קאָנפֿליקטן, וואָס זאָלן פֿירן צו געפֿערליכע רע־זולטאַטן.
דעם ערשטן גרויזאַמען אָנזאָג וועגן אַזאַ געפֿאַר האָט געגעבן די

וועלט־מלחמה. ווער ווייס עס ניט, אַז דער פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָ־
נאַליזם, פון ברידערליכער סאָלידאַריטעט צווישן פּראָלעטאַריער פון פאַר־
שיידענע לענדער איז איינער פון די הויפּט־יסודות פון סאָציאַליזם, איינער
פון די גרונד־שטיינער, אויף וואָס די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע באַ־
זירט. אין משך פון צענדליגער יאָרן נאָכאַנאַנד האָט מען דאָס ניט אויפ־
געהערט צו פּרעדיגן, אויף פאַרשיידענערליי אופנים, ביי כלערליי געלעגנ־
הייטן פעסטשטעלן און פּראָקלאַמירן, אַזוי אַז דאָס איז שוין ממש אין
אַ סאָציאַליסטישן אלף־בית פאַרוואַנדלט געוואָרן. נאָר אויפן לעצטן
אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס ערב דער מלחמה האָט מען
דאָס ווידער אַמאָל שאַרף און קאַטעגאָריש באַטאָנט און אונטערגע־
שטרייכט, אַזוי אַז ביי קיינעם האָט לחלוטין קיין צווייפל ניט געקאָנט
זיין, אַז לכל הפּחות אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג,
וואָס שליסט זיך אָן אָן דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, איז אין
דעם פּרט די זאַך געשטאַנען אַזוי זיכער, וואָס קאָן זיכערער ניט זיין און
קיינע סורפּריזן און אַנטוישונגען איז ניט געווען צו ערוואַרטן... נאָר
אָט האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, וואָס דרך אגב, אין די סאָציאַ־
ליסטישע קרייזן האָט מען זי שוין לאַנג פאָראויסגעזעהן, מ׳האָט זיך דאָרט
אויף איר געריכט און אפילו זיך געגרייט צו איר, — און פון גרויסן פּראַכט־
פולן טעמפּל פון אינטערנאַציאָנאַל איז פּלוצלינג, אומערוואַרטעט, אין
איין הרף־עין, פּונקט ווי פון אַ קאָרטן־הייזל, אַ תל־עולם געוואָרן. מיליאָנען
באַוואוסטזיניגע, סאָציאַליסטיש־דיינקענדיגע אַרבעטער מיט זייערע לע־
רער און פירער האָבן זיך מיט אַמאָל געוואָרפן ווי בלוטדורשטיגע חיות
איינע אויף די אַנדערע אין נאָמען פון „הייליגן קאַמף פאַרן פאָטער־
לאַנד“...

און באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס דוקא די שאַרפסטע
קעגנער פון נאַציאָנאַלן מאָמענט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, די
קאָנסעקווענטע, די עקסטרעמע קאָסמאָפּאָליטן, וואָס האָבן דאָרט גע־
פירט דעם העפטיגסטן און ביטערן קאַמף קעגן דעם „נאַציאָנאַליסטישן
מייוול“, האָבן זיך די ערשטע געוואָרפן אין ווילדן שלאַכט און זייגען
געוואָרן די אָנפירער און די אידעאָלאָגן פון דעם פּאַטריאָטיש־שאָוויניסטישן
שדים־טאַנץ... נאַטירליך, מ׳קאָן ניט חושד זיין ניט פלעכאַנאָוון און
ניט געדן, אפילו — ניט שיידעמאַנען און וואַנדערוועלדן, און די ערשטע
צייט — אפשר אויך ניט הערווי, אַז זיי האָבן געהאַנדלט ק ע ג ן זייער

סאָציאַליסטישן געוויסן, זיי זיינען געווים ערליך און אויפריכטיג געווען און סובּיעקטיוו טריי־געבּליבּן זייער סאָציאַליסטישן אני־מאמין, ווען זיי האָבּן געפּריידיגט „בּורג־פרידן" מיט דער רוסלענדער זעלבּסט־הערשנדיגער דעספּאָטישער רעאַקציע אָדער מיטן דייטשן יונקערישן אימפּעריאַליזם. זיי האָט זיך געוויס געדאַכט, אַז דאָס פּאָדערט פון זיי דער הייליגער חוב פּאַרן סאָציאַליזם, אַז דערמיט דערנעהעטערן זיי דעם נצחון פון אידעאַל, פאַר וואָס זיי האָבּן דאָס גאַנצע לעבּן אַזוי מוטיג געקעמפט. אָבּער אַצינד קאָן שוין, דוכט זיך, בּיי קיינעם קיין ספק ניט זיין אין דעם, אַז ניט צופעליג האָט עס געשען אַזוי, וואָס דוקא פּלעכאַנאָוו איז געקומען צו דער טיפער איבּערצייגונג, אַז דער נצחון פון סאָציאַליזם איז איינג צוזאַמענגעבּונדן מיטן קאַמף, האַנט בּיי האַנט מיט דער רוסלענדער דעספּאָטיע, קעגן דעם דייטשן יונקערישן אימפּעריאַליזם, און, פאַרקערט, שיידעמאַנען האָט זיך אויס־געוויזן פּונקט דער היפּוך, אַז די שרעקליכע געפאַר פאַרן סאָציאַליזם שטעקט נאָר אין דער צאַרישער רוסלענדער רע־אַקציע, און, כדי צו בּאַקעמפן זי, מוז מען זיך פאַראייניגן מיטן דייטשן יונקערישן אימפּעריאַליזם... ניין! דאָ איז קיין שום צופעליגקייט ניט געווען! מיר האָבּן דאָ פאַר זיך אַ נויטווענדיגע, אַ געזעצמעסיגע ערשיינונג. דאָס האָבּן זיך פּשוט מיט אַ ווילדער סטיכישער קראַפט דורכגעריסן די בּלינדע, די פּרימיטיווע נאַציאָנאַליסטישע אינסטינקטן, וואָס מ'האָט זיי בּלויז אויסערליך פאַרשטיקט, פאַררוקט ערגעץ אין אַ ווינקל הינטערן בּאַוואוסטזיין, אָבּער ניט אינערליך גובר געווען דורך אַ סיסטעמאַטישער גייסטיגער ערציהונג און איבּערשמעלצונג פון דער נשמה, דורך בּאַזונדערע מעטאָדן פון אינער־ליכער זעלבּסטבּאַקעמפונג און זעלבּסט־איבּערווינדונג. און בּיי דעם ערשטן ערנסטן נסיון, וואָס האָט די דאָזיגע בּלינדע פּרימיטיווע אינ־סטינקטן אויפגערודערט און אויפגעטרייסלט, האָבּן זיי זיך מיט אַזאַ ווילדן אימפּעט אַ לאָז געטאָן פון זייערע בּאַהעלטענישן און פינסטערע אָפּגרונדן, אַז זיי האָבּן אין שטורעם ווי אַ פעדער ערגעץ העט־ווייט אַוועקגעשליידערט און צעשמעטערט דאָס דינע הייטל פון דער קאָסמאָ־פּאָליטישער אידעאָלאָגיע און פון אינטערנאַציאָנאַלן בּאַוואוסטזיין...

נאָך דער מלחמה איז געקומען אַ צווייטער, נאָך אַ פיל שרעקלי־כערער און גרויזאַמערער אָנזאָג — דאָס איז די בּאָלשעוויסטישע רעוואָ־

לוציע אין רוסלאַנד. ס׳פאַרשטייט זיך, עס קאָן ניט זיין קיין גרעסערע בלינדקייט און טעמפּקייט, ווי אַוועקשטעלן אין איין שורה באָלשעוויזם און סאָציאַליזם און זאָגן: חד הוא. בכל אופן, פאַר אונז טרעטן זיי אַרויס ווי צוויי אין תוך אַריין קעגנזעצליכע פּאָלוסן, וואָס שליסן לגמרי אויס איינער דעם צווייטן. און דאָך, אָדער אפשר טאַקע דערפאַר גופא, האָט דער באָלשעוויסטישער קרומער שפּיגל אַנטפּלעקט פאַר אונז אַזוינע ווילדע פאַרזעהעניש, אַזוינע צוהויקערטע און פאַרקריפּלטע געשטאַלטן און בילדער, וואָס וואַרפן אַ אויסערגעוויינליכן בליק־שיין אויף יענע אָפּגרונטן, וואָס אין געוויינליכן, נאָרמאַלן צושטאַנד זיינען זיי געדיכט פאַרשלייערט און פאַרמאַסקירט און וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די גרעסטע, די שרעקליכסטע געפאַר פאַרן סאָציאַליזם. סוף כל סוף איז דאָך דאָס אַ הימלשרייענדיגער פאַקט, וואָס ווי מ׳זאָל אים ניט אויסטייטשן, קאָן קיינער זיין עצם מציאות ניט פאַרלייקענען, אַז אין אַוואַנגאַרד פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז געשטאַנען דער פּראָלעטאַריאַט, אַז דירעקט האָט אָנגעפירט מיט דער רעוואָלוציע די עקסטרעמע, די רעוואָלוציאָנערסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, און אָט — אָנשטאָט צו פירן אונז צום סאָציאַליזם, האָט מען אונז אַוועקגעשלײדערט אויף הונדערטער יאָרן צוריק, צו די פינסטערע עפּאָכן פון מיטלעלטער, אָדער נאָך ווייטער — צו די גרוי־אַלטע מזרחישע דעספּאָטיעס!... וואָס זשע פאָרט דערציילט אונז אוממיטלבאַר דער דאָזיגער הימלשרייענדיגער פאַקט? ער דערציילט אונז ווידער אַמאָל די זעלבע שרעקליך־טרויעריגע, שוידערהאַפטע געשיכטע וועגן דעם, ווי אַזוי בלינדע פּרימיטיווע אינסטינקטן, ירושות פון טויזנטיאָריגער פינסטערער קנעכטשאַפט און ווילדן דעספּאָטיזם, אָט דער גאַנצער פאַרקריפּלטער נשמה־קנויל פונם אַלטן מענטשן, וואָס מ׳האָט נאָר אויסערליך פאַרשטיקט, פאַררוקט ערגעץ אין אַ ווינקל הינטערן באַוואוסטזיין, אָבער ניט אינערליך גובר געווען דורך אַ סיסטעמאַטישער גייסטיגער ערציהונג, דורך אַנטשפּרעכנדיגע געזעלשאַפטליך־פּאָליטישע מעטאָדן פון זעלבסטבאַקעמפונג און זעלבסטאיבערווינדונג, — ווי אַזוי די דאָזיגע בלינדע אינסטינקטן און פאַרקריפּלטער נשמה־קנויל האָבן אין שטורעם פון דער גרויסער אויפטרייסלונג מיט גוואַלד און אימפּעט אַרויסגעריסן זיך פון זייערע באַהעלטעניש און אָפּגרונטן, דורכגעריסן דאָס דינינקע

הייטל פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, און זי אין שמוציגן מיסט־קאַסטן אַוועקגעשליידערט...

אַט די גרויזאַמע אַנזאָגן, אַט די געשיכטליכע סיגנאַלן, אַט די מיט פייערדיגע אותיות אויסגעקריצטע אויפן וואַנט: „מנא, תקל ופרס“ מוזן יעדן ערנסטן און אויפריכטיגן סאָציאַליסט, וועמעס האַרץ און מח זיינען וואַך און צאַפּלדיג, ניט פאַרטעמפּט און פאַרגליווערט אין טויטן דאָקטרינערן דאָגמאַטיזם, עפענען די אויגן אויף דער גרויסער סכנה, וואָס שטעקט אין אָט די טיפע סתירות פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און שטויסן אים צו אַ גרינדליכן חשבון־הנפש. און דעמאָלט וועט פאַר אים קלאָר ווערן, אַז די הויפּט־פּראָבלעם, וואָס שטייט אַצינד פאר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, דאָס איז די דור־המדבר־פּראָבלעם, די פראַגע וועגן אינערליכער צוגרייטונג, גייסטיגער קאָנסאָלידירונג, סאָציאַלער און מאָראַלער פאָרמירונג פונם נייעם מענטשן. אויפזוכן די פאַרשיידענע פּאָליטישע, געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע וועגן, וואָס פירן דערצו, הייסט אַצינד, אויף דער איצטיגער שטופע פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג, אויפזוכן דעם דרך־המלך, וואָס פירט צום סאָציאַליזם.

ווי געזאָגט, קאָן און דאַרף די דאָזיגע הויפּט־פּראָבלעם געשטעלט ווערן נאָר אין די ראַמען פון דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע. פאַר די כלערליי אַנדערע, כלומרשט אַרכי־רעוואָלוציאָנערע, מאַקסימאַליסטישע דאָקטרינען, וואָס זיינען באַהערשט פון ראַציאָנאַליסטישן געדאַנקען־גאַנג, וואָס אָפּערירן בלויז מיטן שכל הישר, מיט דער גלייכער סברה און מיטן עלעמענטאַרן געפיל פון יושר, עקסיסטירן אַזוינע פּראָבלעמעס כלל ניט. נאָר דער מאַרקסיזם, וואָס איז דורך און דורכגעדרונגען מיטן שטריינגען עוואָלוציע־פּרינציפּ, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אין אונטערגרונד פון סאָציאַלן לעבן, אין די טיפענישן פון די מאָלעקולאַרע פּראָצעסן, פאָרשט אויס די עצם מעכאַניק פון דער געשיכטליכער אַנטוויקלונג און באַנעמט אוממיטלבאַר אירע שווערע לאַנגזאַמע טריט, — נאָר דער מאַרקסיזם קאָן דורכנעמען די דאָזיגע פּראָבלעם אין איר גאַנצער גרויס און טיף, דערפילן בחוש איר אויסערגעוויינליכע וויכטיגקייט, איר אַקטועלן זין און באַטייט. און דעמאָלט, ווי נאָר די דאָזיגע פּראָבלעם וועט פאַר אים אַוועקגעשטעלט ווערן

אויפֿן סדר־היום, וועט זיך גלייך אַרויסווייזן, וואָס פֿאַר אַ ראַדיקאַלע רעוויזיע מוז דורכגעפֿירט ווערן אין דער טעאָריע און פּראַקטיק פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס פֿאַר אַ גרינדלעכן שינוי־ערכין מ׳מוז דורכמאַכן אין דער סיסטעם פֿון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע און טאַקטיק.

בלויז אויף אַ פּאָר גרונד־ליניעס פֿון דאָזיגן שינוי־ערכין ווילן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן.

## VI

## וועגן סאָציאַליזם און עטיק

אין דער ערשטער רייע דאַרף דער שינוי־ערכין דורכדרינגען די ספֿערע פֿון באַציהונגען צווישן סאָציאַליזם און עטיק.

מיר האָבן אין איינעם פֿון די פֿריהערדיגע קאַפּיטלאַך אָנגעוויזן, אַז אין יסוד פֿון מאָדערנעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליסטישן אידעאַל ליגט ניט דער *עטישער* מאָמענט, נאָר דער מאָמענט פֿון אוניווערסאַלער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, דאָס קעגנשטעלן זיך פֿון דער מענטשהייט דעם גאַנצן קאָסמאָס, דאָס שטרעבן צו באַהערשן די וועלט. ס׳קאָן אָבער ניט זיין קיין פֿאַלשערע און אומזיניגערע זאַך, ווי קומען אויף דעם סמך צום אויספֿיר, אַז דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם האָט מיט עטיק כּלל ניט צו טון, אַז ער פֿאַרהאַלט זיך צו די מאָראַלע פּראָבלעמען דורכאויס גלייכגילטיג. און מ׳מוז זאָגן, אַז אָט־אָ דער אומזין איז שטאַרק פֿאַר־שפּרייט ניט נאָר צווישן די קעגנער פֿון מאַרקסיזם, וואָס זיינען אַזוי ווי באַרופֿן צו וואולגאַריזירן אים, דערפֿירן ביזן אַבסורד, נאָר אַפֿילו צווישן זעהר פֿיל פֿון זיינע הייסע חסידים. און דער געדאַנקען־גאַנג איז דאָ אַזאַ: לויט דער מאַרקסיסטישער קאָנצעפּציע קומט אויס, אַז עטיק איז ניט קיין זעלבסטשטענדיגער יש, פֿאַרמאָגט ניט קיין זעלבסטשטענדיגן וועזן, זי איז בלויז אַן *אָפּשפּיגלונג* פֿון דער סאָציאַלער *מאַטעריע*, דער אויסערלעכער אויסדרוק פֿון קלאַסן־*אינטערעסן* און קלאַסן־*ענגאָאיזמען*. די אַלע שיינע און הויכע ווערטער וועגן יושר און גערעכטיגקייט, וועגן דערהויבנקייט פֿון מענטשלעכן געוויסן זיינען ניט מער ווי אַ שלייער פֿון צביעות, מיט וואָס מ׳פֿאַרדעקט די חרפּה פֿון אָט די קלאַסן־אינטערעסן און קלאַסן־ענגאָאיזמען. דער מאַרקסיזם האָט דעם

שלייער אַראָפּגעריסן און די חרפּה אויפגעדעקט. ער האָט דעריבער מער ניט צו טון מיט מאָראַל, מיט אָט דער ספּעציעלער שירם, געוועבט פון פּאַריסייאישער פאַלשקייט און צביעות, וואָס די הערשנדיגע קלאַסן פון אַלע צייטן באַנוצן זיך מיט דעם, כדי אָפּצונאַרן און פאַרפירן די אונטערדריקטע און עקספּלאָטירטע. ער טרעט דעריבער אַרויס אָפן און ערליך אין נאָמען ניט פון הימלישער עטיק, נאָר פון ערדישע פּראָ-לעטאַרישע קלאַסן-אינטערעסן.

ס'איז שווער אויסצומאָלן זיך אַ גרעסערע אויבערפלעכליכקייט, מער טעאָרעטישן לייכטזין, ווי אָט דעם געדאַנקען-גאַנג.

מיר וועלן זיך ניט אַריינלאָזן אין ווייטע חקירות וועגן פילאָזאָפישער און לאָגישער דעפיניציע פונם באַגריף פון עטיק, הגם ס'וואָלט דערביי ניט שווער געווען צו דערווייזן, אַז פון דעם, וואָס דער מקור פון עטיק איז אינטערעסן און עגאָאיזמען, קאָן מען פאַר קיין פאַל ניט דרינגען, אַז זי איז ניט קיין זעלבסטשטענדיגער יש, אַז זי פאַרמאָגט ניט קיין זעלבסט-שטענדיגן ווערט.

מיר וועלן זיך אָבער ווענדן צום תוך הענין.

ס'איז גענוג אַביסל טיפער אַריינטראַכטן זיך אין תוך פון דער זאַך, כדי פאַר אייך זאָל קלאָר ווערן, אַז ס'איז לחלוטין אויסגעשלאָסן די פאָרמירונג און עקסיסטענץ פון אַ מענטשליכער געזעלשאַפט, פון אַ מענטשליכער געמיינשאַפט אָהן די צעמענטירנדיגע און רעגולירנדיגע עטישע נאָרמען. דערביי האָבן מיר אין זינען, אַז עטיק און רעכט געהערן צו איינער און דער זעלבער קאַטעגאָריע: עטיק איז דאָס רעכט פון דער צוקונפט, אָדער רעכט איז די פאַרקערפּערטע עטיק פון דער פאַרגאַנגענהייט. צווישן עטיק און רעכט איז דער זעלבער צוזאַמענהאַנג ווי צווישן דעם אינעווייניגסטן תמיד שלאָגנדיגן און פליסנדיגן קוואַל און זיין פאַרגלי-ווערטן און פאַרהאַרטעוועטן אויבערפלאַך. ווען איר נעמט עטיק אין אָט דעם ברייטן זין, וואָס שליסט אין זיך איין אויך דאָס רעכט, מוזט איר איינ-זעהן בחוש, אַז זי בילדעט מיט זיך די לייס פון דער געזעלשאַפט, אָט יענע באַזונדערע קלעפּעדיגע מאַטעריע, וואָס איר אייגנשאַפט איז — צונויפנעמען און צוזאַמענשליסן, אַז זי ערפילט יענע צעמענטירנדיגע און רעגולירנדיגע פונקציע, וואָס פאַרוואַנדלט אוממיטלבאַר די איינ-צלנע אַטאָמיזירטע יחידים אין אַ קערפּערשאַפט,

אין אַ געמיינשאַפט. קאָן מען זיך דען פאָרשטעלן אַ וואָסערע ס'ניט איז מענטשליכע קערפערשאַפט אָדער געמיינשאַפט, וואָס זאָל ניט פאַרמאָגן קיין באַשטימטע נאָרמען פון צוזאַמענלעבן, וואָס יעדער מיטגליד איז פאַרפליכטעט צו פאָלגן און אויספילן זיי? דאָס וואָלט דאָך פשוט אַ נאָנסענס געווען! אָבער וואָס זיינען דאָס פאַרפליכטנדיגע נאָרמען, וואָס רעגולירן דאָס צוזאַמענלעבן, אויב ניט עטיק אין ברייטן זין פון וואָרט? אין דער הינזיכט איז די פונקציע פון עטיק זעהר ענליך צו דער פונקציע פון דער שפּראַך. די שפּראַך בילדעט די אַלגעמיינע אוניווערסאַלע פאָרם פון צווישנמענטשליכע באַציהונגען, די עטיק — די אוניווערסאַלע רעגולירנדיגע נאָרמען פון מענטשליכן צוזאַמענלעבן. און פונקט ווי ס'איז אוממעגליך צו דיינקען צווישנמענטשליכע באַציהונגען, וואָס זאָלן עקסיסטירן אויסער דער שפּראַכליכער פאָרם, אַזוי איז אויך אוממעגליך צו דיינקען אַ וועלכן ניט איז געמיינשאַפטליכן צוזאַמענלעבן אויסער עטיש־רעכטליכע רעגולירנדיגע נאָרמען.

ובכן, אויב יאָ אַזוי, איז וואָס אייגנטליך פאַר אַ באַדייטונג קאָן האָבן פאַרן עצם פון עטיק, פאַר איר ראָלע און פונקציע דער מקור, פון וואַנען זי שטאַמט? זאָל זיין, אַז איר שרש איז ניט דער געטליכער מאָראַלער געזעץ אין אונז, נאָר דער גראָבער חומר, הוילע אינטערעסן און עגאָאיזמען: ענדערט דען דאָס איר פונקציע? פאַרמינדערט דאָס איר ראָלע? פאַר קיין פאַל ניט! סוף כל סוף האָט דאָס די זעלבע באַדייטונג, וואָס עס האָט פאַרן עצם און פונקציע פון דער שפּראַך דער שרש, פון וואַנען זי שטאַמט: האָט זי אדם הראשון מיט זיך פון גן־עדן געבראַכט, אָדער זי פאַרמאָגט אַזאַ מאוסן יחוס־בריוו, וואָס שפּאַרט אָן שיעור ניט ביז דער מאַלפּע?...

און ווייטער — זאָגט דען עפּעס קעגן עצם פון עטיק, קעגן איר פונקציע דער פאַקט, וואָס די הערשנדיגע קלאַסן נוצן זי אויס, ווי אַ מעכטיגן הובל, ווי אַ אומשאַצבאַר ווערקצייג פאַר זייערע הערשער־אינטערעסן און עקספּלאָטאַציע־צוועקן? פונקט דער היפוך, דאָס באַווייזט נאָר איר גרויסן באַטייט און אומגעהויערן ווערט, און דעריבער — ניט אָפּזאָגן זיך פון דעם, ניט אַוועקוואַרפן דאָס ווערקצייג דאַרפן די עקספּלאָטירטע און אונטערדריקטע, נאָר פאַרקערט — אַרויסשלאָגן עס

פונם שונאס האַנט און פון אַ מיטל פּ אַ ר עקספּלאָטאַציע און אונטער־דריקונג פאַרוואַנדלען דאָס אין אַ קאַמף־געווער קעגן עקספּלאָטאַציע און אונטערדריקונג, אין אַ באַזיס פאַר אַ פרייען און ווירדיגן מענטשליכן צו־זאַמענלעבן. קליבט זיך דען דער פּראָלעטאַריאַט אָפּזאָגן זיך, למשל, פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן און, בכלל, פון די אַלע מאַטעריעלע און קולטורעלע אוצרות, וואָס זיינען אָנגעזאַמלט אין געזעלשאַפט, אויף דעם סמך, וואָס די בורזשואַזיע נוצט עס אויס צוליב אירע הערשער־אינטע־רעסן און עקספּלאָטאַציע־צוועקן? ניין! בשום אופן ניט! ניט אָ פּ ז אָ ג ן זיך פון דער רייכער ירושה, נאָר, פאַרקערט, ב אַ ה ע ר ש ן זי, פאַר־וואַנדלען זי פון יחידישן אין אַלגעמיינעם אייגנטום, אין געזעלשאַפטליכן קאַפּיטאַל — דאָס פאָדערט תמיד אָן דער סאָציאַליזם. די מאַרק־סיסטישע פּרינציפּיעלע קעגנער פון עטיק בכלל — ניט פון די אָדער יענע פאַרקערפּערטע עטישע נאָרמען, ניט פון דער אָדער יענער קאָנ־קרעטער עטישער סיסטעם, נאָר פון ע צ ם ־ פּ ר י נ צ י פּ — זיינען דעריבער געגליכן צו יענע אומבאַוואוסטזיניגע פינסטערע פּראָלעטאַריער אין דער באַגינען־עפּאָכע פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואָס פלעגן צעשטערן די מאַשינעס, פאַרברענען די פאַבריקן, זעהענדיג דעם מקור פון אַל דאָס בייז ניט אין דער סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָ־טאַציע, נאָר אין דער עצם מאַשין, אין דער פאַבריק גופא.

אַזאַ באַציהונג צו עטיק אין די מאַרקסיסטישע רייען האָט איר פּ ס י־כ אָ ל אָ ג י ש ע ערקלערונג אין דעם קאַמף, וואָס דעם מאַרקסיזם איז אויס־געקומען צו פירן קעגן אוטאָפּישן סאָציאַליזם אין זיינע פאַרשיידענע ריכ־טונגען און שאַטירונגען. די פּרימיטיווע פּשטות פון ראַציאָנאַליסטישן נעדאַנקען־גאַנג און עלעמענטאַרן יושר־געפיל, מיט וואָס דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם איז דורכגעדרונגען, האָט ניט געגעבן קיין פעסטן א י ד ע ־אָ ל אָ ג י ש ן ש ט י צ פּ ו נ ק ט, וואו אַהער צושטעלן דער הובל, וואָס זאָל אויפהויבן אַ גרויסע פּראָלעטאַרישע מ אַ ס ן ־ ב אַ ו ו ע ג ו נ ג. מיט אַזאַ פּרימיטיוון פאַרצייטיגן ראַציאָנאַליסטישן נראַב־אייזן האָט מען גע־קאָנט פונאַנדערגראָבן די גערטנדלאַך פון איינצלנע אויבערשטע מער אָדער ווייניגער אינטעליגענטישע ק ר יי ז ל אַ ך, אָבער ניט ברייט און טיף אויפאַקערן דעם אומגעהויער גרויסן ניט געררירטן שטח ליימיגע שוואַרץ־ערד פון פּ י ל מ י ל י אָ נ י ג ן אַ ר ב ע ט ע ר ־ ק ל אַ ס. דאָ האָט זיך געפאָדערט ניט קיין אַלטפרענקישער גראָב־אייזן, נאָר אַ

מעכטיגע אַקער־מאַשין, אַ מאָדערנער  ט ר אַ ק ט אָ ר,  און דאָס האָט געגעבן דער מאַרקסיזם מיט זיין טעאָריע וועגן דער סטיכישער, דער אָביעקטיווער נויטווענדיגקייט פון היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס פירט צום סאָציאַליזם מיט דער אומפאַרמיידליכקייט פון אַן אייזערנעם געזעץ. דערמיט האָט ער אונטערגעפירט אַ פעסטן און זיכערן אידעאָלאָגישן פונ־דאַמענט אונטער דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליסטישער מאַסן־באַוועגונג. וואָרום ווער קאָן עס לייקענען, אַז די טעאָריע, וואָס גיט די קלאָרע און פעסטע זיכערקייט אין ענדגילטיגן נצחון, וואָס ווייזט אָן קלאָר און דייטליך דעם זיכערן דרך־המלך, וואָס מוז אומבאַדינגט ברייגען צום נצחון, האָט פאַר דעם ניי־אויפגעקומענעם קלאַס, דעם נידעריגסטן שיכט, דעם פּאַריער אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, ברייט פונאַנדערגעפנט די טויערן פון דער געשיכטע, האָט אים אַרויסגעפירט אויפן פרייען היסטאָרישן שליאַך, אַריינגעגאָסן אין אים אַ געוואַלדיג־מעכטיגן שטראָם פון מונטערקייט, פון טיפן דורכגעדרונגענעם גלויבן, וואָס ערמוטיגט, וואָס באַפליגלט, וואָס שטויסט פאַראויס, צו אַרבעט און קאַמף?

מ׳האָט אָבער אין קאַמף קעגן אוטאָפּישן סאָציאַליזם דעם שטעקן איבערגעבויגן אין דער אַנדער זייט, און מ׳איז דאָ אַזוי העט־ווייט אַוועק, ביז מ׳איז ווירקליך דערגאַנגען צום אַבסורד. מ׳האָט געמאַכט דעם זעלבן גרונד־טעות, ווי די קריטיקער פון מאַרקסיזם, וועגן וואָס מיר האָבן אויבן, אין פריהעריגן קאַפּיטל, געשמועסט, וואָס האָבן אַזוי אויסגעטייטשט די אָביעקטיווע נויטווענדיגקייט פון היסטאָרישן פּראָצעס, אַז עס האָט זיך באַקומען אַ הוילע אַבסטראַקציע, אָהן לייב און לעבן, אָהן דער רעאַלער קאָנקרעטער פאָרם פון דער לעבעדיגער ווירקליכקייט: עס זעהט אויס אַזוי, ווי אַליין, וואָס קומט פאָר אין געשיכטליכן פּראָצעס, וואָלט פאָר־געקומען עפּעס אין אַ לופטלאָזן רוים, ווי פון זיך אַליין, מעכאַניש־אַווטאָמאַטיש, אָהן אונזער ווילן און ויסן, אָהן אונזער שטרעבן און קאַמף, מיט איין וואָרט — אָהן אונזער פּסיכישן אָנטייל... און אויך דאָ האָט מען אַזוי לאַנג דערוויזן, כסדר באַטאָנט און אונטערגעשטרייכט, אַז אין אונטערגרונד פון יעדער אידעאָלאָגיע ליגט דער גראָבער חומר, קלאַסן־אינטערעסן און קלאַסן־באַדערפעניש, ביז מ׳האָט אָנגעהויבן די אידעאָלאָגיע אינגאַנצן פאַרלייקענען, איר ראָלע, שיעור ניט די מציאות אירע גאָר ניט אָנערקענען, ד. ה. ביז מ׳איז פאַרקראָכן אין עפּעס אַ לופטלאָזן רוים, ביז מ׳איז געקומען צו אַ הוילער אַבסטראַקציע אָהן דער רעאַלער,

קאָנקרעטער פאָרם פון דער לעבעדיגער ווירקליכקייט. אין דער „אָביעקטיווער" דבקות, אין יאָגעניש נאָך דער „מאַטעריע" באַמערקט מען שוין ניט, ווי אַזוי מ'האָט אַרויסגעלאָזט פון אויג איין קלייניגקייט: אַז יעדע ענדערונג פון סאָציאַלן סדר, וואָס איז טאַקע אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס עס האָבן זיך געענדערט די ווירטשאַפטס-באַציהונגען, די כּוחות-פאַרהעלטענישן פון די פאַרשיידענע קלאַסן, געפינט אָבער אומבאַדינגט איר אוממיטלבאַרן אויסדרוק, איר אידעאָלאָגישע פאַרקערפּערונג אין דער ענדערונג פון דער רעכטס-סיסטעם, אויף וואָס די געזעלשאַפט באַזירט. אָט די אידעאָלאָגישע איבערקערעניש, די איבערקערעניש אין דער רעכטס-סיסטעם בילדעט דעם אויסערליכן פאָרמעלן תּמצית, דעם לבוש, אויף חסידיש-לשון, פון יעדער רעוואָלוציע. אַ רעוואָלוציע אָהן אַזאַ איבערקערעניש איז אַ הוילע אַבסטראַקציע.

נאָר לאָמיר אַביסל געגויער באַטראַכטן, אין וואָס אייגנטליך באַשטייט די דאָזיגע אידעאָלאָגישע איבערקערעניש, וואָס איז איר זין און וועזן? ווען איר ווילט אין איין אַלגעמיינער פאָרמול איבערגעבן איר תּמצית, דאַרפט איר זאָגן, אַז זי באַשטייט אין דעם, וואָס עטישע פּרינציפּן ווערן פאַרוואַנדלט אין רעכטליכע נאָרמען. לויט דער מאַרקסיסטישער קאָנצעפּציע הייסט עס אַזוי: די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן שאַפט נייע ווירטשאַפטס-באַציהונגען, נייע כּוחות-פאַרהעלטענישן אין דער געזעלשאַפט, סוף כּל סוף קומען זיי אין ווידערשפּרוך מיט דער עקסיסטירנדיגער רעכטס-סיסטעם, וואָס איז צוגעפּאַסט צו די אַלטע, אָפּגעלעבטע באַציהונגען און פאַרהעלטענישן, און דאַן הערט זי, די דאָזיגע רעכטס-סיסטעם, אויף צו ערפילן איר גרונד-פונקציע — אָרגאַניזירן די געזעלשאַפטליכע כּוחות אין קאַמף מיט דער נאַטור, און ווערט פאַרוואַנדלט אין איר היפּוך — אין אַ טאָרמאַז פאַר דער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג, און דעמאָלט אַנטשטייט אַ דרינגענדיגע באַדערפעניש אין אַ נייעם רעכט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די ניי-אויפגעקומענע באַציהונגען און פאַרהעלטענישן, וואָס זאָל שאַפן אַ באַזע פאַרן ווייטערדיגן אַנטוויקלונגס-פּראָצעס.

דאָס איז דער אָביעקטיווער זין און כאַראַקטער פון דער געשיכטליכער עוואָלוציע.

ווי אַזוי אָבער ווערט עס סוביעקטיוו באַנומען מצד

דעם קלאַס, וואָס טרעט אַרויס ווי דער טרעגער פון דער רעוואָלוציע, וואָס פאַרקערפערט אין זיך די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון דער געזעלשאַפט? ווי שפיגלט עס זיך אָפ אין זיין פילן און באַוואוסטזיין? ער באַנעמט די עקסיסטירנדיגע אָפגעלעבטע רעכט־יסודות, וואָס שטיקן, פענטען דאָס לעבן, וואָס דערלאָזן און סאַנקציאָנירן עקספלאָטאַציע און אונטערדריקונג, וואָס שאַפן פריווילעגיעס פאַר די אומנוצליך, אומפראָדוקטיוו־געוואָרענע פאַראַזיטארישע עלעמענטן, און דאַגעגן — צוימען און באַגרעניצונגען פאַר די ברייטע פרישע געזעלשאַפטליכע שיכטן, וואָס רייסן זיך צום פראָדוקטיוון בויען און שאַפן, — אָט די דאָזיגע רעכט־יסודות באַנעמט ער, ווי אַנטימאָראַלע, ווי די באַליידיגונג פון מענטשליכן געוויסן, ווי די פולסטע סתירה צום עטישן באַוואוסטזיין, צום געפיל פון גערעכטיגקייט און מענטשליכקייט. און, פאַרקערט, יענע נייע געזעלשאַפטליכע פאָרמען, נאָך וואָס ער גאַרט, צו וואָס ער שטרעבט, וואָס שאַפן פאַר אים די פרייע ראַמען, וואו ער וועט זיך קאָנען אויסלעבן, פונאַנדערוויקלען די באַהאַלטענע אין אים כוחות און פאָטענצן, וואָס באַזייטיגן פאַראַזיטאַרישע פריווילעגיעס, פון איין זייט, און אונטערדריקונג און עקספלאָטאַציע, פון דער אַנדער זייט, — זיי באַנעמט ער, ווי די אידעאַלע פאָרמען פון מענטשליכן צוזאַמענלעבן,, וואָס אַנטשפרעכן זיינע מאָראַלע פאָדערונגען, וואָס פאַרקערפערן אין זיך די העכערע עטישע פרינציפן פון גערעכטיגקייט און מענטשליכקייט. פאַרווירקליכן די עטישע פרינציפן אין לעבן, פאַרוואַנדלען זיי אין נאָרמען פון פאָזיטיוון רעכט, אויפשטעלן אויף זייערע יסודות נייע, העכערע, מענטשליכערע פאָרמען פון צוזאַמענלעבן, — דאָס איז פאַרן רעוואָלוציאָנערן קלאַס דער סובּיעקטיווער זין פון דער רעוואָלוציע, פון וואַנען ער שעפט באַגייסטערונג, אידעאַליזם, אָפפערווילינקייט און יענעם גרויסן פאַטאָס, וואָס שאַפט די זעלטענע וואונדער פון דער רעוואָלוציע. און וואָס ברייטער און טיפער דער פאַרנעם פון דער רעוואָלוציע, די פאָליטישע און סאָציאַלע אויפטרייסלונגען און איבערקערענישן, וואָס זי טראָגט מיט זיך, אַלץ העכער שלאָגן די כוואַליעס פון אידעאַליזם, אַלץ גרעסער די באַגייסטערונג און פאַטאָס. איגנאָרירן דעם עטישן מאָמענט, דערשטיקן די עטישע עמאָציעס און ליידנשאַפטן, פאַרטונקלען דאָס מאָראַלע באַוואוסטזיין — הייסט אין געוויסן זין אויסלעשן די נשמה פון דער רעוואָלוציע,

דעם פּאַטאָס אירן, פאַרשטאָפּן דעם מעכטיגסטן קוואַל פון אידעאַליזם און באַגייסטערונג. און — נאָך מער: דאָס הייסט אויפן חשבון פון די שאַפנדיגע מאָמענטן פון דער רעוואָלוציע פאַרשטאַרקן די צעשטערנ־דיגע, די וואַנדאַליסטישע. יעדער רעוואָלוציע, ווי אַ אומגעהויער גרויסע אויפטרייסלונג, ווי אַ סטיכישער אויסברוך, טראָגט מיט זיך פון די טיפסטע פינסטערע אָפּגרונטן שרעקליכן אויפרייס־מאַטעריאַל, צוזאַמענגעפרעסט פון טויזנטיאָריגע אונטערדריקונגען, קנעכטשאַפט, ווילדקייט, אכזריות און באַרבאַריזם. און ס׳איז דאָ תמיד אַ מוראדיגע געפאַר, אַז די אויפ־טרייסלונגען זאָלן אינגאַנצן אומברייינגען די רעוואָלוציע אין ימים בלוט און וואַנדאַליסטישע חורבנות. און ווידער — וואָס ברייטער און טיפער דער פאַרנעם פון דער רעוואָלוציע, וואָס גרעסער די אויפטרייסלונג, — אַלץ גרעסער איז די דאָזיגע געפאַר. דער מאָראַלער פּאָטענציאַל פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איר עטישער ניוואָ בילדן די פעסטע „דאמבעס“, וואָס האַלטן אָפּ דעם צעשטערנדיגן שטראָם, וואָס שטעלן זיך קעגן דעם וואַנדאַליסטישן שטורעם, ובכן — וואָס גרעסער אָט דער מאָראַלער פּאָטענציאַל, וואָס העכער אָט דער עטישער ניוואָ איז — אַלץ זיכערער דער נצחון פון די שאַפנדיגע איבער די צע־שטערנדיגע כוחות, און פאַרקערט דאָס זעלבע.

נאָר אויב דאָס איז קלאָר און ריכטיג בנוגע אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען בכלל, טרעט אָט דער עלעמענטאַרער אמת נאָך טויזנטער מאָל שאַרפער און בולטער אַרויס, ווען עס האַנדלט זיך פון דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס איינע פון אירע הויפּט־אויפגאַבן איז — ערציהען, צוגרייטן און פאָרמירן דעם נייעם, דעם דורך און דורך סאָציאַלן מענטשן.

אויבן האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, אַז אויף דער אַנטוויקלונגס־שטופע, וואו די סאָציאַליסטישע באַוועגונג געפינט זיך אַצינד, איז דאָס די וויכ־טיגסטע, די צענטראַלסטע אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר איר. אָבער וואָס הייסט עס אַזוינס — איבערווינדן דעם אַלטן מענטשן, גובר זיין די אינדיווידואַליסטיש־אייגנטימערישע אינסטינקטן און נייגונגען זיינע און אויף זייער אָרט איינפלאַנצן די געמיינשאַפטליכע, די קאָלעקטיוויסטישע, דורכדרינגען דעם מענטשנס נשמה ביז די טיפסטע טיפענישן מיט אַ ריין סאָציאַלן וועזן, — אויב ניט שאַפן אַ העכערן מאָראַלן מענטשן־טיפ, אויב ניט אויפהויבן אויף אַ העכערער מדרגה זיין

*עטישן* מהות? דאָס איז דאָך קלאָר פון זיך זעלבסט. דאָס *סאָציאַלע* און *מאָראַלע* וועזן דעקן זיך דאָ פולקאָם איינס מיטן אַנדערן.

מיר זעהען, בכן, וואָס פאַר אַן אַנטשיידענע ראָלע עס מוז שפּילן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג די מאָראַלע ערציהונג פונם טרעגער פון סאָציאַליזם, די אויפהויבונג פון זיין עטישן ניוואָ. דאָס דאַרף דאָמינירן איבער אַלץ. דאָס מוז ווערן די צענטראַלע אַקס, אַרום וואָס אַלץ זאָל זיך דרייען, וואָס מוז אַלץ אַרום זיך קאָנצענטרירן. די דאָזיגע גרונד־פּראָבלעם מוז דורכדרינגען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דורך און דורך, פון די העכסטע דערגרייכונגען אירע ביז די קלענסטע ערשיינונגען פון טאָג־טעגליכן לעבן און קאַמף, סיי די מעטאָדן פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, סיי די וועגן פון פּאָליטיק און טאַקטיק. און דאָ טאָרן ניט דערלאָזט ווערן קיינע קאָמפּראָמיסן, קיינע אָפּנייגונגען און אָפּווייכונגען. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אין אונטערשייד פון די פאַרשיידענע בורזשואַזע באַוועגונגען, מוז זיך תמיד געפינען אויפן מאָראַלן שפּיץ־באַרג פון דער מענטשליכער געזעלשאַפט און בילדן דעם עטישן לייכטורעם פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. צווישן די וועגן און מעטאָדן פון *בורזשואַזער* און *סאָציאַליסטישער* פּאָליטיק און טאַקטיק ליגט אַ טיפער תהום. די בורזשואַזיע אין איר קאַמף נויטיגט זיך ניט אין ווייסע הענטשקעס, אין זויבערע קליידער און אַ בלאַנקענדיגן פּאַנצער. אַפילו אין איר *פריהלינגס־תקופה* איז פאַר איר ניט געשטאַנען אַזאַ אויפגאַבע, ווי די פאָרמירונג פון נייעם מענטשן, די מאָראַלע ערציהונג פון דור, וואָס זאָל זי צווינגען מפשפש במעשים זיין, אויסקלייבן די קאַמפּס־מיטלען. הפשיטא שוין *אַצינד*, ווען זי האָט דעם מאָראַלן פריהלינג גאַנץ ווייט הינטער זיך, ווען זי פאַרטיידיגט דאָס *פּאָזיטיווע רעכט* קעגן דער עטיק, דאָס עקסיסטירנדיגע, דאָס, *וואָס עס איז*, קעגן דעם, *וואָס זאָל זיין*, אירע עקספּלאָטאַציע־פּריווילעגיעס קעגן דער גלייכהייט פון דער צוקונפטס־געזעלשאַפט, — אַצינד זיינען פאַר איר געווים *אַלע מיטלען* כשר, אויב נאָר זיי ברענגען מיט זיך דעם ערפאָלג. און ווירקליך, די בורזשואַזע פּאָליטיק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שמוציגן זומפּ, פון וואָס אפילו דער *בורזשואַזער* נפש־היפה מוז ווייכן... דער מאָ=

ראַלער ניוואָ איז בײַ איר אין פּאָליטיק נאָך פיל נידעריגער איידער אין פּריוואַטן לעבן, אין די באַציהונגען בין אדם לחבורו.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איר פּאָליטיק און טאַקטיק מוז זיך תמיד געפינען אויף דער מאָראַלער הויך פון אידעאַל, צו וואָס זי שטרעבט. ווען ניט — האַקט זי זעלבסט אונטער דעם צווייג, וואו זי זיצט. יעדער אויסערליכער ערפאָלג, סיי אויפן עקאָנאָמישן, סיי אויפן פּאָליטישן געביט, וואָס ווערט דאָ דער־גרייכט דורך אַזוינע מיטלען, דורך אַזוינע וועגן און מעטאָדן, וואָס ווידערשפּרעכן דעם מאָראַלן געפיל, דעם עטישן באַוואוסטזיין, זיינען געגליכן צו פּיר׳ס נצחון. אַזוינע נצחנות פאַרסמען דעם קוואַל, דעם עצם מקור, וואָס גיט חיות דער באַוועגונג, וואָס שפּייזט די נשמה אירע, און מוזן סוף כל סוף פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע. ווען אַפילו דעם פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך איינגעבן אויף אַזוינע וועגן און דורך אַזוינע מעטאָדן פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט און עקאָנאָמישע הערשאַפט, וועט ער דאָך מוזן גאַנץ גיך אַרויסווייזן זיין אינערליכן באַנ־קראָט, די פולע סאָציאַלע און מאָראַלע הינטערשטעליגקייט לגבי די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אים. ניט קיין געזונט קינד, נאָר אַ הויקער וועט ער געבוירן, אָנגעשטעקט מיט די אַלטע בורזשואַזע קרייננק...

וואָרום אויף די דאָזיגע וועגן און דורך די דאָזיגע מעטאָדן איז אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן גובר צו זיין אין זיך דעם אַלטן מענטשן, אויסראָטן אין דער אייגענער נשמה די בורזשואַזע דעמאָראַליזאַציע און ערציהען דעם העכערן סאָציאַלן און מאָראַלן מענטשן־טיפּ, וואָס נאָר ער אַליין איז באַ־רופן און בכח צו בויען די צוקונפטס־געזעלשאַפט אויף די נייע סאָציאַלע יסודות. די שרעקליכע גרימאַסן אין קרומען שפּיגל פון רוסישן קאָמו־ניסטישן עקספּערימענט באַווייזן גענוג שאַרף, צו וואָס פאַר אַ מדרגה פון מאָראַלער דעמאָראַליזאַציע און, במילא, פון פולער סאָציאַלער אָהנמאַכט און הינטערשטעליגקייט עס קאָן קומען אַפילו דער אַוואַנגאַרד פון פּראָלעטאַריאַט — די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, ווען זי לאָזט זיך אויף די אַלטע אַנטי־מאָראַלע דרכים און ווענדט אָן די אַלטע ברוטאַלע קאַמפס־מעטאָדן.

מיר ווייסן, דער פונקט וועט אַרויסרופן דעם העפטיגסטן ווידער־שטאַנד. מ׳וועט זאָגן:

— דאָס איז דאָך בטלנישער ראָמאַנטיזם פון קאַבינעט־לייט! קעמפן

קענען דער געוואַלדיגער מאַכט פון דער ביז די ציין באַוואָפנטער בור־זשואַזיע, קענען איר אכזריות און ברוטאַליטעט מיט עטישע קמיעות, מיט מאָראַלע שיר־המעלותן איז מער ווי לעכערליך. עם עקש תתפל. מיט וועלף מוז מען האַנדלען ווי וועלף. אין דער תקופה פון גרויזאַמסטן און אַנטשיידנסטן שלאַכט, אויף לעבן און טויט, אין וועלכער מיר זיינען אַצינד אַריינגעטראָטן, וואָלט געווען אומגעלומפּערט ווילד און נאַריש, ממש פאַרברעכעריש, ווען דער אַ נ ד ע ר צ ד — די עקספּלאָטירטע און אונטערדריקטע — זאָל זיך אָפּזאָגן פון די אַנטשיידנסטע — זאָל זיין אַפילו די סאַמע אכזריותדיגע און גרויזאַמסטע קאַמפּס־מיטלען. וואָלט עס דען ניט געהייסן אַרויסלאָזן דאָס געווער פון די אייגענע הענט און פשוט איבערגעבן זיך דעם חסד פון שונא? ניט פאַרגעסט: די בור־זשואַזיע ווייס נאָר איין שפּראַך — די שפּראַך פון האַרטן פויסט, אַנדערע דבורים רעדט זי ניט, אַנדערע דבורים באַנעמט זי ניט. זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, נאָר קיין אמתר רעוואָלוציאָנער, קיין רעאַלער פּאָליטיקער וועט זיך מיט אַזוינע בטלנישע פאַנטאַזיעס קיינמאָל ניט אָפּגעבן.

מ׳מוז מודה זיין, אַז אָט דער, פאַרן סאָציאַליזם גאַנץ נייער, געדאַנ־קען־גאַנג איז אַצינד געוואָרן דער הערשנדיגער, ניט נאָר אין די ק אָ מ ו־נ י ס ט י ש ע, נאָר אויך אין באַדייטנדיגע ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע רייען, באַזונדערס — צווישן די אַזוי גערופענע לינקע גרופּירונגען, און האָט בכלל, אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַלגעמיין. ער האָט זיך אַהער אַריינגעריסן צוזאַמען מיטן מוטנעם, ברודיגן מבול פון מלחמה און בירגער־קריג, וואָס האָט די וועלט פאַר־טרונקען, וואָס האָט דעם גאַנצן חלל פון דער מענטשליכער געזעלשאַפט פאַרסמט, אָנגעזאַפּט מיט שרעקליכע גיפטיגע גאַזן. ער פאַרקערפּערט אין זיך דעם באַזונדערן גייסט פון דער אַלטער פאַרגייענדיגער וועלט, פון די אָפּגעלעבטע, אין ווילדקייט און באַרבאַריזם פאַרזונקענע דורות, וואָס איז ניט נאָר פרעמד דעם סאָציאַליזם, נאָר בילדעט דעם טיפּסטן קעגנ־זאַץ צו זיין עצם וועזן, צו יענער סיסטעם פון וועלט־באַציהונגען און וועלט־באַנעמען, וואָס דער סאָציאַליזם טראָגט מיט זיך. מ׳אַפּעלירט צו פּראַקטישקייט, מ׳רעדט אין נאָמען פון רעאַליזם. געוויס, דער מאָ־דערנער סאָציאַליזם, אין אונטערשייד פון אוטאָפּיזם, איז דורכאויס רעאַ־ליסטיש, דאָס איז אָבער ניט דער קורצזיכטיגער, דער בלינדער רעאַליזם פון די גייסטיג־טעמפּע באַנקראָטן, וואָס פאַר אַ טאָפּ לינזן פון היינט

זיינען זיי גרייט צו פאַרקויפן די בכורה פון מאָרגן. ווי לאַנג דער סאָציאַליזם פאַרבלייבט דאָס, וואָס ער איז, ווי לאַנג ער פאַרלירט ניט זיין זין און פאַרראַט ניט זיך זעלבסט, קאָן ער פאַר קיין פאַל אין קיין איין איינציגן מאָמענט ניט האַנדלען קעגן געוויסן, קעגן עטישן געפיל און מאָראַלן באַוואוסטזיין, קעגן די פרינציפן פון מענטשליכקייט, וואָס פאַר אַ גרויסע און פעסטע טעפ לינזן מ׳זאָל אים דערפאַר ניט באָטן, ווייל דאָס וואָלט געהייסן זעלבסטמאָרד באַגיין, זיך זעלבסט אופפרעסן. דעם ברוטאַלן פויסט, דער גרויזאַמער אכזריות האָט דער סאָציאַליזם אַקעגנגעשטעלט אַ גאַנץ אַנדערע סטיכיע — די סטיכיע פון אָרגאַניזירטקייט און סאָלידאַריטעט, די גוואַלדיגע קראַפט און מאַכט פון אַ גרויסער אידייע, וואָס קומט די וועלט באַנייען. און נאָר דאָ דאַרף מען זוכן דעם סוד פון זיין נצחון, נאָר דאָס איז דער וועג, וואָס פאַרזיכערט זיין ערפאָלג. און ווען אונזערע קורצזיכטיגע „רעאַלע פאָליטיקער“ וואָלטן ניט געווען אַזוי טעמפ און קורצזיכטיג, וואָלטן זיי באַנומען, אַז אין אָט דעם כלומרשט „ראָמאַנטישן אידעאַליזם“ אין די „בטלנישע פאַנטאַזיעס“ פון די „קאַבינעט-לייט“ שטעקט אין היסטאָרישן זין, אין געשיכטליכן מאָסשטאַב, ניט אין אַן ערך מער רעאַליזם, ווי אין אַלע זייערע טעפ לינזן צוזאַמענגענומען... און בכלל — פון וואַנען נעמט זיך דאָס זייער זיכערקייט, אויף וואָס פאַר אַ גרונד האָבן זיי דאָס פעסטגעשטעלט, אַז אויף דער סאָציאַלער אַרענע, אין סאָציאַלן קאַמף איז מעגליך אָפצוהאַלטן נצחונות נאָר מיט דער הילף פון פויסט און שווערד? ווייס דען ניט די געשיכטע, אפילו פון די גאַנץ אַלטע צייטן, צו דערציילן אונז וועגן דעם, ווי אַזוי אַ קליין ספרל, גאָר אָהן פולווער און האַרמאַטן, האָט מנצח געווען דעם גרויסן און מעכטיגן שווערד?... און גופא די סאָציאַליסטישע באַוועגונג — אויף וואָסערן וועג האָט זי דאָס פאַקטיש, ביז אַהער, אָפגעהאַלטן אירע גרויסע נצחונות?...

איר וועט זאָגן: דאָס איז דאָך טרואיזמען, פשוטע אלף-בית? געוויס. מ׳האָט אָבער, ליידער, ביי אונז גאַנץ גרינגליך דעם אלף-בית פאַרגעסן...

פון דער אַלגעמיינער באַציהונג צווישן סאָציאַליזם און עטיק וועלן מיר אַצינד צוטרעטן צו דער האַרבסטער קאָנקרעטער פראָבלעם פון דער סאָציאַליסטישער פאָליטיק און טאַקטיק — צו דער פראַגע וועגן דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע.

## וועגן דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע

די רוסישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אַוועקגעשטעלט די פּראַגע וועגן דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע אין סאַמע צענטער און זי געמאַכט פאַר דער אַקטועלסטער צווישן די פּראָבלעמעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק און טאַקטיק.

אין מאַרקסיסטישער „ביבל“ ווערט איינינגע מאָל דערמאָנט וועגן דער אָנקומענדיגער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, — און דאָס איז גענוג פאַר די „גלויביגע“, זיי זאָלן דאָס אָננעמען פאַר אַן „עיקר“, אויף וועלכן מ׳מאָר ניט מערער זיין, פאַר א חק ולא יעבר. נאָר אויב דער עצם פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור דערוועקט, בכן, אין די מאַרקסיסטישע רייען קיין שום ספקות ניט, זיינען דאָ אָבער צווישן זיי זעהר טיפע, גרינדליכע חלוקי־דעות וועגן קאָנקרעטן אינהאַלט פון דער דיקטאַטור, וועגן אירע פאָרמען און מעטאָדן, וועגן דער ריכטיגער אויסטייטשונג פון מאַרקס כונות. יעדער צד באַמיהט זיך אָנצושפּאַרן אויף אַ „פּסוק“, אויף אַ „ממרא“, אויף אַ „דרשת חז׳ל“. און עס פליהען גזרה־שוה׳ס, קל־וחומר׳ס, ווידעראַנאַנדן און ויש־לישב׳ס. מ׳דרשנט יעדעם וואָרט, שיער ניט יעדער אות פון דעם אָדער יענעם מאַרקס אָדער ענגעלס צופעליגן זאַץ. און עס באַקומט זיך דער איינדרוק, פּונקט ווי איר וואָלט געלעבט ניט אין צוואַנציגסטן יאָרהונדערט, נאָך די פאַרשיידענע גייסטיגע רעוואָלוציעס, נאָר אין גאַנץ אַלטע צייטן פון תּלמודישן פּלפּול און מיטלאַלטערישער סכאָלאַסטיק, ווען דער גאַנצער דיאַלעקטישער שאַרפזין פלעגט זיין געווענדעט נאָר אויף צו דרשהנען די הייליגע שריפטן, כדי באַקומען דורך דעם אַן ענטפער אויף די פראַגן פון רעאַלן לעבן. און הגם פּסוקים האָבן שוין אַזאַ טבע, וואָס זיי לאָזן זיך דרשהנען און קאָנען פאַרשיידן אויסגעטייטשט ווערן, אָבער שוין די עצם מציאות פון „פּסוק“ וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט האָט געהאַט אַ געפערליכע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די באָלשעוויסטישע פּראַקטיק האָט דאָ געפונען אַ גאַנץ זיכערן אידעאָלאָגישן שטיץ־פּונקט. ווארום מ׳מוז מודה זיין, אַז אין באַקאַנטן העפטיגן ויכוח, וואָס האָט זיך בשעתו פונאַנדערגעוויקלט צווישן קאַוטסקין און לענינין וועגן פּשט פון

דיקטאַטור, איז די לאָגיק דורכאויס אויף לענינס צד. דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע זיינען ווירקליך צוויי קעגנזעצליכע פּאָלוסן, פּייער מיט וואַסער, און פּונקט ווי ס׳איז אויסגעשלאָסן די מציאות פון פייערדיג וואַסער אָדער וואַסערדיג פייער, אַזוי קאָן אויך ניט געמאָלט זיין קיין דע־מאָקראַטישע דיקטאַטור אָדער דיקטאַטאָרישע דעמאָקראַטיע. די דיאַ־לעקטישע חריפות, וואָס קאוטסקי ווענדט אָן אויף צו פאַרטיידיגן דעם אויסגעהאַלטענעם, קאָנסעקווענטן דעמאָקראַטשן פּרינציפּ און גלייכצייטיג כשרן די דיקטאַטור, אַריינקוועטשן מיט גוואַלד דעם דעמאָקראַטישן אינ־האַלט אין „פּסוק“ וועגן פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, גייט דורכאויס פאַר־לאָרן און דערגרייכט ניט איר ציל. אַפילו ווען דער אַלטער תנא ר׳ מאיר פלעגט פּרובן מיט זיין גאונישער חריפות מטהר מאַכן אַ שרץ בקן טעמים, פלעגן די לצני־הדור־זאָגן, אַז אויך נאָך דעם איז דער שרץ געבליבן אַ שרץ...

צייט, שוין לאַנג צייט, אַוועקוואַרפן די פּרוכטלאָזע סכאָלאַסטישע גריבלערייען אין די קאַנאָניזירטע פּסוקים, ס׳איז קלאָר, אַז מאַרקס האָט די פּראָבלעם וועגן פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור ניט דורכגעטראַכט, אַז די איינצלנע געדאַנקען, וואָס ער האָט וועגן דעם פאַרבייגייענדיג אַרויסגע־זאָגט דאָ אָדער דאָרט, זיינען צופעליגע מאָמענטן, וואָס קלעפּן זיך מיט זיין סיסטעם אין אַלגעמיין, ווי אַן אַרבעס צום וואַנט. און, בכלל, די גייסטיגע אַנטוויקלונג פאַר די לעצטע יאָרהונדער־טער גיט אונז דאָס רעכט, אָדער ריכטיגער, לייגט אַרויף אויף אונז דעם חוב דיינקען פריי און אומאָפּהייגגיג, ניט געבונדן פון הייליגע פּסוקים, ניט געפּענטעט פון קאַנאָניזירטע דאָגמעס. די פראַגע דאַרף באַטראַכט ווערן אין תוך אַריין: אפילו פאַר כשרע מאַרקסיסטן, פאַר ריינע, אויסגעהאַלטענע אָהנייגנער פון מאַרקסיסטישער דאָקטרין באַשטייט די פראַגע ניט אין דעם, צי שטימט דער פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור מיט דעם אָדער יענעם זאַץ פון מאַרקס־ענגעלס שריפטן, נאָר אין דעם, צי שטימט ער מיטן עצם גייסט פון דער מאַרקסיס־טישער סאָציאָלאָגיע, מיט איר גרונד־לערע וועגן דעם געשיכט־ליכן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס דאַרף פירן צום סאָציאַליזם.

און ס׳איז גענוג אזוי צו שטעלן די פראַגע, ס׳זאָל קלאָר ווערן פאַר יעדן, וואָס האָט זיך נאָר פיל־וויייניג אַריינגעטראַכט אין דער מאַרק־ביסטישער סיסטעם, אַז דיקטאַטור איז דער וועג, וואָס פירט ניט צום

סאָציאַליזם, נאָר פון סאָציאַליזם, אַז איינס שליסט לחלוטין אויס דאָס צווייטע. קאָן מען זיך גאָר אויסמאָלן אַ טיפערע סתירה, אַ שאַרפערן קעגנזאַץ, ווי צווישן סאָציאַליזם, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך די העכסטע שטופע פון פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער פרייהייט און גלייכהייט און פון פולער פאָלקסהערשאַפט, און צווישן רעזשים פון דיקטאַטור, וואָס שאַפט אָפּ די פּאָליטישע פרייהייט און גלייכהייט און שטעלט אין אָנשטאָט פאָלקסהערשאַפט די פאַרשיידענע פאָרמען פון דיקטאַטאָרישער זעלבסטהערשאַפט?! און אָט דער דאָזיגער רעזשים פון דיקטאַטור, דער רעזשים פון דעספּאָטיזם און קנעכטשאַפט, איז דאָס באַרופן איינצופירן און פאַרפעסטיגן די דאָזיגע סאָציאַליסטישע אָרדענונג, ד. ה. פאַרווירקליכן אין לעבן די העכסטע דערגרייכונגען פון פרייהייט און גלייכהייט?! וואָס פאַר אַ ווילדער אומזין דאָס איז! און אָטאָ דעם ווילדן אומזין וויל מען נאָך אָנבינדן דעם מאַרקסיזם, וואָס דערלאָזט ניט אין תוך אַריין קיין שום געשיכטליכן „סאַלטאָ מאָרטאַלע“, וואָס איז דורך און דורך דורכגעדרונגען מיטן שטריינג-אויסגעהאַלטענעם עוואָלוציע-פּרינציפּ, וואָס פירט דורך דעם דאָזיגן פּרינציפּ דורך די גאַנצע ברייט און טיף פון סאָציאַלן לעבן, פון אויבערפלאַך ביז די טיפסטע אונטערהערדישע וואָרצלען, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ הינטער די געשיכטליכע קוליסן, און דעקט דאָרט אויף דעם עוואָלוציע-פּראָצעס אין די סאַמע ערשטע, אורשפּרינגליכע, מאָלעקולאַרע באַוועגונגען פון דער סאָציאַלער מאַטעריע!

נאָר לאָמיר אַביסל נעהענטער באַטראַכטן דעם אינעווייניגסטן מהות פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

איר הויפּט-זין, איר גרונד-אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז באַרופן איינצופירן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג מיט דער הילף פון דיקטאַטאָרישע מעטאָדן, דורך מיטלען פון גוואַלד און צוואַנג. ס'איז קלאָר, אַז די דאָזיגע דיקטאַטור איז די סאַמע שרעקליכסטע פון אַלע דיקטאַטורן, וואָס מ'קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. די בורזשואַזע דיקטאַטור, למשל, איז לויט איר עצם, לויטן מהות פון דער בורזשואַזער אָרדענונג, שטריינג באַגרעניצט. אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט איז דער יחיד אין דער גרעסטער און וויכטיגסטער לעבנס-ספערע —

אין ווירטשאַפטס־פּראָצעס — אוממיטלבאַר פריי און אומאָפּהיינגיג, דירעקט ניט צוזאַמענגעשמאָלצן מיטן כּלל, ניט געבונדן פון דער מלוכה. מיטן כּלל ווערט ער פאַרקניפּט דורך אַ לאַנגער קאָמפּליצירטער ספּיראַלע, וואָס איר דירעקטן צוואַנג פילט ער ניט און באַנעמט ניט. די בורזשואַזע דיקטאַטור נעמט דעריבער אַרום נאָר די ספערן פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטליכן לעבן און קומט אין באַרירונג בלויז מיט די אַלגעמיינע, אַזוי צו זאָגן, פּאָליטישע ראַמען פון ווירטשאַפטס־פּראָצעס. און דאָס הייסט, אַז די צענטראַלע לעבנס־טעטיגקייט פון יחיד, אין איר גרויסן און ברייטן פאַרנעם, געפינט זיך אויסער דעם אוממיטלבאַרן דרוק פון דער דיקטאַטור. אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אָבער איז דער יחיד אין אָט דער גרויסער און וויכטיגסטער לעבנס־ספערע — אין ווירטשאַפטס־פּראָצעס — דירעקט און אָרגאַניש צוזאַמענגעשמאָלצן מיטן כּלל, וואָס איז זעלבסט דער אָרגאַניזאַטאָר פון פּראָצעס. דער כּלל רעגולירט דאָ אוממיטלבאַר די ווירטשאַפטס־טעטיגקייט פונם יחיד, וואָס פילט זיך דירעקט געבונדן און אָפּהייגגיג פון אים. און דעריבער איז די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, וואָס איז באַרופן איינצופירן מיט גוואַלד די קאָלעקטיוויסטישע ווירטשאַפט, וואָס שליסט איין דעם ווירטשאַפטס־פּראָצעס אין זיינע אייזערנע צוואַנגען און דרינגט אַריין אין אַלע פאַלדן און פאָרן זיינע, געגליכן צו אַ טויזנטפיסיגן דראַקאָן, וואָס נעמט אַרום פון אַלע זייטן דעם וויכטיגסטן לעבנס־נערוו פון אינדיווידו און שטיקט אים אין זיינע טויטליכע אָרעמס.

נאָר די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז שרעקליך, ניט בלויז צוליב איר אומגעהויערער גרויס און פאַרנעם, צוליב דעם קאָלאָסאַלן שטח פון איר ווירקונגס־פּלאַץ, נאָר דער עיקר — צוליב איר עצם, איר פונקציע, איר ספּעציפישער ראָלע אין דער קאָלעקטיוויסטישער ווירטשאַפט. פאַר דער לעצטער איז פרייהייט — די לופט, מיט וואָס זי אָטעמט. און ס'איז גענוג ניט נאָר אויספּאָמפּען, נאָר בלויז שיטער מאַכן די לופט — און זי מוז פאַרשטיקט ווערן. דער פרייער, ניט געצוואונגענער ווילן און דראַנג פון יחיד, דער אינעווייניגסט־פרייער, פון זיין אייגענעם סאָציאַלן וועזן אַרויסגערופענער אימפּולס — דאָס איז די איינציג־שאַפנ־

דיגע טרייב-קראַפט, וואָס ברענגט אין באַוועגונג די קאָלעקטיוויסטישע ווירטשאַפט. און אָט די דאָזיגע שאַפנדיגע טרייב-קראַפט ווערט דורך גוואַלד און צוואַנג דורכאויס געליימט. און דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן אַזוינע פאַלן, ווען מ'האָט פאַר זיך בורזשואַזע אָדער קליין-בירגערליכע עלעמענטן, וואָס זיינען באַהערשט פון אינדיווידואַליסטיש-אייגנטימערישע אינסטינקטן און מ'פרובט מיט מיטלען פון גע-וואַלד און צוואַנג אַרויסיאָגן פון זיי די מאוסע קליפה, דעם „שלעכטן דבוק" און אַריינבלאָזן אין זיי די קאָלעקטיוויסטישע נשמה: צו וואָס דאָס פירט, וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן דאָס גיט — ווייסן מיר גאַנץ גוט פון דער רוסלענדער ערפאַרונג... נאָר אפילו פאַרן דורכגעדרונגענעם סאָציאַליסט איז געוואַלד און צוואַנג, אין וואָס פאַר אַ מאס און פאָרם זיי זאָלן ניט זיין אָנגעווענדט, אַ געפערליכע גיפט, וואָס טויט דעם גייסט און פאַראַליזירט די שאַפונגס-קראַפט.

נאָך פון אַמאָל אָן איז אונז גוט באַקאַנט, ווי נידעריג איז די פּראָדוקטיוויטעט פון שקלאַפן- און צוואַנגס-ווירטשאַפט. דאָס באַוואוסטזיין פונם שקלאַף, אַז ער טאָר ניט און קאָן ניט האָבן קיין אייגענעם ווילן, אַז גופא איבער זיין ווילן האָט צו זאָגן אַ צווייטער, אַ פרעמדער, פאַרשטאָפט דעם עצם מקור פון זיין שאַפנדיגן מענטשליכן גייסט, ליימט די איניציאַטיוו, די ענערגיע, די אַקטיוויטעט. שוין די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט האָט געמוזט אָפּשאַפן די שקלאַפן- און צוואַנגס-אַרבעט. זי האָט געפאָדערט אַ העכערע פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט, אַ פרייען מענטשליכן מאַטעריאַל, וואָס באַזיצט אַן אייגענעם ווילן און איז באַרופן צו נעמען זיין גורל אין אייגענע הענט, זי האָט געמוזט באַפרייען דעם יחיד, מאַכן אים זעלבסטשטענדיג און אומאָפּהענגיג, כדי צו שטויסן אים אָנצושטרייגען די כחות און קאָנצענטרירן די ענערגיע. אמת, די פרייהייט פון לוין-אַרבעטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט איז מער אילוזאָריש איידער אין דער ווירקליכקייט, מער אַ סובּיעקטיוו באַוואוסטזיין איידער אַן אָביעקטיווער פאַקט. די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט שטייט קעגן דעם לוין-אַרבעטער, ווי אַ פרעמדער פיינטליכער כח, וואָס צווינגט אים פאַרקויפן זיין אַרבעטס-קראַפט אויף די באַדינגונגען, וואָס ווערן פון אָט

דעם פרעמדן כח דיקטירט. נאָר, ראשית, איז דער פסיכאָלאָגישער מאָמענט, אָט דאָס סוביעקטיווע באַוואוסטזיין, פאַר זיך גענומען, אַזאַ מעכטיגער פאַקטאָר, וואָס מ'טאָר ניט אונטערשעצן, און וואָס האָט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דער פראָדוקטיוויטעט פון מענטשנס־אַרבעט, אויף דער אַנטוויקלונג פון זיין שאַפונגס־ענערגיע. והשנית — פירט דער לוין־אַרבעטער אין דער קאַפיטאַליסטישער געזעלשאַפט כסדר, אָהן אויפהער, אַ סיסטעמאַטישן קאַמף מיטן פרעמדן פיינטליכן כח פאַר דער הערשאַפט איבער דער אַרבעט, ער געווינט איין פאָזיציע נאָך דער אַנדערער און שטרעבט צום סאָציאַליזם, וואָס דאַרף ברענגען דעם ענדגילטיגן נצחון — די פולע באַפרייאונג פון דער אַרבעט פון פרעמדן יאָך. נאָר די קאָלעקטיוויסטישע ווירטשאַפט, וואו ס'ווערט פאַרשאָטן דער תהום צווישן דער אַרבעטס־קראַפט און קאַפיטאַל־הערשאַפט, וואו די ביידע קעגנזעצליכע מאָמענטן שמעלצן זיך צוזאַמען אין איין איינהייטליכן ווירטשאַפטס־פראָצעס, וואו דער אַרבעטער ווערט זעלבסט דער בעל־הבית, דער פולער הערשער איבער זיין אַרבעט און די פראָדוקטן פון זיין אַרבעט, — נאָר די קאָלעקטיוויסטישע ווירטשאַפט שטייט איבערן אינדיוויד ניט ווי אַ פרעמדער ווילן, וואָס שאַפט אָפ זיין אייגנעם, ניט ווי אַ פרעמדער פיינטליכער יאָך, נאָר ווי דער אויסדרוק פון זיין ווילן זעלבסט, ווי די פאַרקערפערונג פון זיין פרייער שאַפונג. אָבער זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַזאַ כאַראַקטער קאָן זי טראָגן, אַזאַ ראָלע קאָן זי שפילן נאָר דאַן, ווען זי פאַרווירקליכט אין זיך די העכסטע שטופע פון דעמאָקראַטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, ווען זי פאַרקערפערט אין זיך די העכסטע דערגרייכונגען פון דעמאָקראַטישער פאָלקסהערשאַפט, ד. ה. ווען די אָנטיילנעמער אין ווירטשאַפטס־פראָצעס האָבן די פאַקטישע מעגליכקייט דורכפירן אין לעבן זייער הערשאַפט איבער דער ווירטשאַפט, זייער ווילן זאָל ווערן געזעצן פאַר איר. ווען ניט — מוז זי ווידער אומפאַרמיידליך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ זייטיגן, פרעמדן און פיינטליכן כח, וואָס שאַפט אַ תהום צווישן די אָנטיילנעמער אין ווירטשאַפטס־פראָצעס און דער ווירטשאַפט אין אַלגעמיין, און דאָס מוז סוף כל סוף פירן צו דער גענצליכער ליימונג פון דער ווירטשאַפט.

נאַטירליך, אַז צו אַזאַ מדרגה פון דעמאָקראַטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג און פאָלקס-הערשאַפט קאָן מען ניט קומען מיט אַמאָל, דאָס פאָדערט אַ דויערנדיגן פראָצעס פון געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג און פּאָליטישער ערציהונג פון די ברייטסטע פאָלקס-שיכטן. און פאַר יעדן דיינקענדיגן מענטשן מוז זיין קלאָר, אַז צו די וועגן און מעטאָדן פון אַזאַ אַנטוויקלונג און אַזאַ ערציהונג געהערט די דיקטאַטור זיכער ניט. פאַרקערט, זי שלײַדערט אונז גלייך אַוועק צו די פארקאַפּיטאַליסטישע תּקופות פון צוואַנגס- און שקלאַפן-ווירטשאַפט.

און זאָל מען אונז ניט זאָגן: די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז דאָך געווענדט נאָר אויסשליסליך קעגן דער בורזשואַזיע, אָבער אין די ראַמען פון אַרבעטער-קלאַס איז זי באַרופן דורכצופירן די אמתע דעמאָקראַטיע, די עכטע פאָלקס-הערשאַפט, פאַרווירקליכן די פולע דעמאָקראַטישע פרייהייטן. קאָן דאָס גאָר געמאָלט זיין, אַז אַצינד, נאָך דעם, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט פאַר די לעצטע יאָרן, זאָלן זיך נאָך געפונען אַזוינע, וואָס גלויבן ערנסט און אויפריכטיג אין אָט דעם מאוסן שקר? בכל אופן, די פאַקטישע טרעגער פון דער דיקטאַטור-אידייע, די לאָגיש-אויסגעהאַלטענע, קאָנסעקווענטע אָנהייגער און אַפּאָלאָגעטן אירע האָבן אייגנטליך שוין לאַנג מודה געווען, אַז די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז אין עצם אַ דיקטאַטור איבערן פּראָלעטאַריאַט. נאַטירליך — אַלץ נאָר צוליב זיין טובה וועגן, כדי מיט געוואַלד — אָהן דעם גייט עס ניט! — מזכּה זיין אים מיטן קאָמוניסטישן גן-עדן... ביי זיי, הייסט עס, שטייט די זאַך אָפן און קלאָר: דעמאָקראַטיע, דעמאָקראַטישע פרייהייטן, פאָלקס-הערשאַפט — דאָס זיינען בורזשואַזע אויסטראַכטענישן, קליינבירגערליכע צביעות, וואָס האָט פאַר זיך איין ציל — אַרייננאַרן דעם פּראָלעטאַריאַט אין זאַק אַריין. דער פּראָלעטאַריאַט אָבער דאַרף די דאָזיגע „פאַרצייטיגע זאַבאַבאָנעס" אַרויסשליידערן אין געשיכטליכן מיסטקאַסטן צוזאַמען מיטן איבעריגן אָפּגעלעבטן אַלטוואַרג און ענטפּערן דערויף מיט דער דיקטאַטור פון זיין אַוואַנגאַרד — דער אויבערשטער פון שטייסל. ובכן — ניט זיי קומט דאָ אויס אַצינד צו באַשולדיגן, אַז זיי שטעקן אַריין די טומאה אין דער יראה... זיי זיינען אָפנהערציג ביזן ציניזם. פאַרקערט, פּרובן באַשמירן מיט דעמאָקראַטישן האָניג די דיקטאַטאָרישע פּילן זיינען געווען

געמאַכט געוואָרן פון זייערע סאָציאַליסטישע קעגנער, וואָס וואַרפן, אמת, שאַרף און אַנטשיידן אָפּ די באָלשעוויסטישע פאָרם פון פראָלעטאַרישער דיקטאַטור, הערן אָבער דאָך ניט אויף צו הלומען פון אַ ריינער, אַ כשרער, אידעאַלער, דעמאָקראַטישער דיקטאַטור: ווי אַ ביין אין האַלז שטייען ביי זיי מאַרקס „פסוקים" וועגן דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט און לאָזן זיי ניט רוהען...

נאָר אויב פון מאַרקס פעדער האָבן זיך אונטערן צייטווייליגן איינפלוס פון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק געקאָנט אַרויסרייסן אַזעלכע פרעמדע פאַר אים, צופעליגע געדאַנקען, איז אָבער פשוט ניט צו באַגרייפן, ווי אַזוי געפינען זיך דאָס נאָך אַצינד מאַרקסיסטן, וואָס חזרן די דאָזיגע פסוקים מיט חסידותער דבקות און האַלטן זיי שיעור ניט פאַר אַ פראָגראַם-עיקר. פאַר וועמען נאָך, ווי פאַר מאַרקסיסטן, דאַרף אַזוי שאַרף און בולט אַרויסטרעטן דער גרעניצלאָזער קעגנזאַץ צווישן דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע, דער פולער נאָנסענס פון אַ דעמאָקראַטישער דיקטאַטור? דעמאָקראַטיע באַטייט די זעלבסט-פאַרוואַלטונג פון קאָלעקטיוו, דיקטאַטור — דעם היפוך, די זעלבסטהערשונג פון איינצלנע יחידים איבער דעם קאָלעקטיוו. ביי דער דעמאָקראַטיע איז דער קאָלעקטיוו גלייכצייטיג דער אָביעקט און סוביעקט פון רעכט און מאַכט. ביידע מאָמענטן גיסן זיך דאָ האַרמאָניש צוזאַמען. ביי דער דיקטאַטור — זיינען זיי פונאַנדערגעטיילט, צעריסן און אַנטאַגאָניסטיש. דער קאָלעקטיוו איז בלויז דער אָביעקט פאַר דעם אויבן, איבער אים שטייענדיגן סוביעקט פון רעכט און מאַכט. און ווי ברייט ס'זאָל ניט זיין די סאָציאַלע באַזע פאַר דער דיקטאַטור, און מיט וואָס פאַר אַ געהויבענע אידעאַלן זי זאָל ניט זיין באַגייסטערט, מוז גלייך אומפאַרמיידליך אויסוואַקסן אַ תהום צווישן דעם סוביעקט, דעם טרעגער פון רעכט און מאַכט, און דעם אָביעקט, דעם קאָלעקטיוו, אויף וועמען די רעכט און מאַכט ווערט אנגעווענדט, ווייל די פאַקטישע לעבנס-באַדינגונגען זיינען אַלע מאָל גאָר ניט אין אַן ערך שטאַרקער פאַר דער אידעאָלאָגיע, וואָס זיי פאַסן צו צו זיך און מאַכן צו זיך תמיד אונטערטעניג. און ווער, אויב ניט מאַרקסיסטן, שטרייכן שטענדיג אונטער, באַטאָנען כסדר, אַז דער מענטש איז אַ פראָדוקט פון דער סביבה, וואָס רינגלט אים אַרום, פון די באַדינגונגען, אין וואָסערע

ער לעבט. זיי פֿאָרמירן זיין פּסיכאָלאָגיע, בילדן אויס זיין גייסטיג וועזן. דאָך זיין באַשטימט דאָס באַוואוסטזיין. שטעלט, למשל, אַוועק דעם פּראָלעטאַריאַט אויפֿן אָרט פֿון דער בורזשואַזיע, שאַפֿט פֿאַר איך אַ פּריווילעגירטע לאַגע, — און ביי אים וועט זיך אומבאַדינגט אויסבילדן אַן אַנטשפּרעכנדיגע בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע. דאָס זעלבע מיט דער דיקטאַטור. דאָס דיקטאַטאָרישע זיין באַשטימט דאָס „באַוואוסטזיין". אפֿילו ביים אויסגעשפּראָכענעם דעמאָקראַט, ביים דורכגעדרונגענעם סאָציאַליסט, וואָס באַקומט דיקטאַטאָרישע מאַכט, מוז זיך אומפֿאַרמיידליך אויסבילדן די זעלבע באַזונדערע אַנטיסאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע, די זעלבע ספּעציפֿישע אַנטיגעזעלשאַפֿטליכע אייגנשאַפֿטן, ווי ביי יעדן דיקטאַטאָר. קיין שום דעמאָקראַטישע פֿאַרשפּרעכנישן, קיין שום סאָציאַליסטישע קמיעות קאָנען דאָ ניט העלפֿן. נאָך מער — דיקטאַטור איז זעהר אַ שאַרפֿע משקה, און דוקא אויף ניט געוויינטע דערצו ווירקט זי גיכער און שטאַרקער: זיי ווערן גלייך באַהערשט פֿון געפֿערליכער שכרות...

די אומגעהויער רייכע ערפֿאַרונג, וואָס דער רוסלענדער עקספּערימענט האָט אונז אין דעם פּרט געגעבן, באַשטעטיגט דאָס אויפֿן שאַרפֿסטן און שווידערהאַפֿסטן אופֿן. די קאָמוניסטישע דיקטאַטור האָט אַ לאַז געטאָן איבערן לאַנד אַזאַ ווילדע פֿאַרפֿלייצונג פֿון דיקטאַטאָרישער שכרות, וואָס האָט די גאַנצע געזעלשאַפֿטליכע לופֿט פֿאַרסמט און זי דורכאויס אָנגעזאַפּט מיט עכטן דיקטאַטאָרישן סאַדיזם. די נעכטיגע רעוואָלוציאָנערן, די אמתע מארטירער פֿון דער באַפֿרייאונגס־אידייע, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג דאָס לעבן אָפּגעגעבן דעם קאַמף מיט דער זעלבסטהערשנדיגער דעספּאָטיע, געשמאַכט אויף קאַטאָרגע, אין טורמעס און קאַזעמאַטן, אויסגעשטאַנען די גרעסטע ענויים פֿון דער אכזריות און ברוטאַליטעט מצד די צאַרישע זשאַנדאַרמעס און תּליינים, — זיי זיינען היינט אַזוי גיך, ממש ווי דורך אַ כּשוף־צויבער, זעלבסט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזעלכע אויסגעשפּראָכענע מיט אַלע פֿישטשעווקעס, דורכגעדרונגענע זשאַנדאַרמעס און תּליינים, פּונקט ווי זיי וואָלטן אַזוינע געוועזן מלידה ומבטן, פּונקט ווי דאָס וואָלט זייער אמתר באַרוף זיין אין לעבן! און ווי אָפֿט האָבן זיי נאָך אַריבערגעשטייגט, גאַנץ ווייט הינטער זיך געלאָזן די אַלטע צאַרישע מוסטערס... אין פֿייער און פֿלאַם פֿון דיקטאַטאָרישן „זיין" האָט זיך ביי זיי די נשמה איבערגעשמאָלצן און געגעבן

אַזאַ געדיכטן עקסטראַקט פון ראַפינירטן דעספּאָטיזם, וואָס איז דער געפערליכסטער סם פאַרן מאָדערנעם סאָציאַלן לעבן און געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג.

די מאָדערנע געזעלשאַפט מיט איר אומגעהויער פאַרצווייגטן און פאַרוויקלטן סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן, מיט איר זעלטן קאָמפּליצירטן געזעלשאַפטליכן מעכאַניזם מוז פאַרשטיקט ווערן אין די אָרעמס פון דיקטאַטור — פון דער רויטער נאָך גיכער ווי פון דער שוואַרצער... אַ מערקווירדיגע זאַך: אַן אָפּקלאַנג פון אַ פאַרגאַנגען לעבן, אַ ירושה פון אָפּגעלעבטע דורות האָט זיך, ווי אַ משונה־ווילדער אַנאַכראָניזם, אַריינגעריסן אין די פרישע שפּראָצונגען פון דער נייסטער וועלט, אין דער מאָדערנסטער און פּראָגרעסיווסטער באַוועגונג. צום סאָציאַליזם דורך דעספּאָטיזם — קאָן דען זיין אַ מער ווילדער אַנאַכראָניזם ווי דער? מ׳מיינט אין האַרטן אייזערנעם פויסט פאַרשטיקן די פרייהייט, כדי מיט געוואַלד דורכפירן די גלייכהייט, און מ׳פאַרגעסט, אַז סאָציאַליזם איז קודם כל און מער פאַר אַלץ פרייהייט, נאָך פיל מער איידער גלייכהייט. דער אוניווערסאַלער גרונד־מאָמענט, וואָס ליגט אין יסוד פון דער געשיכטליכער אַנטוויקלונג, אין יסוד פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און סאָציאַליסטישן אידעאַל — דאָס רייסן זיך פון מענטשן צו אייביגקייט, צו השארת הנפש, דאָס שטרעבן צו באַהערשן די וועלט, איבערדיכטן זי בצלמו ובדמותו — דאָס אַלץ איז דורכאויס אָפּהייניגיג פון מענטשנס פרייהייט, און קאָן פאַרווירקליכט ווערן נאָר אויף אַזוי פיל, נאָר אין דער מאָס, אין וועלכער ס׳רוקן זיך פונאַנדער, ס׳פאַרברייטערן זיך די ראַמען פון אָט דער פרייהייט. דער מענטש קאָן נובר זיין זיין יחידישן קיום, אַרויפלייגן זיין שטעמפּל אויפן אַרומיגן נאָר דורך זיין שאַפן, ד. ה. דורך דעם נייעס, אָריגינעלן, אייגנאַרטיגן, וואָס ער טראָגט אַריין אין לעבן. יעדער מענטשליכער אינדיוויד, ווי גייסטיג קליין און אָרעם ער זאָל ניט זיין, איז דאָך אַן אָריגינעלער קאָמפּלעקס פון אייגנשאַפטן, אַן אייגנאַרטיגע אינדיווידועלע ערשיינונג, וואָס חזרט זיך ניט איבער. ווען ער האָט נאָר די מעגליכקייט אַנטפּלעקן די באַהאַלטענע אין אים כוחות און פּאָטענצן, פונאַנדערוויקלען און אַרויסבריינגען דאָס אינדיווידועלע „איך" זיינס, — שאַפט ער דערמיט גופא נייעס, אָריגינעלס, טראָגט ער דערמיט גופא אַריין אין אַלגעמיינעם אוצר יענע אָריגינעלע זעמדעלאַך,

יענע איינגאַרטיגע גרייפעלאַך, וואָס אויסשליסליך פון זיי ווערט צוזאַמענגעשטעלט דער אומענדליכער באַרג פון דער מענטשליכער קולטור. כדי אָבער צו אַנטפּלעקן אָט די באַהאַלטענע כּוחות און פּאָטענצן, פונאַנדערוויקלען דאָס איינגאַרטיגע אינדיווידועלע „איך“, אַרויסבריינגען דעם אָריגינעלן קאָמפּלעקס פון די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן, מוז דער מענטש קודם כּל זיין וואָס פרייער, וואָס אומאָפּהיינגיגער, וואָס ווייניגער געבונדן, געפּענטעט און געפּרעסט. דאָס איז דער אומבאַדינגטער תּנאי, דאָס conditio sine qua non פאַר יעדן שאַפונגס־פּראָצעס, פאַר יעדער פאָרטשריטליכער אַנטוויקלונג בכּלל.

און דערפאַר זעהען מיר אין דער געשיכטע, ווי צוזאַמען מיט דער שטרעבונג פון מענטשן צו באַפרייען זיך פון אַלזייטיגן און אַלמעכטיגן דרוק פון דער אויסערער נאַטור, גייט האַנט בײַ האַנט די שטרעבונג פון יחיד צו באַפרייען זיך פון סאָציאַלן יאָך, פון דער געזעלשאַפטליכער אונטערדריקונג. ביידע באַפרייאונגס־פּראָצעסן זיינען צווישן זיך אָרגאַניש צוזאַמענגעשמאָלצן, הייגען דורכאויס אָפּ איינער פון צווייטן. וואָס גרעסער די הערשאַפט פון דער מענטשהייט איבער דער נאַטור, אַלץ מער מעגליכקייט האָט די געזעלשאַפט — אָט די אָרגאַניזאַציע פון קאַמף מיט דער נאַטור — געבן פרייהייט אירע מיטגלידער, די איינצלנע אינדיווידן. און פאַרקערט דאָס זעלבע: וואָס מער דער יחיד באַפרייט זיך פון סאָציאַלן יאָך, וואָס לייכטער ס׳ווערט דער דרוק פון דער געזעלשאַפט איבער אים, אַלץ מער מעגליכקייט האָט ער פונאַנדערוויקלען און אַרויסבריינגען זיינע אינעווייניגסטע כּוחות און פּאָטענצן און אָנווענדן זיי אין אַלגעמיינעם קאַמף מיט דער אויסערער נאַטור, אַלץ ערפאָלגרייכער ווערט דער דאָזיגער קאַמף, אַלץ מער נייע פּאָזיציעס געווינט די מענטשהייט און אַלץ מער פאַרשפּרייט זי איר ממשלה איבער דער וועלט.

אָט דער וועג פון דאָפּלטער קנעכטשאַפט צו דאָפּלטער פרייהייט איז דער אוניווערסאַלער וועג פון דער געשיכטליכער אַנטוויקלונג, וואָס ציהט זיך פון אוראַלטע צייטן אין אומענדליכקייט אַריין און ווערט פון אַן איינג, שמאָל סטעזשקעלע וואָס ווייטער אַלץ ברייטער און ברייטער, נעמט אַרום מיט יעדן נייעם עטאַפּ, מיט יעדן טריט פאָראויס אַלץ גרעסערע שיכטן און עפנט פאַר זיי פונאַנדער אַלץ ברײַ־

טערע האָריזאָנטן. אַ ריזן־מהלך האָט דורכגעמאַכט אויפן דאָזיגן וועג די ב ו ר ז ש ו אַ ז ע געזעלשאַפט, פון איין זייט, דורכן מעכטיגן וואוקס פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, וואָס זי האָט אַרויסגערופן, און פון דער אַנדער זייט—דורך די פאַרשיידענע געזעלשאַפטליכע פרייהייטן, וואָס זי האָט פּראָקלאַמירט און טיילווייז דורכגעפירט אין לעבן. ניט אין אַן ערך ווייטערן עטאַפּ, ניט אין אַן ערך גרעסערן און ברייטערן וועג און אין אַ פיל שנעלערן טעמפּ איז באַרופן דורכצומאַכן די ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע געזעלשאַפט. און אויב ערב דער ב ו ר ז ש ו אַ ז ע ר רעוואָלוציע, ביי די טויערן פון דער ב ו ר ז ש ו אַ ז ע ר געזעלשאַפט האָט דער דראַנג נאָך פרייהייט דערגרייכט אַזאַ אומגעהוירערע אָנשטרייינגונג, וואָס האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן חלל פון געזעלשאַפטליך־פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן אין יענער גלענצנדיגער תקופה, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, ווי געוואַלדיג גרויס און מעכטיג ס׳דאַרף זיין דער דאָזיגער דראַנג נאָך פרייהייט ערב דער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר רעוואָלוציע, ביי די טויערן פון דער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר אָרדענונג! און דאָ קומען מענטשן און ווילן אָט די געוואַלדיגע פרייהייטס־סטיכיע אין זייער פויסט פאַרקוועטשן, פאַרשפּאַרן איר דעם וועג דורך קאַרטאָנענע צוימען... נאָר אויב ס׳איז נאָך צו באַגרייפן, ווען פאָרשטייער פון דער אָ פּ ג ע ל ע ב ט ע ר וועלט כאַפּן זיך אָן אין אָט דער אומגעלומפּערט־ווילדער רעאַקציאָנערער אוטאָפּיע, אַזוי ווי דער, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן פאַר אַ שטרויעלע, — איז אָבער פשוט ערשטוינט צו ווערן פאַר דער בלינדקייט און טעמפּקייט פון יענע פאָרשטייער פון דער נ י י ע ר וועלט, וואָס גלויבן קומען גיכער צום ברעג און דערגרייכן דעם ציל דורך דעם, וואָס זיי וועלן דורכפירן די דאָזיגע רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע פון זייערע פאַרביטערטע שונאים...

## VIII

## וועגן דער פאַרטיי, וועמען ס׳געהערט די צוקונפט

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג הויבט קוים אָן צו זיך קומען פון דעם שווערן קריזיס, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע יאָרן. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף אַ פּאָר הויפּט־מאָמענטן פון דער ערנסטער קריינק. דאָס זיינען אָפּגעלעבטע ירושות פון דער פאַרגאַנגענער וועלט, וואָס רייסן

זיך אַריין ווי געפערלעכע מיאַזמען אין יונגען אָרגאַניזם און פאַרסמען זיין בלוט. אונטערן געדיכטן שלייער פון פלערליי „ראַדיקאַליזמען" און „מאַקסימאַליזמען" גנבעט זיך אַריין דער שימל פון דער אַלטער וועלט מיט איר צעפוילטקייט און פאַרדאָרבנקייט. דאָס מוז מיטן אייזער־נעם בעזים אויסגערוימט ווערן מיט די וואָרצלען, קיין זכר זאָל פון דעם ניט בלייבן. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג ניט נאָר זי טאָר לחלוטין ניט דערלאָזן קיין שום דיקטאַטור, אַליין איינס וואָס פאַר אַ פאָרמען זי זאָל ניט אָננעמען, וואָס פאַר אַ פאַרב זי זאָל ניט טראָגן און וואָס פאַר אַ צילן זי זאָל זיך ניט שטעלן, — זי טאָר בכלל ניט אויף קיין איין מאָמענט, צוליב וועלכע מאָטיוון דאָס זאָל ניט זיין, מותר זיין אפילו אויף אַ קוצו של יוד פון אירע פרייהייטס־פרינציפּן. דער גרויסער פריי־הייטס־פּאַטאָס מוז דורכדרינגען די באַוועגונג דורך און דורך, אין איר גאַנ־צער ברייט און טיף, ווי די פּראָגראַם, אַזוי אויך די פּאָליטיק און טאַקטיק, פון די שפּיצן פון דער אידעאָלאָגיע ביז די טאָלן פון טאָג־טעגלעכן פּאָלי־טישן לעבן און קאַמף. צוזאַמען מיטן עטישן מאָמענט מוז דאָס ווערן איר נשמה, איר קדשי־קדשים, דער גרונד־שטיין פאַר דער ערציהונגס־סיסטעם, וואָס זאָל פאָרמירן און אויסבילדן דעם נייעם מענטשן.

דאָ מוז, נאַטירלעך, דורכגעפירט ווערן אַ גרינדלעכע רעוויזיע, וואָס זאָל דורכריינען די פאַרגיפטעטע אַטמאָספער אין דער באַוועגונג און אַריינבלאָזן אין איר אַ נייעם, פרישן גייסט. אין הסכם מיט דעם מוז אָבער אָנגעוויזן ווערן נאָך אויף איין אַלגעמיינעם אוניווערסאַלן פּרינציפּ, וואָס דאַרף דורכאויס באַהערשן די באַוועגונג. ער באַשטייט אין דעם, וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַרף באַזירן ניט אויף נעגאַטיווע, צעשטערנדיגע יסודות, נאָר אויסשליסלעך אויף פּאָ־זיטיווע, שאַפנדיגע מאָמענטן. דאָס געפינט זיך, אמת, אין פולן הסכם מיט די גרונד־יסודות פון דער מאַרקסיסטישער סאָציאָלאָגיע, וואָס לויט איר ווערט די גאַנצע געשיכטלעכע אַנטוויקלונג באַשטימט פון איין גרויסן, אומענדלעכן, פּאָזיטיוון, שאַפנדיגן פּראָצעס — דאָס איז דער אימאַנענטער וואוקס פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, — און יעדער נייע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציע איז בלויז אַ רעזולטאַט פון די פּאָזיטיווע, שאַפנדיגע כוחות און טענדענצן, וואָס אַנטוויקלען זיך און ווערן צייטיג אין שויס פון דער אַלטער אָרדענונג. אָבער גלייכצייטיג איז אין דער

מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, איבערהויפּט אין איר פריהערדיגן פּעריאָד, געווען פאַרשפּרייט די אַזוי גערופענע „פאַרעלנטונגס־טעאָריע“, דער פּרינציפּ: „וואָס ערגער — אַלץ בעסער“. און, הגם, דאָס איז ווידער אַמאָל געווען אַ משונה־ווילדער אַנאַכראָניזם, וואָס האָט זיך געפונען אין פולער סתירה צום גאַנצן גייסט פון דער מאַרקסיסטישער סאָציאָלאָגיע, האָט זיך דאָס דאָך געשטיצט אויף געוויסע זאַצן אין מאַרקס־ענגעלס יונגע, ניט גענוג רייפע שריפטן, און האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַל־נעגאַטיווע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק.

אויך אָט *דער* משונה־ווילדער אַנאַכראָניזם מוז ביזן לעצטן רעשט אויסגעוואָרצלט ווערן. דווקא די גרויסע געשעהענישן פון דער לעצטער בלוטיגער תקופה האָבן אַזוי שאַרף און בולט באַוויזן די גאַנצע פאַלשקייט און אומזין פון פּרינציפּ: „וואָס ערגער — אַלץ בעסער“, און אויפן גלענצנדסטן אופן באַשטעטיגט דעם *קעגנזעצליכן* פּרינציפּ — דעם גרונד־יסוד פון דער מאַרקסיסטישער סאָציאָלאָגיע. וו. טשערנאָוו, דער באַקאַנטער פירער פון דער רוסישער ס"ר'שער פּאַרטיי, האָט אין איינעם פון זיינע פאָרטראַגן איבערן דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע אַנטוויקלט דעם דורכאויס ריכטיגן און פרוכטבאַרן געדאַנק, אַז די הויפּט־סבה פון דעם דאָזיגן דורכפאַל ווי פון דער רוסישער, אַזוי אויך פון דער דייטשער, אונגאַרישער און עסטרייכישער רעוואָלוציעס, באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זיינען פאָרגעקומען ווי אַ *רעזולטאַט* פון *מלחמה, חורבונות און מפּלות*. דערינען באַשטייט דער טיפער, גרינדליכער אונטערשייד צווישן די *דאָזיגע* רעוואָלוציעס, פון איין זייט, און דער *גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע*, פון דער אַנדער זייט. די *לעצטע* האָט אויסגעבראָכן פון דער *אומגעהויערער שפע פּאָזיטיווע, שאַפנדיגע כוחות*, וואָס האָבן זיך געריסן פון אַ רייכן, פולבלוטיגן, איבערזעטיגטן סאָציאַלן אָרגאַניזם און געזוכט פאַר זיך אַ פרייען אויסוועג, געפאָדערט מער רחבות, אַ ברייטערע אַרענע צו פונאַנדערוויקלען זיך. די נצחון־פולע מלחמות, וואָס די רעוואָלוציע האָט דעמאָלט געפירט, זיינען געווען ניט איר *סבה*, נאָר איר *פועל־יוצא*, גופא דער רעזולטאַט פון אָט דער שפע ברויזנדיגע, שאַפנדיגע כוחות, וואָס האָבן געפליסט איבער די ברעגן. דערמיט דערקלערט זיך *דער גרויסער ערפאָלג* און

די סאָציאַלע פּרוכטבאַרקייט פֿון דער דאָזיגער רעוואָלוציע, וואָס האָט ווירקליך געעפֿנט מיט זיך אַ נייע עראַ פֿאַר דער געשיכטליכער אַנטוויקלונג. דאַגעגן, די לעצטע רעוואָלוציעס פֿון מזרח- און מיטל-אייראָפּע האָט געבוירן די שרעקליכע מלחמה מיט איר צעשטערונגס-גייסט און צעפֿאַלונגס-פּראָצעס, וואָס זי האָט אַרויסגערופֿן. זיי זיינען, בכן, אַ רעזולטאַט פֿון סאָציאַלער בלוטאָרימקייט, אָהנמאַכט און דעגראַדירונג. און דערינען ליגט דער סוד פֿון זייער סאָציאַלער אומפּרוכטבאַרקייט און פֿולער הינטערשטעליגקייט.

זעלטן ווען די געשיכטע גיט אַזעלכע שאַרפֿע באַלערנדיגע אילוסטראַציעס צו איר אמתן...

אָבער וואָס זשע פֿאָרט הייסט עס: די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַרף באַזירן אויסשליסליך אויף ריין פּאָזיטיווע, שאַפֿנדיגע, און ניט נעגאַטיווע, צעשטערנדיגע מאָמענטן?

מיר וועלן לאָזן אָן אַ זייט דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישן תוך פֿון דער פֿראַגע — דאָס וואָלט אונז שוין צו ווייט פֿאַרפֿירט, דאָס איז גאָר אַ גרויסע טעמע פֿאַר זיך — און וועלן זיך אָפּשטעלן בלויז אויף איר מאָראַל-געזעלשאַפֿטליכן מהות. אין די פֿריהערדיגע קאַפּיטלאַך האָבן מיר זיך באַמיהט צו באַווייזן, אַז אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז דער סובּיעקטיווער מאָמענט, אָט יענע אינעווייניגסטע פּסיכישע פּראָצעסן, וואָס דאַרפֿן איבערשמעלצן די נשמה פֿון דעם טרעגער, בויער און שאַפֿער פֿון דער צוקונפֿטס-געזעלשאַפֿט, וואָס דאַרפֿן אים צוגרייטן, רייף מאַכן צו דער גרויסער געשיכטליכער מיסיע, — שטייען שטאַרק אָפּ פֿון אָביעקטיוון מאָמענט, פֿון יענע אָביעקטיווע כּחות און פֿאַקטאָרן, וואָס גרייטן צו דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישן באָדן פֿאַר דער קאָלעקטיוויסטישער ווירטשאַפֿט. די צענטראַלע, די וויכטיגסטע און פֿאַראַנטוואָרטליכסטע אויפֿגאַבע, וואָס שטייט פֿאַרן אַוואַנגאַרד פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — פֿאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — איז דעריבער: ערציהען, פֿאָרמירן און אויסבילדן דעם נייעם מענטשן. און, בכן — פֿון וואָס פֿאַר אַ פּאָזיטיווע, שאַפֿנדיגע מאָמענטן דאַרף דאָס באַשטיין אָט די סיסטעם פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער ערציהונג און וואָס פֿאַר אַ נעגאַטיווע, צעשטערנדיגע מאָמענטן דאַרף זי אויסמיידן?

קודם כּל, שוין אין דער ע צ ם א י ד ע אָ ל אָ ג י ע פ ו ן ק ל אַ ס ן־ק אַ מ ף דאַרף כּסדר נעמען די איבערהאַנט, דאַרף דורכאויס פּרעוואַלירן „די ליבּע צום וויטן“ איבּער דעם האַס צום נאָהענטן. ס'איז ניטאָ קיין לייכטערע, אָבּער, אין דער זעלבּער צייט, קיין געפערליכערע זאַך, ווי פונאַנדערוויקלען דעם האַס, באַזונדערס — דעם קלאַסן־האַס, וואָס האָט אונטער זיך אַזאַ פעטן און זאַפטינן באָדן. אויפרייצן די האַס־ליידנשאַפטן בּיי די מאַסן — דאָס איז די ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד. דאָס הייסט אָבּער אַרויסרופן פון פינסטערן נשמה־אָפּגרונד יענעם שוואַרצן קנויל פון פּרימיטיווע, בּלינדע אינסטינקטן, וואָס זיינען בּכח נאָר צעשטערן, נאָר חרוב מאַכן, אָבּער ניט בּויען ,ניט שאַפן. ווארום אין באַקאַנטן אפאריזם: „דער צעשטערנדיגער גייסט איז אין דער זעלבּער צייט דער שאַפנדיגער גייסט“, ווען איר נעמט אים, אָט דעם אַפאָריזם, אין אַלגעמיינעם, אויבערפלעכליכן זין, ניט פאַרטיפט, ניט אַריינגעטראַכט און ניט פונאַנדערגעקליבּן זיך אין זיין תוך, — דאַן שטעקט אין אים אַ גרויסער שקר. דאָס זיינען אין אמתן צוויי באַזונדערע, קעגנזעצליכע גייסטער, וואָס ציהען זייער ינוקה פון באַזונדערע, פון קעגנזעצליכע מקורים. דער ע ר ש ט ע ר שטאַמט פון די זומפּ־גאַזן, וואָס דער פוילונגס־פּראָצעס פון דער אַלטער אָרדענונג לאָזט פון זיך אַרויס. דער צ ו ו י י ט ע ר פליסט פון דער דורכגעדרונגענער ל י ב ע צ ו ם ו ו י ט ן, פונם רייסן זיך צום לייכטנדיגן שטערן, פון דראַנג צום אידעאַל.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אין רעאַלן לעבּן, איבּערהויפּט אין דער צייט פון רעוואָלוציע, גיסן זיי זיך אָפּט צונויף און באַהעפטן זיך אַזוי פעסט צוזאַמען, אַז אייך קאָן זיך אויסווייזן, אַז צווישן זיי איז גאָר קיין אונטערשייד ניטאָ, אַז בּיידע בּילדן איינס און דאָס זעלבּע. נאָר ס'איז גענוג אַביסל טיפער אַריינדרינגען אין תוך, איר זאָלט גלייך באַנעמען זייער באַזונדערקייט און קעגנזעצליכקייט, איר זאָלט דערפילן דעם טיפן תהום, וואָס ליגט צווישן זיי. קודם כּל דאַרף מען שאַרף אונטערשיידן צווישן דעם פּראָצעס פון ג ו ב ר ז י י ן, א י ב ע ר פ ו ר ע מ ע ן און א י ב ע ר־ד י כ ט ן, פון איין זייט, און ח ר ו ב מאַכן, צ ע ש ט ע ר ן, פון דער אַנדער זייט. יעדער אַנטוויקלונגס־ און שאַפונגס־פּראָצעס איז אין עצם אַ פּראָצעס פון איבּעראַרבּעטן, איבּערפורעמען און איבּערדיכטן דאָס אַלטע, פון גובר זיין דאָס אָפּגעלעבּטע. דאָס איז דער אַלגעמיינער

געזעץ פון לעבן און אַנטוויקלונג הן אין ביאָלאָגישער, הן אין סאָציאַלער ספערע. אָבער דאָ, אין דעם פאַל, ווערט דאָס אַלטע אין תוך אַריין כּלל וכלל ניט פ אַ ר נ י כ ט ע ט, נאָר בשעת עס לעבט זיך אויס און שעפּט זיך אויס אויף דער געגעבענער שטופע, ביי די געגעבענע פאַרבינדונגען, גיט עס איבער גופא אין פּראָצעס פון אָט דער איבעראַרבעטונג און איבער־פאָרמירונג זיין לעבנס־זאַפט דער ניי־געשאַפענער וועבונג, די ניי־אַנט־שטאַנענע פאַרבינדונגען.

צ ע ש ט ע ר ן אָ ב ע ר, א י ן א י י נ ג ע ן ז י ן פ ו ן ו ו אָ ר ט, הייסט מיט געוואַלד פ אַ ר נ י כ ט ן דאָס, וואָס האָט זיך נאָך ניט אויס־געלעבט, וואָס האָט נאָך אין זיך לעבנס־זאַפט, וואָס פאַרמאָגט נאָך שאַפנ־דיגע אימפּולסן. אַזאַ צעשטערונג פירט ניט צו אַ ה ע כ ע ר ע ר לעבנס־שטופע, נאָר פאַרקערט — צו דעגראַדירונג, צו פאַרעלנטקייט, צו דער פאַרמינדערונג פון לעבנס־קוואַל.

און דעריבער איז דער שאַפנדיגער גייסט, ד. ה. די שטרעבונג איבער־פורעמען, גובר זיין און איבערדיכטן, אַזוי דורכגעדרונגען און אָנגעזאַפּט מיט ברויזנדיגן לעבנס־לוסט, מיטן ליכטיגן געפיל פון תיקון־עולמות. אים איז דורכאויס פרעמד דער פוילונגס־גייסט פון האַס און רשעות, וואָס די חורבן־פּראָצעסן, די אויסלעשונג פון לעבן טראָגט מיט זיך.

אַצינד פרעגט זיך: וועלכער פון די ביידע גייסטער דאַרף ב אַ־וו ו ס ט ז י נ י ג ק ו ל ט י ו ו י ר ט ווערן? וואָס דאַרף דאָ זיין די אויפגאַבע פון דעם אַוואַנגאַרד פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי? דער ענטפער איז קלאָר: דער האַס איז פון זיך זעלבסט גענוג שטאַרק, גענוג מעכטיג. פּרובט זיך נאָר אויף איין מאָמענט אַרויסרייסן פון דער טאָג־טעגליכער רוטינע, וואָס שלינגט אייך איין, פּרובט זיך באַפרייען פון די געוויינטע, טאָג־טעגליכע געשעהע־נישן און פּאַסירונגען, וואָס נעמען אייך אַרום פון אַלע זייטן און זעהען אויס אין אייערע אויגן אַזוי נאַטירליך, אַזוי געוויינטליך, אַז קוים איר באַמערקט זיי שוין, שטעלט זיך אויף אַ ווילע אַן אַ זייט און גיט אַ בליק מיט אָפענע אויגן אויפן אומענדליכן ים פון האַס און רשעות, וואָס האָט פאַרפלייצט די מענטשהייט אין גאַנצן, ווי זי איז גרויס, ביז איבערן קאָפּ, און—אַ שוידער וועט אייך אָנכאַפּן: איר וועט דערזעהען באַשיימפּערליך דעם שרעקליכן תהום, וואוהין מיר קייקלען זיך אַזוי געשווינד. דער האַס, וואָס זאַמלט זיך שוין טויזנטער יאָרן נאָכאַנאַנד, האָט פאַר דער

לעצטער צייט דערגרייכט אַזאַ פֿאַרנעם, אַזאַ מדרגה פֿון אינטענסיווקייט, אַזאַ אומגעהויערע אָנשטריינגונג, אַז ס׳דוכט זיך, די גאַנצע וועלט איז פֿול מיט אים, ער רינגלט אייך אַרום פֿון אַלע זייטן, ער רייסט זיך אַריין דורך טיר און טויער, דרינגט אַריין דורך אַלע פּאָרן פֿון לעבן. נאָך מער פֿאַרשטאַרקן און פֿאַרטיפֿן אים איז אַן אומזין, אַ שרעקלעכער פֿאַרברעכן. פֿאַרקערט, ער מוז דורכאויס געלינדערט און געמילדערט ווערן, ווען איר ווילט נאָר, די ערד זאָל פֿון ימים בלוט ניט פֿאַרטרונקען ווערן און אין אַ וויסטן מדבר פֿאַרוואַנדלט ווערן. דאַגעגן, דער לייכטנדיגער שטערן איז הויך און ווייט, זיינע שטראַלן קוים זיי דערגרייכן צו אייך, קוים זיי דערוואַרעמען אייך. און עס מוזן געשאַפֿן ווערן ספּעציעלע רעזערוואואַרן, אַקומאַלאַטאָרן אַזוינע, וואָס זאָלן זאַמלען די שטראַלן-ענערגיע, וואָס זאָלן זיי צוציהען און אינטענסיפֿיצירן. ס׳מוזן געבילדעט ווערן דאָ אויף דער ערד זעלבסטשטענדיגע צענטרען, וואָס מיט זייער זיין, מיט זייער לעבן, דורך זייער טאָג-טעגליכער געזעלשאַפֿטליכער אַרבעט און פּאָליטישער טעטיגקייט זאָלן זיי פֿאַרשפּרייטן כּסדר אַרום זיך די ליכט און וואַרעמקייט פֿון דעם לייכטנדיגן שטערן, וואָס זאָלן אָנזאַפּן די גאַנצע אַטמאָספֿער אַרום מיט דער גרויסער און צאַפּלדיגער ליבע צום ווייטן. אַזוינע צענטרען-אַקומאַלאַטאָרן, אַזעלכע עמוד-האש דאַרפֿן מיט זיך בילדן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿטליכקייט מיט איר פֿאַלשקייט, פֿאַרדאָרבנקייט און צעפּוילטקייט, פֿון יענע פּאַרטייען און שטרעמונגען, וואָס ציהען זיך צום אָפּגעלעבטן און פֿאַרגייענדיגן, וואָס פֿאַרטיידיגן דעם גרויסן אומרעכט, די מענטשליכע אונטערדריקונג און עקספּלאָאַטאַציע, דאַרפֿן זיי זיך אויסטיילן מיט זייער טיפֿן אידעאַליזם, מיטן אמת און ריינקייט פֿון זייערע קאַמפּס-מעטאָדן. ווי פֿאָרבילדער פֿון דער צוקונפֿטס-געזעלשאַפֿט, דאַרפֿן זיי מיט זיך פֿאָרשטעלן די באַרג-שפּיצן פֿון מענטשליכן גייסט, די לייכט-טורעמס פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

ווען מיר שטעלן אָבער די פֿראַגע: צי דערפֿילן ווירקליך די עקסיסטירנדיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען די דאָזיגע גרויסע געשיכטליכע מיסיע? מוזן מיר, צום גרויסן באַדויערן, געבן אַ ציינד דערויף אַ שאַרף נעגאַטיוון ענטפֿער. מיר שטרייכן אונטער דאָס וואָרט „אַצינד“. אמת, נאָך די אַלטע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט דאָ געהאַט היפּש צו פֿאַר-

צייכענען אין איר פּאַסיוו: דאָס איז איר פֿאַלשע אידעאָלאָגישע באַציהונג צום עטישן מאָמענט, צו דער דיקטאַטור-פּראָבלעם און דאָס, וואָס זי האָט ניט באַנומען ווי געהעריג די לעבנס-וויכטיגע און אחריות-פֿולע אויפֿגאַבע אירע צו ערציהען און אויסבילדן דעם נייעם מענטשן. אָבער דאָך האָט זי אַ טיפֿער תהום אָפּגעטיילט פֿון דער אַרומיגער בורזשואַזער וועלט און בורזשואַזער געזעלשאַפֿטליכקייט, און עס האָט זיך אין איר געפֿילט דער ברען און פּאַטאָס פֿון די העכסטע מענטשליכע אידעאַלן, דער גרויסער מאָראַלער ציטער, דער גייסט פֿון ריינעם הומאַניזם און טיפֿער מענטשליכקייט. אָבער די שרעקליכע דעמאָראַליזאַציע, וואָס די מלחמה און, הויפּטזעכליך, דער באָלשעוויזם האָבן אַריינגעגאָסן אין די אַרבעטער-רייען, האָבן אָט דעם מאָראַלן תהום צווישן דער בורזשואַזער און פּראָלעטאַרישער וועלט, צווישן דער בירגערליכער און פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפֿטליכקייט כמעט אינגאַנצן פֿאַרשאָטן. פֿון באָלשעוויסטישן פֿליגל שוין אָפּגערעדט. איין געדיכטער שוואַרצער פֿלעק פֿון וואַנדאַליסטישע ווילדקייט און ברוטאַליטעט דעקט גלייך צו ווי די באָלשעוויסטישע, אַזוי די פֿאַשיסטישע, די רעאַקציאָנער-שאָוויניסטישע באַוועגונגען. איין פֿינסטערער גייסט פֿון טיפֿן מיטלאַלטער, וואו יעדער פֿרייער געמיט ווערט פֿאַרשטיקט, שמעלצט זיי צוזאַמען און ווישט לגמרי אָפּ די שיידונגס-ליניע צווישן זיי: די זעלבע שקר און צביעות, דאָס זעלבע אויפֿרייצן די נידעריגסטע אינסטינקטן פֿון המון, און ווער ווייס נאָך, וועמען פֿון זיי געהערט די בכורה... נאָר אפֿילו די אַנטי-באָלשעוויסטישע סאָציאַליסטישע רייען האָט די אַלגעמיינע דעמאָראַליזאַציע ניט אויסגעמידן. נאָך אַצינד מערקט זיך דאָ גאַנץ שטאַרק די ווירקונג פֿון די וויסטע נאַציאָנאַליסטיש-פּאַטריאָטישע מלחמה-ירושות, איר פֿילט דאָ עפּעס אַזוי ווי אַ גייסטיגע אָרימקייט, אָפּגעבליאַקעוועטקייט, אַ מין גייסטיגע דעגראַדאַציע און נידערשלאָגנקייט. ניטאָ אַמאָליגער ברען און פּאַטאָס, איבערן אַלגעמיינעם גראַען פֿאָן איז כמעט ניט צו מערקן די אַמאָליגע כוואַליעס פֿון באַגייסטערונג און אידעאַליזם. און אַלץ זעהט דאָס אויס עפּעס אַזוי נודנע-וואָכעדיג, כמעט ווי אין דער בירגערליכער סביבה אַרום...

נעמט, ווי אַ אילוסטראַציע, גופֿא די באַציהונג פֿון דער סאָציאַליסטישער וועלט צום באָלשעוויסטישן טעראָר. נאָך מיט אַ יאָר צוריק איז אונז אויסגעקומען צו שרייבן וועגן דער זעהר כאַראַקטעריסטישער

באַציהונג פון „אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־קאָנגרעס" אין האַמבורג צום דאָזיגן טעראָר:

„מ'מוז אָפן זאָגן: די מעשים תעתועים פון „טשעקא", וואָס האָבן אונז געשלײדערט העט ווייט צוריק, צו די פינסטערע עפּאָכן פון מיטל־אַלטער, די אומענדליכע טויט־שטראָפן, וואָס לויט זייער אומגעהויער־גרויסער צאָל, האָבן זיי קיין גלייכן ניט אין דער מענטשליכער געשיכטע, האָבן אין דער סאָציאַליסטישער וועלט ניט אַרויסגערופן אָט דעם שרעק און שוידער, אָט יענע צאָרן־אויפטרייסלונג און מאָראַלן ווידערשטאַנד, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט אַרויסרופן.

„די סאַמע קראַנקע, סאַדיסטיש־פאַרקריפלטע פאַנטאַזיע וואָלט מיט צען יאָר צוריק גאָר ניט געקאָנט אויסמאָלן זיך אַזאַ אומגעלומפּערט־העסליך און שוידערהאַפט בילד, ווי סאָציאַליזם און טויט־שטראָף, סאָציאַליזם און דער אינסטיטוט פון תּלינים, סאָציאַליזם און אַן „אָכראַנקע", וואָס איז נאָך ווילדער און ברוטאַלער פאַר דער צאַרישער „אָכראַנקע"! מיט שרעק און שוידער וואָלט זיך יעדער סאָציאַליסט, און אפילו ניט נאָר אַ סאָציאַליסט, אָפּגעטרייסלט פון אַזאַ עכט־טייוואָלישן קאָשמאַר, און אַצינד איז אָט דער עכט־טייוואָלישער קאָשמאַר אַ שטיק לעבעדיגע ווירקליכקייט געוואָרן, און מיר קוקן גלייכגילטיג און שווייגן.

„אָט האָט זיך גאָר ניט לאַנג, שיעור ניט ערב קאָנגרעס, געלאָזט הערן אַ געוואַלדיגער וויי־געשריי פון רוסלאַנד ווען די צעשאָסענע אין גרוזיע דורך די באָלשעוויסטישע תּלינים אַלטע, אָנגעזעהענע סאָציאַליסטישע טוערס, ווען די געפּייניגטע אין די באָלשעוויסטישע קאַזעמאַטן אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן, וואָס האָבן שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און געפּרובט זיך זעלבסט פאַרברענען, כּדי מאַכן אַ סוף צו זייערע אומער־טרעגליכע ליידן.

„איז דער קאָנגרעס פון דעם אויפגעטרייסלט געוואָרן? האָט ער אויס־געבראָכן מיטן שאַרפסטן און אַנטשיידנסטן צער־ און צאָרן־פּראָטעסט? האָט ער אויפגעשטעלט דעם גרעניצלאָזן תּהום צווישן זיך און די קאָמו־ניסטישע תּלינים? האָט ער הויך, פאַר דער גאַנצער וועלט אויסגעשריען וועגן „אין לו חלק ונחלה", וועגן „לא יבא בקהל"?

„ניין, דאָס אַליין האָט ער ניט געטאָן! און דאָס, וואָס ער האָט יאָ געטאָן, וואָלט שוין פיל גלייכער געווען, ער זאָל דאָס אויך ניט טון... דער קאָנגרעס האָט ניט באַנומען, אַז די באָלשעוויסטישע פּראָבלעם איז

ניט קיין לאָקאַלע רוסלענדער, נאָר אַן אַלגעמיין סאָציאַליסטישע פּראָבלעם, אַז זיין באַציהונג צו ראַטן־רוסלאַנד האָט אין האַמבורג געדאַרפט פאַרנעמען אַ צענטראַלן אָרט, אויב נישט דעם סאַמע צענטראַלן אָרט. ער האָט ניט באַנומען, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן מאָראַלן פּרעסטיזש פון סאָציאַליזם, נאָר וועגן זיין עצם וועזן, וועגן זיין מאָראַלן מהות... האָט מען אין האַמבורג פאַרוואָרפן די סאָציאַליסטישע בכורה: פון רעכטס — צוליב אָרטיגע און צייטווייליגע פּאָליטישע חשבונות, צוליב אַ טעלער לינזן פון „רעאַלער פּאָליטיק", און פון לינקס — צוליב אויסגעזויגטע פאַרשימלטע שיריים פון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק. און די פאַרהאַנדלונגען וועגן רוסלאַנד, די רעזאָלוציע, וואָס איז אַרויס פון דער הינטער־קוליסן־קיך אַ צעהויקערטע, אַ צעקאַליעטשעטע, האָט געלאָזט נאָך זיך דעם שווערסטן און טרויעריגסטן איינדרוק.

„און אַצינד — כּלפּי חוץ, לגבי דער אויסערער וועלט?

„קעגן דער אַלגעמיינער רעאַקציע, קעגן פאַשיזם, קעגן ווייסן טעראָר האָט מען דוקא געצאָרנט און געדונערט. אָבער וואָס פאַר אַ זין און וואָס פאַר אַ ווערט קאָן דאָס האָבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איינגעהאַלטענער, מעסיגער, שיעור ניט מילדער באַציהונג צום באָלשעוויזם און רויטן טעראָר? וואָס איז דאָס — צוויי מאָסן און צוויי וואָגן?.."

די אילוסטראַציע רעדט אַליין פאַר זיך.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אַזוי ווי גייסטיג קאַפּיטולירט פאַרן מאַקסימאַליזם. די זינד פון מלחמה־יאָרן, וואָס דריקן אויף אירע פּלייצעס, ווי אַ שווערע לאַסט, האָבן איר די פליגלען אונטערגעשלאָגן, און עס זעהט אויס אַזוי, ווי זי וואָלט מער ניט פאַרמאָגט דעם אינעווייניגסטן כּח און מוט אויפצוהויבן זיך אויף יענער הויך, וואו ס'זאָל קיין שליטה ניט האָבן דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער היפּנאָז פון מאַקסימאַליסטישן עקסטרעם, דער היפּנאָז פון דעם צייטווייליגן ערפאָלג, וואָס זיין צופּאַסן זיך צו די נידעריגסטע אינסטינקטן פון המון פאַרשאַפט איס. דערינגען שטעקט אַ ערנסטע געפאַר פאַר דער צוקונפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ווייל נאָר יענע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס וועט זיך אויפהויבן אויף דער געהעריגער מאָראַלער הויך, איבער דער גאַנצער אַרומיגער גראָער און ברוטאַלער שוואַרצער און רויטער געזעלשאַפטליכקייט, וואָס וועט דערצו פאַרמאָגן אין זיך די

געהעריגע אינעווייניגסטע מאָראַלע פעסטקייט און זיכערקייט, וועט באַקומען די אידייאישע העגעמאָניע און וועט קאָנען דערפילן די געשיכטליכע מיסיע צו שטעלן זיך אין אַוואַנגאַרד פון דער באַוועגונג, וואָס וועט ווירקליך פירן צום סאָציאַליזם.

און זאָל זי אין איצטיגן מאָמענט, אין מאָמענט פון דור־המדבר־בין־השמשות, ניט האָבן דעם געוואונשטן ערפאָלג, טאָר עס זי ניט אָפּשרעקן, ווייל די צוקונפט געהערט איר און איר ענדגילטיגער נצחון איז געזיכערט. און שוין אַצינד הויבט זיך אָן צו מערקן צווישן די אַרבעטער־מאַסן אַ ערנסטע בייִנקשאַפט נאָך אַזאַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטליכן צענטער, וואָס זאָל פאַרמאָגן די גרויסע מאָראַלע צוציהונגס־און צויבער־קראַפט, נאָך אַזאַ פּאַרטיי, וואָס זאָל ווירקליך, ניט אויסערליך, נאָר אינעווייניג, אין תוך אַריין פאַרטיפן די רעוואָלוציע דורך דעם, וואָס זי וועט קודם כל איבערווינדן אין זיך זעלבסט די אַלטע וועלט מיט איר שקר און פאַרדאָרבנקייט, גובר זיין אין זיך זעלבסט דעם אַלטן מענטשן מיט זיינע בלינדע, פינסטערע אינסטינקטן און וועט די גאַנצע כוחות קאָנצענטרירן אויף אויפצוהויבן די מאַסן אויף דער זעלבער געזעלשאַפטליך־מאָראַלער הויך. דער דייטשער אַרבעטער, וואָס האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג אויסגעשריען מיט גרויס ליידנשאַפט: „איך וויל ניט קיין רעכטע, איך וויל ניט קיין לינקע, איך וויל אַן ערליכע פאַרטיי!" האָט אין איינפאַכע, אָבער קלאָרע ווערטער אויסגעדריקט די דאָזיגע טיפע בייִנקשאַפט. און נאָר יענער פאַרטיי, וואָס וועט זיין אימשטאַנד די דאָזיגע בייִנקשאַפט באַפרידיגן, געהערט די צוקונפט. ווארום — די ערד דרייט זיך פאָרט! מיר גייען דאָך אומפאַרמיידליך פון ווילדקייט און קנעכטשאַפט צו הומאַניזם און פרייהייט, און דער וועג אַהין פירט ניט דורך מדבריות פון דעספּאָטיזם און וואַנדאַליזם, נאָר דורך פּראָצעסן פון פרייער שאַפונג און שטייגנדיגער מענטשליכקייט. דאָס איז דער איינציגער געשיכטליכער דרך־המלך, די אַלע אַנדערע, זייטיגע וועגן און שטעגן מוזן פאַרשווינדן. און מוטיג און דרייסט טרעט איבער אים דער, וואָס פאַרמאָגט ווירקליך אַ היסטאָרישן חוש.

---